STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03904

# YOM-TEV SHTIMUNGEN

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מ. ספעקטאר.

# יום־טוב שטימונגען

פערלאג „השחר"

ווארשא תר"ע.

דרוק „הצפירה", פינסקא 40.

אין אַמעריקאַ זענען די „יו״ט שטימונגען׳ פון מ. ספּעקטאָר „קאָפּירייט־
טעד״ (געזעצליך רעגיסטרירט) אויף דעם נאָמען פון דוד פּינסקי.
ניו־יאָרק.

# אינהאלט פון די אבטיילונגען:


1 פסח.

2 ל"ג בעומר.

3 שבועות.

4 ימים נוראים.

5 סוכות.

6 חנוכה.

7 פורים.

# פסח.

# אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| אויף געסדר'ט | זייט | 7. |
| געהויבען די שיסעל | „ | 14. |
| בעגנייט זיך אויף פסח | „ | 25. |
| דאס פסח'דיגע געפעס | „ | 35. |
| די פינפטע קשיא | „ | 38. |
| זארג | „ | 47. |
| מיין שייגעץ און די קנוידלעך | „ | 57. |
| ווי ווער עס פרייט זיך אום יום-טוב | „ | 62. |
| דער ערשטער סדר | „ | 72. |
| דער דאקטאר פילאזאף | „ | 81. |
| וועלוועל דער שיבער | „ | 90. |



# אויך גע'סדר'ט.

## I.

דעם גאנצען ווינטער האט הנה געוויינט.

זינט דאס אומגליק האט איהר געטראפען, האט זי נישט אויסגעהערט קלאגען, דאס גאנצע לעבען איז איהר איבריג געווארען. צו וואס טויג איהר לעבען, אז איהר מאן איז געשטארבען? פארוואס איז זי פריהער נישט געשטארבען? די גאנצע וועלט איז פאר איהר פינסטער; צו וואס ווערט אלע אין דערפריה — טאג? צו וואס שיינט די זון? צו וואס טויג אלעם אויף דער וועלט, אז עס איז ביי איהר צוגענומען געווארען די קרוין פון קאפ? אליין מיט א קליין יתום'ל האט ער זי איבערגעלאזט עלענד אויף דער וועלט ווי אין דער מדבר.

און הנה פלעגט דעם גאנצען ווינטער נישט אויפהערען צו קלאגען און וויינען, גאר נישט געטהון, אפילו „א האנד אין קאלט וואסער נישט אריינגעלעגט" — צו וואס טהון? פאר וועמען? — אליך איינס...

— מען דארף זיך אומקוקען אויף זיך, ארדנונג מאכען אין שטוב; ווי אזוי לאזט מען זיך אזוי אב, ביזט נאך א יונג מענש... גאט גיט און גאט נעהמט... גענוג... — פלעגען זי בעקאנטע שכנים טרייסטען.

הנה'ן פלעגט פערדריסען אזויגע ווערטער פון נארישע מענשען, וועלכע מיינען, אז פון זייער טרייסטען ווערט איהר גרינגער און זי וועט געהאלפען ווערען. זייערע ווערטער, אז „זי איז נאך יונג" האבען זי געשטאכען ביז אין דער זיבענטער ריפ און זי פלעגט פון כעס גאר נישט זיין ענטפערן. איהר מאן איז געשטארבען, איהר וועלט איז פערפאלען און צו וואס לעבט זי — ווייסט זי נישט. —

און חנה האט נישט אויפגעהערט צו קלאגען און איהרע אויגען האבען נישט אויפגעהערט צו טריקענען פון פיעל טרעהרען.
די בעקאנטע שכנים האבען זי אויפגעהערט צו טרייסטען.

---

## II.

דער קאלטער ווינטער מיט זיינע לאנגע נעכט, קורצע טעג, מיט דעם פערחמארעטען הימעל און מיט דער מינוטענדיגער זון איז אוועק, און עס זענען אנגעקומען די ערב=פסח'דיגע טעג.

די זון האט אנגעהויבען לענגער, ליעבער און געטרייער צו ווארעמען, די פענסטער האט מען געעפענט און דאס לעבען פון גאס הערט זיך מעהר אין שטוב, עס ציהט, עס רייסט יעדען אויף דער גאס ארויס אונטער'ן הימעל, און דא איז ערב פסח, מען דארף אזוי פיעל איינקויפען און אנגרייטען אויף דעם גרויסען יום=טוב... מען רעש'ט מיט די מצות, פיש, פלייש, אינדיקעס, ניי געפעס, מיט כשר'ן אלטע כלים, מיט כשר פסח'דיג מאכען די גאנצע שטוב. געלד לויפט ווי וואסער, טהיר און טויער זענען אפען, יעדער איז פערנומען, פערהאראוועט, נישט דא קיין צייט די נאז אבווישען. מען פילדערט, מען לויפט. אין דער לופט הערט זיך דאס זיפצען, דאס קרעכצען פון דעם שווערען יום=טוב... די פיס האקען זיך אונטער פון די פיעל ארבייטען, און דער קאפ דרעהט זיך פון דארפען האבען אזוי פיעל געלד אויף יום=טוב. —

נישט בעמערקענדיג, נישט ווילענדיג האט דער ערב=פסח'דיגער רעש ווי א שטארקער ווינד אויך חנה'ן ארייגעהאפט. זי לויפט אויך צום בעקער וועגען מצות, זי קויפט אינדיקעס, זי כשר'ט, זי וואשט און רוימט אין שטוב און האט קיין צייט נישט גלייך מיט אלע שכנים. זי איז אזוי פערנומען, אז ווי יעדע מאמע פאר פסח שרייט זי אויך אן אויף איהר חיים'לען, דאס יתומ'ל, ער זאל איהר נישט שטערן אין דער ארבייט: „עס איז היינט ערב פסח און עס איז נאך דא אזוי פיעל ארבייט".

---

## III.

אין אַלע הײַזער האָט מען שוין פערברענט דעם חָמץ, אומעטום איז אויסגערוימט און פסח׳דיג, אפילו ווײַן אויף אַרבע כּוסות איז שוין אויך אָנגעגרייט; אין די אויווענס איז שוין אײַנגעהייצט, עס פלאַקערט אַ ליכטיג יום־טוב׳דיג פײַער׳ל, און די נײַע פסח׳דיגע טעפּלעך זידען און רעדען אַזוי פרעהליך.

בײַ הנה׳ן איז שוין אויך אומעטום אויסגערוימט — פסח׳דיג; עס שײַנט, עס פינקעלט פון יעדען ווינקעלע, פון יעדער זאַך, וואָס געפינט זיך אין שטוב.

הנה האָט שוין מעהר קיין אַרבײַט נישט. זי זעצט זיך צו, זי בעטראַכט אַלעס און לאָזט אַראָב די הענד.

— צו וואָס? פאַר וועמען דאָס אַלעס? — פרעגט זי זיך טרויעריג און די טרעהרען שטיקען זי נאָך שטאַרקער ווי דעם גאַנצען ווינטער.

— פער׳רעש׳ט זיך, אָנגעאַרבײַט זיך, צו וואָס? פאַר וועמען? ווער דאַרף דאָס אַלעס? — הערט זי נישט אויף רעדען צו זיך אַליין און שטיל אָהן ווערטער בלײַבט זי לאַנג זיצען אויף איין אָרט מיט אַראָב־געלאָזטע הענד און קאַלטבלוטיג צו אַלעס.

אַ שעה איז אַזוי אַוועקגעגאַנגען, און שטיל און טרויעריג איז בײַ הנה׳ן אין שטוב ווי אויף דעם בית־הַקברות. —

פּלוצים עפענט זיך ראַשענדיג די טהיר און הײַמ׳ל לויפט אַרײַן פרעהליך און לעבעדיג, מיט דעם דאַשעק פון היטעל אין דער זײַט, און שיסט אויס אַלעס מיט איין מאָל, האַפּענדיג אַלע ווײַלע דעם אָטהעם:

— מאַמע, מאַמעניו, זײַ זענען שוין אָנגעטהון!... זײַ שפּיעלען זיך שוין... יעקעלע אין נײַע שטיוועלעך, פערעלע אין אַ נײַ קליידעלע, אַלע... אַלע... בערעלע׳ן האָט מען געגעבען אַ גאַנצע מצה, יוסעלע האָט אַ פולע קעשענע ניס... מאַמעלע טײַערע, טהו מיך אויך אָן... איך וועל זיך נישט אויסשמירען... גיב מיר מצה... ניס... אַ סך ניס...

הײַמ׳ל האַפּט קוים דעם אָטהעם און קלאַפּט ווײַטער:

מאַמע, מאַמעניו, ווען זעצען מיר זיך צום סדר? איך קאָן פרעגען די פיער קשיות... דער רבי האָט מיך אויסגעלערנט מיט אַלע קינדער אויסענווענדיג... מאַמע, פאַרוואָס געהסט דו אָנגעטהון אין אַלטען?... יוסעלע׳ס מאַמע האָט זיך שוין אָנגעטהון פסח׳דיג... יום־טוב׳דיג... עס איז אַזוי שען, אַזוי טרוקען אין דרויסען... טהו מיך אָן גיכער, מאַמע!....

— באַלד, באַלד, מײַן קינד! — האָט חנה זיך געריהרט פון איהר אָרט און האָט אָנגעהויבען אײַלען זיך. זי האָט נאָך אַזוי פיעל צו טהון... אַזוי פיעל אַרבײַט... אומעטום האָט מען שוין אין אויוען אײַנגעהײַצט... זי דאַרף נאָך דאָס קינד אַרומוואַשען און אָנטהון...

אין אַ שעה אַרום האָט זיך בײַ חנה'ן אין אויוען שוין אויך געהײַצט און נײַע פסח'דיגע טעפּלעך האָבען פרעהליך געזאָטען... פון דרויסען הערט חנה דאָס פרעהליכע קול'כעל פון חיים'לען, ער שפּיעלט זיך מיט די קינדער... אין אויוען קנאַקט אַ שען יום־טוב'דיג פײַער'ל, די נײַע טעפּלעך זידען נאָך פרעהליכער. חנה אײַלט זיך — עס איז נאָך דאָ אַזוי פיעל אַרבײַט, ביז אָבענד דאַרף אַלעס פאַרטיג זײַן...

---

## IV.

אויף דער נאַכט. דער רעש אין גאַס האָט אויפגעהערט, אַלע קלייטען, אַלע געשעפטען זענען פערמאַכט, אַלע הײַזער זענען בעלויכטען, נאָר נאָך ליכטיגער איז אין שול און אין די בתי־מדרשים.

מען געהט שוין פון דאַווענען.

— אַ גוט יום טוב, מאַמע! — האָט חיים'ל געזאָגט קומענדיג פון שול.

— אַ גוט יאָהר, מײַן קינד!

חיים'ל זעהט, ווי זײַן שענע מאַמע איז אָנגעטהון יום־טוב'דיג. שוין לאַנג אַז ער האָט זי נישט געזעהן אָנגעטהון. דער טיש איז געדעקט, אויף דעם טיש שטעהען די זילבערנע לײַכטער מיט די בענש־ליכט, פלעשער ווײַן, כוסות... אַליהו הנביא'ס כוס... זײַן קלײַן כוס'על... אויבען אָן אַ הסבֿ־בעט מיט ווײַסע אָנגעצויגענע קישענס... אַלעס, אַלעס ווי פאַר אַ יאָהרען, נאָר דער טאַטע איז נישט דאָ...

חיים'ל ווערט טרויעריג, נאָר ער האָט מורא צו זאָגען, די מאַמע זאָל נישט וויינען, זי ווײַנט שטענדיג, אַז מען דערמאָנט דעם טאַטען. חיים'ל שווײַגט און לאָזט אַראָב די אויגען אויף אליהו הנביא'ס כוס... און עס פאַלט איהם אײַן אַ גליקליכער געדאַנק, אַז בײַ'ם הײַנטיגען סדר, ווען מען וועט עפענען די טהיר, אליהו הנביא זאָל אַרײַנקומען אויסטרינקען זײַן כוס, וועט ער נישט אַראָבלאָזען די אויגען פון דער טהיר

און פון זיין כוס — ער מוז זעהן ווי ער טרינקט; און ווי ער וועט איהם נאָר דערזעהן, וועט ער איהם בעטען, ער זאָל שוין אַראָפּברענגען משיח׳ן. דעמאָלט וועלען אַלע מתים לעבעדיג ווערען און זיין טאַטע אויך. ער וועט איהם דערצעהלען, ווי זיין מאַמע וויינט שטענדיג, וואָס דער טאַטע איז נישט דאָ. ער וועט בעטען און וויינען פאַר איהם, ער זאָל לעבעדיג מאַכען זיין טאַטען, אַלע יונגלעך אין חדר האָבען טאַטעס און ער נישט... אליהו הנביא וועט איהם נישט אָבזאָגען, ער איז אַזאַ גוטער, חיים׳ל האָט איהם שטענדיג אַזוי ליעב, ליעבער פון אַלע, ער האָט אַזוי פיעל שענע, טייערע מעשות געהערט דערצעהלען וועגען איהם, ער קאָן אַליין אַ סך מעשות נאָכדערצעהלען: ווי „אליהו הנביא פאָהרט אין דער לופטען רייטענדיג אויף אַ פייערדיג פערד", ווי „אַנ׳אָרימער יוד האָט פערלאָרען אויף דעם יריד פרעמד געלד, האָט איהם אליהו הנביא אונטערגעוואָרפען אַ „ביי-גאַרטעל", און ווען דער יוד האָט גענומען איבערצעהלען, האָט ער געצעהלט דריי טעג מיט דריי נעכט — אַזוי פיעל געלד איז דאָרט געוועזען... אַנ׳עושר איז דער אָרימער יוד געוואָרען!" חיים׳ל ווייס אויך די מעשה מיט דעם „איש חסיד", ווי אליהו הנביא האָט איהם בעגעגענט אויף דעם יריד.

— ער איז אַזאַ גוטער, אַזאַ גוטער, ער וועט מיר נישט אָבזאָגען, אַז איך וועל איהם בעטען; איך זאָל איהם נאָר דערזעהן, — האָט חיים׳ל געטראַכט און פעסט בעשלאָסען, אַז ווען מען וועט עפענען די טהיר, זאָל ער נישט אַראָבנעהמען קיין אויג פון אליהו׳ס כוס...

---

## V.

— מען קאָן זיך שוין זעצען צו׳ם סדר, — האָט חנה געזאָגט און חיים׳לען אַנידערגעזעצט אויף דער „הסב-בעט".

אַריינקוקענדיג אין איהר הגדה מיט עברי-טייטש, האָט חנה געמאַכט די „קערה" און זי אַנידערגעשטעלט פאַר חיים׳לען.

מען האָט אָנגעגאָסען די כוסות און חיים׳ל האָט קדוש געמאַכט.

ווען עס איז געקומען צו „מה נשתנה", האָט חיים׳ל געוואָלט פרעגען די פיער קשיות.

— ניין, — האָט חנה געזאָגט מיט שטעהענדיגע טרעהרען אין די

אויגען. — איך װעל דיך פרעגען און דו שװײַג ביז עבדים היינו״...

חיים׳ל האָט זיך צולאַכט װי אַ מאַמע װעט פרעגען די קשיות. ער האָט געשװיגען ביז זי האָט אָבגעזאָגט „מה נשתנה״, און דערנאָך האָבען זײ בײדע צוזאַמען װײַטער געזאָגט די הגדה.

נאָכ׳ן טרינקען דעם צװײטען כוס און נאָך דעם װאַשען זיך האָט חנה װידער אַ קוק געטהון אין איהר הגדה און געזאָגט חיים׳לען:

— נעהם אַלע דרײַ מצות אין דער האַנד און זאָג מיט כונה דעם „הנני״ און מאַך די ברכה, ברעך אָב פון דער גאַנצער מצה אַ כזית און עס אָנגעלעהנט.

חיים׳ל האָט אַזױ געטהון.

— פאַר װאָס׳זשע טײלסט דו ניט מיר קײן שטיקעל מצה, עס שטעהט אין דער הגדה, אַז װער עס פּראַװעט דעם סדר, דער דאַרף איטליכען טײלען.

— נאַ מאַמעניא, נאַ!... האָט חיים׳ל געשטופּט אַ שטיקעל מצה גלײַך דער מאַמען אין מויל אַרײַן און חנה האָט לאַכענדיג געגעסען פון זײַנע הענדליך.

חיים׳ל האָט שוין לאַנג זײַן מאַמען ניט געזעהן לאַכען און איז דערפון זעהר פרעהליך געװאָרען, אַז פון גרויס שמחה האָט ער געװאָלט פון זײַן הסב-בעט איבערשפּרינגען צו איהר אויף די הענד, נאָר זי האָט איהם געבעטען:

— זיץ, מײַן קינד, אויף דעם הסב-בעט, דו פּראַװעסט דאָך דעם סדר װי אַ גרויסער!

חיים׳ל איז װידער געזעסען שטיל אויף זײַן הסב-בעט, „װי אַ גרויסער״....

מען האָט דערלאַנגט דאָס עסען, פיש, דערנאָך די קנײדליך מיט יויך און נאָך פּסח׳דיגע מאכלים.

... און חיים׳ל זעהט, װי עס עפענט זיך די טהיר... און עס קומט אַרײַן אליהו הנביא אײן אַלטיטשקער, אַ גוטענקער, אַ פרעהליכער מיט אַ װײַס זילבערנער באָרד און אַ װײַסע זײַדענע קאַפּאָטע געשטיקט מיט זילבער אַזױ װי אײן עטרה פון אַ טלית, ער געהט צו צו זײַן כוס און טרינקט אָב אַביסעלע, אַז עס איז ניט צו דערקענען, דאָס מען האָט געטרונקען...

חיים׳ל לאָזט ניט אַראָב די אויגען פון איהם און װיל איהם אָנגעמען בײַ זײַן אַרבעל און אָנהויבען דערצעהלען זײַן בקשה, נאָר חיים׳ל קאָן ניט רעדען, ער פּריװוט רעדען און קאָן ניט... און צו זײַן גרויס

וואונדער זעהט ער ווי אליהו זעצט זיך בײַ'ם טיש און זאָגט: איך בין שוין היינט געוועזן אויף דער גאַנצער וועלט, אין אַלע יודישע הייזער האָב איך שוין געטרונקען מײַן כוס, איצט וויל איך זיך דאָ אַביסעל אָבּרוהען, ווײַל דו, היימ'ל, האָסט מיך געוואָלט זעהן, און בײַ מיר עפּעס בעטען, קום אַהער, שעם זיך ניט, און ער זעצט היימ'לען בײַ זיך אויף די קניה און מיט זײַן גלאַטער ווײַסער האַנד גלעט ער היימ'לען איבער דעם פּנים, אַז עס ווערט איהם אַמחיה אין יעדען אבר און ער זאָגט היימ'לען, אַז הײַנטיגס יאָהר וועט משיח קומען, אַלע טוידטע וועלען לעבעדיג ווערען און זײַן טאַטע אויך...

אויף היימ'לס ליפּען בעווײַזט זיך אַ שמייכעל פון שמחה, וואָס ער וועט זעהן זײַן טאַטען....

הנה קוקט אויף איהר היימ'לען און זעהט ווי איהר זוהן שמייכעלט פון שלאָף.

זיצענדיג אויף דער הסב־בעט איז היימ'ל באַלד נאָך די קגייד־ליך מיט אַ האַלבען ביסען אין מויל לאָזענדיג אײַנגעשלאָפען געוואָרען...

— „אַ קינד? אַ טראָפּען ווײַן שלאָפט עס שוין.... דאָס גאַנצע פלייש איז געבליבען, ווער זאָל עסען?... רעדט הנה צו זיך ניט אראָב־נעמענדיג די אויגען פון איהר זוהן, וועלכער איז איצט שען בײַ איהר אין די אויגען ווי די גאַנצע וועלט, זײַנע בעקעליך זענען פאַרביג, דער שטערן ווײַס, שוואַרצע האָר און אויף די ליפּען שפּיעלט אַ זיסער פרעהליכער שמייכעל... ווי צוויי טראָפּען — ער...

זי נעמט היימ'לען אויף די הענד איבערטראָגען איהם אויף זײַן בעטיל און דריקט איהם צום האַרצען און קושט איהם יעדעם אבר.

— גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט הסד... ניט צו פערזינדיגען, בײַ מיר האָט מען אויך געפּראַוועט דעם סדר... בײַ מיר איז אויך יום־טוב.... — מײַן קרוין! מײַן „מלך!“... הערסט היימ'ל? איך וועל שוין מעהר ניט וויינען, איך וועל לעבען, לעבען, היימ'ל!...

און היימ'ל איז געשמאַק געשלאָפען מיט זיסע חלומות ווי אַלע גליקליכע קינדער אין דער סדר־נאַכט.

---



# „געהויבענע די שיסעל״.

## I.

ברײנדעל האָט געהאַט אַ װיסטע דאָליע בײ יוסל־לײב׳ען.

די גאַנצע שטאָדט האָט געהאַלטען פון איהם, װער שמועסט די װײבער, זײ פלעגען זיך פראָסט בענשען מיט יוסל־לײבען, אַלע פלעגען זיך װינשען זײערע קינדער זאָלען, אָהן זײן שאָדען, האָטש אַ האַלב אויסװאַקסען װי ער. אַ יוד װאָס זינט ער לעבט האָט ער קײן אײנציג מאָל ניט פערפעהלט געהן דאַװנען אין בית־המדרש, דער ערשטער איז ער געקומען און דער לעצטער איז ער אַװעקגעגאַנגען, הײנט זײן לערנען, זײן קידוש מאַכען, זײנע זמירות זינגען, — זײן זיס קול פלעגט זיך פשוט צוגעהן אין יעדער אבר. בײ׳ם רבי׳נס טיש אין טאַלנא װאו ער פלעגט פאָהרען צװײ מאָל אין יאָהר, איז ער געזעסען דער ערשטער נעבען רבי׳ן און קײנער האָט דערנאָך אין בית־המדרש אָדער אויף אַ שמחה ניט געקאָנט אַזױ שען נאָכדערצעהלען דעם רבי׳נס שבת׳דיגע טיש־תורה, װי ער, יוסף לײב.

װען ער איז יונג געװעזען האָט מען געזאָגט, „אַז יוסף לײב איז אַ זײדענער יונגערמאַן״, און װען ער איז אַריבער די דרײסיג יאָהר האָט מען געזאָגט, „אַז יוסף לײב איז אַ שענער יוד״, דען אויסער זײן שען װײס געזיכט, זײן שװאַרץ לאַנג בערדיל, זײנע שענע געדרעהטע פאות מיט זײנע צװײ װײסע װינקלען אויף דעם שטערן, האָט ער נאָך געהאַט גוטע מעשים אויך, — מען האָט איהם קײן מאָל ניט געזעהן אין כעס, מיט יעדען גערעדט פרײנדליך. ער פלעגט אויך טאַנצען, שפרינגען און טרינקען מיט חסידים, נאָר ער איז קײן מאָל אין זײן לעבען ניט שכור געװעזען, װי עס טרעפט זיך אָפט בײ חסידים, זײן טאַנצען איז אויך ניט געװעזען װילד־חסידיש, װי דער שטײגער איז, װען חסידים קלויבען

זיך צוזאַמען אויף אַ „קערמעשיל״, זיין טאַנצען איז געווען יודיש, לשם שמים, שטיל, רוהיג מיט פערגלאָצטע אויגען אַרויף, מיט אַ קרעכץ, מיט אַ יודישען זיפץ און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ווען יוסף לייב טאַנצט, טאַנצען די מלאכים אויף דעם הימעל אויך מיט. —

אויף אַ חתונה, אויף אַ שמחה, שבת צו׳ם שלש סעודות אָדער יום־טוב האָבען די ווייבער ליעב געהאַט צוזעהן ווי יוסל לייב טאַנצט, הערען, ווי יוסל לייב דערצעהלט, זיין רעדען איז ניט געווען פראָסט, נאָר מיט לשון־קודש ווערטער און מיט גלייכווערטלעך פון ספרים. די ווייבער פלעגען זיך מיט יוסל לייבען בענשען, זיך ווינשען אַזוינע קינדער און מקנא זיין ברײַנדלען, וואָס זי האָט אַזאַ טייערען יודען פאַר אַ מאַן.

אַלע בענשען זיך מיט יוסל־לייבען נאָר ניט זיין ווייב.

בריינדיל אַליין קלאָגט זיך שוין פופצעהן יאָהר, זינט זי האָט חתונה געהאַט, אַז יוסל לייב האָט איהר פערזומערט די וועלט, פער־וויסט דאָס לעבען.

— סטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַ מאַן זאָל זיך קיין מאָל ניט אומקוקען אויף זיין ווייב — פלעגט זיך בריינדיל אָפט קלאָגען — וואו איז דאָס געזעהן געוואָרען אַ מאַן זאָל אַמאָל ניט זאָגען זיין ווייב: זעה נאָר, בריינדיל, ווי דו זעהסט אוים שלעכט, פאַר וואָס עסט דו ניט? אָדער, ווען איך מאַך זיך אַ נייַ קלייד, זאָל ער אַמאָל זאָגען: „טראָג געזונד״, „צורייס געזונד״, צי זיצען גלאַט אַזוי אַביסעל מיט דעם ווייב און רעדען אַ פאָר ווערטער — גאָר ניט! — קיין זאַך אַרט איהם ניט, עס איז ניט זיין געשעפט, זאָל איך געהן, מיינע שונאים, מיט דעם קאָפּ אַראָב און מיט די פים אַרויף, קער זיך מיט איהם דאָס גאָר ניט אָן, ווי גלייך איך בין ניט זיין ווייב, ווי גלייך אין שטוב דרעהט זיך אַרום ניט קיין ווייב, נאָר אַ שטעקען, ער ווייסט מעהר ניט ווי דאָס בית המדרש מיט דער „האַסידאַרנע״ און קומט נאָר אַהיים צו אַלעם פאַרטיגען. אַלעס זאָל איהם זיין אָנגעגרייט, דאָס זאָל זיין אין דער צייט, יענץ טראָג איהם אונטער, דערלאַנג איהם מיטאָג, און ווי אַזוי דער מיטאָג ווערט? — דאָס איז ניט זיין געשעפט. איך שריי זיך אָן אויף דער דינסט, איך עס מיר אָב דאָס האַרץ מיט איהר, דאָס זאָל ניט זיין איבערגעזאַלצען, יענץ ניט איבערגעפעפערט און דאָס פלייש ניט איבערגעברענט, פאַר דעם אַלעמען אַפילו קיין דאַנק ניט פון איהם. קאַפּריזען קען ער און ווי צו שעצען אַ ווייב וואָס בעניימט און בעלאַטעט אַ שטוב, ווייס ער ניט.

דאָס אַלעס פלעגט זי טענה׳ן איהרע אַלע פופצעהן יאָהר, זינט זי

האט חתונה געהאט מיט יוסל לייב'ען. באלד נאך דער התונה ווען זי איז געזעסען אויף קעסט פלעגט זי זיך קלאגען פאר דער מאמע'ן אדער פאר דער שוויגער, אז יוסל לייב קוקט זיך גאר ניט אום אויף איהר.

יוסל לייב פלעגט אויף איהרע טענות בכלל גאר ניט ענטפערען אדער ווארטשען אונטער דער נאז, נאר ווען די מאמע אדער די שוויגער פלעגען איהם אנהויבען זאגען, פלעגט ער זיי ענטפערן:

— וואס וויל זי פון מיר, איך זאל געהן מיט איהר געארעמט ווי די דייטשען מיט זייערע ווייבער? הא, הא, איך בין ניט קיין דייטש.

— זי וויל ניט געארעמט, זי וויל נאר דו זאלסט זיך מעהר אום-קוקען אויף דיין ווייב, פלעגען זיי זאגען.

— וואס'זשע וויל זי? — איך זאל שפיעלען אליעבע מיט איהר, הא, הא, זי איז מיין ווייב, — נו שען! וואס נאך וויל זי? א יודענע גלייך מיט אלע יודענעס, עט — נארישקייטען.

און יוסל לייב פלעגט לאכען אדער אוועקמאכען מיט דער האנד אויף אלע טענות פון זיין ווייב און זי פלעגט אפט וויינען.

ברײנדיל פלעגט טאקע מקנא זיין די „דייטשעשע ווייבער". וואס פאר א גליקליכע ווייבער זיי זענען! וואס פאר א גאלדענע וועלט זיי האבען ביי זייערע מאנען! זיי געהען שטענדיג געארעמט, קושען זיך און האלזען זיך מיט די מאנען פאר אלע אין די אויגען, און זי, ברײנדיל, געהט קיין מאל ניט צוזאמען מיט דעם מאן אין גאס. אויסער אמאל שבת אדער יום-טוב אין שוהל, און דאס לויפט ער פריהער און זי דארף איהם נאכלויפען.

יוסל לייב האט קיין מאל ניט געוואוסט, וואס זיין ווייב וויל האבען פון איהם, דאכט זיך ער איז א גוטער מאן, ער בעליידיגט זי ניט, ער צעהלט איהר ניט נאך דעם גראשען ווי אנדערע, וואס זי וויל מאכט זי זיך, היינט וואס האט זי צו איהם? — „א נארישע יודענע" — פלעגט ער אפט ענטפערן אויף איהרע טענות, דאס זי האט ביי איהם א שלעכט לעבען אדער ווען זי פלעגט זיך גלאט אזוי אנבלאזען אויף איהם.

ווען זיי זענען געזעסען אויף קעסט פלעגט זיך ברײנדיל אפט אנבלאזען, נאר נאכדעם ווי זיי זענען אראב פון קעסט, זיך פערדרעהט מיט דער פרנסה, און נאכדעם, ווי עס האבען אנגעהויבען צוקומען קינ-דערלעך אין שטוב און אויף ברײנדיל'ס שענעם שטערען קנייטשען פאר דער צייט, האט זי זיך שוין ווינציגער געקלאגט; נאר אמאל שבת אדער יום-טוב פלעגט זי זיך ווייטער קלאגען, אז יוסל לייב האט איהר פער-אומערט די וועלט און אז זי האט ביי איהם א שלעכטע דאליע.

יאָסעל לייב איז זיך װאָס װײַטער אַלץ ערגער בעגאַנגען און זיך װינציגער אומגעקוקט אויף זײַן װײַב. אין די יונגע יאָהרען פלעגט ער ענטפערן אויף איהרע טענות מיט אַ געלעכטעריל: „עט אַ נאַרישע יודענע“, נאָר איצטער פלעגט ער מיט כעס איהר זאָגען:

— „אַי לאָז מיך צו רוה מיט דײַנע װײַבערשע נאַרישקײַטען, איך בין ניט קיין דײַטש, און טשעפּע זיך אָב פון מיר!“.

בכלל האָט ער מיט איהר װינציג גערעדט, נאָר דענסטמאָל װען ער פלעגט קומען צו פאָהרען פון רבי'ן אַהיים אויף שבת און ברײַנדיל פלעגט איהם, קומענדיג פון שוהל, ניט װאַרפען, נאָר „דערלאַנגען די שלי-סעלעך“ פון שאַפע, דאַן פלעגט ער פרעהליך און לעבעדיג זינגען דעם „שלום עליכם“ און בײַ'ם טיש רעדען מיט איהר אַ פּאָר גוטע װערטער.

נאָר צום רבי'ן פלעגט יאָסעל לייב פאָהרען מעהר ניט װי צװיי מאָל אין יאָהר, און ניט אַלע מאָל װען ער פלעגט קומען אַהיים אויף שבת, פלעגט איהם ברײַנדיל „דערלאַנגען די שליסעליך“...

---

## II.

װאָס װײַטער האָט זיך ברײַנדיל געפיהלט אומגליקליכער, אַ גאַנצע װאָך האָט זי ניט געהאַט קיין צײַט צו טראַכטען װעגען איהר שלעכט לעבען, זעהר זעלטען האָט זי אויך שבת צײַט געהאַט, װײַל איידער מען שלאָפט זיך אויס, איידער מען רוהט זיך אויס פון דער װאָך איז שוין אויס שבת, נאָר יום טוב פלעגט זי זיך דערמאַנען אָן דעם װי יאָסעל לייב האָט איהר פערװיסט די װעלט. די מאַמע, די שװיגער זענען שוין לאַנג געשטאָרבען; עס איז אפילו ניט דאָ פאַר װעמען זיך צו קלאָגען, פאַר װעמען זיך דאָס האַרץ אויסצורעדען, פלעגט זי רעדען מיט זיך אַליין, איבערהויפּט דאַן װען זי האָט יום-טוב צײַט געהאַט אַ קוק טהון אין שפּיעגעל, פלעגט זי זיך דערשרעקען פאַר איהר אייגען געזיכט.

— װאו איז מײַן שענקײַט אַהינגעקומען? איך בין ערשט דרײַסיג יאָהר אַלט, און שוין איין אַלטע יודענע. דאָס איז אַלץ ע ר! ע ר! — ער האָט מיר מײַן װעלט פערװיסט, קיין גוטע מינוט האָב איך בײַ איהם ניט געהאַט.

און אַזוי קוקענדיג אין שפּיגעל פּלעגט זיך בריינדיל דערמאַנען, ווי זי איז אַמאָל אַ שען מיידעל געוועזען. זי געדענקט איהרע צוויי לאַנגע שוואַרצע דיקע צעפּ, וואָס האָבען אַראָבגעהאָנגען ביז איבער'ן גאַרטעל, איהר יונג הנ'עווּדיג געזיכט, די גלאַנצענדיגע שוואַרצע אויגען, איהר קליין מיילעכיל, ראָזע ליפּעלעך, ווייסע גלייכע ציינדלעך, איהרע דינע טאַליע, אַלע פּלעגען זאָגען אַז זי, בריינדיל, איז דאָס שענסטע מיידעל אין שטאָדט, אפילו איהרע חברת'עס פּלעגען דאָס זאָגען און האָבען זי מקנא געוועזען. ווען זי פלעגט געהן אין גאַס האָבען אַלע אויף זי געקוקט, אַז זי האָט זיך דעמאָלט שטאַרק דערשראָקען פאַר זיינע אויגען.

זי געדענקט אַזוי ווי אין חלום, אַז דעם שכנ'ס זוהן חיים־יעקיל, ציי יעקיל חיים, זי געדענקט שוין איצט ניט אקוראַט ווי מען האָט איהם גערופען, אַ שענער יונגער מאַן מיט געגרייזעלטע שוואַרצע האָר און מיט גוטע אויגען, האָט ער איהר אַמאָל געזאָגט, אַז זי, בריינדיל, איז שען ווי די זון, ווי די גאַנצע וועלט, אַז ער האָט זי ליעב ביז צום שטאַרבען. זי געדענקט, אַז זי האָט זיך דעמאָלט שטאַרק דערשראָקען פאַר זיינע ווערטער און איז אַנטלאָפען פון איהם, נאָר דעם גאַנצען טאָג און דעם גאַנצען אויפ־דער־נאַכט איז זי אַזוי פרעהליך געוועזען, עס איז איהר אַזוי גוט געוועזען אויף דעם האַרצען, זי האָט זיך געפּיהלט אַזוי גליקליך, אַז זי האָט אָנגעהויבען זינגען עפּעס אַ ליעד, וואָס זי האָט אַמאָל קינדער־ווייז פון איהרע חברת'עס געהערט. נאָר דער טאַטע האָט דערהערט און האָט געזאָגט, אַז זי זאָל אויפהערען: „אַ יודישע טאָכטער טאָר ניט זינגען", און בריינדיל געדענקט, אַז זי האָט זיך דעמאָלט שטאַרק פערשעמט פון דעם טאַטענס ווערטער און חיים'לען האָט זי שוין מעהר אין איהר גאַנץ לעבען ניט געזעהן.

דערנאָך ווען מען האָט מיט איהר אַ שידוך געטהון און זי איז געוואָרען אַ כלה פאַר יוסל לייבען האָבען זי אַלע חברת'עס מקנא געוועזען, ער איז געוועזען אַ לייטיש יונגעל. איהר התן איז איהר שטאַרק געפעלען און זי האָט זיך געטראַכט ווי גליקליך וועלען זיי זיין ווען זיי וועלען חתונה האָבען. זי איז אַ שענע כלה, זי איז איהם אויך געפעלען, איצטער טאָרען זיי נאָך דערפון ניט רעדען, אָבער נאָך דער חתונה וועט ער איהר זאָגען אַז זי איז איהם געפעלען, אַז זי איז שען, אַז ער האָט זי ליעב; פון קינדוויין האָט בריינדיל ליעב, ווען מען לויבט זי, ווער שמועסט נאָך איהר התן, איהר מאַן, ווי גליקליך וועט זי לעבען אויף דער וועלט מיט איהר יוסל לייבען.

און איצטער, קוקענדיג אין שפּיגעל, זעהט זי זיך שוין אַלס אַ דרייסיג־יאָהריגע יודענע, מיט קנייטשען אויף דעם שטערען, עס פעה־לען עטליכע צייהן אין מויל, שוין אַוועקגעפלויגען איהר וועלט, און זינט זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי ניט געהאַט קיין גליקליכע מינוט: קינדלען, טראָגען, וויגען און ווייטער טראָגען, הייַנט פּאָקען־שטעלען, צייהנדלעך, מאָזלען, קאָקליוש און אַנדערע צרות וואָס מען האָט מיט קינדער און אַליין אויך געקרענקט און געדאָקטערט זיך. ניטאָ די פריהערדיגע כחות, די פריהערדיגע לעבעדיגקייט און פרעהליכקייט זענען ווי אַוועק־געפלויגען. ניטאָ, ניטאָ, פערפאַלען די וועלט! און וועמען האָט זי דאָס אַלעס צו דאַנקען? — איהם, איהם — יוסל לייבען!

און היים'ל מיט די געקרייזעלטע האָר איז איהר ווייטער אַרויס־געקומען אויף דעם מוח.

— ווען ער זאָל געוועזען ווערען מיין חתן, מיין מאַן, וואָלט ער מיך געליובט, גענגלעט, געקושט, געליעבט, ער וואָלט נאָר מיט מיר פער־בראַכט און איך וואָלט געהאַט ביי איהם אַ גילדענע וועלט.

און בריינדלען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ווען זי האָט אַ גילדענע וועלט ביי איהר מאַן, וואָלט זי נאָך איצט ביי דרייסיג יאָהר אויסגעזעהן יונג, שען און פרעהליך ווי אַ מאָל ווען זי איז אַ כלה געוועזען.

— פערוויסט, פערראומערט האָט ער מיר מיין וועלט, — האָט זי זיך ניט אויפגעהערט צו קלאָגען, נאָר ווי דער יום טוב פלעגט אַוועק, פלעגט בריינדיל פערגעסען ביז אַ צווייטען יום טוב אַז זי איז אַמאָל יונג, שען געוועזען, ווי זי האָט אַ שלעכטע דאָליע ביי איהר מאַן און ווייטער גע־טריי און איבערגעגעבען געטראָגען גלייך מיט דעם מאַן דעם יאָך פון פרנסה, זיך אָבגעגעבען מיט דער שטוב און מיט די קינדערליך גלייך מיט אַלע יודישע ווייבער.

---

## III.

פאַר פסח האָט בריינדיל אַודאי קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטען וועגען „ווייבערשע נאַרישקייטען", ווי יוסל לייב פלעגט זאָגען, אַזוי פיעל אַרבייט איז דאָ אין שטוב, איידער מען שלעפּט אַריין דעם ליעבען, נאָר שווערען יום טוב פסח, און בריינדיל האָט זיך מיט אַלע קרעפטען איינ־

געשפּאַנט אין דער פאַר פּסח׳דיגער אַרבייט גלייך מיט אַלע ווייבער. מען באַקט מצות, מען שמירט, וואַשט און מען רייניגט. מען כשר׳ט, מען גליהט דעם אויבען און מען מאַכט אַלעס כּשר אויף פּסח, עס איז קיין צייט ניט דאַ אפילו די נאַז אָבצווישען, מען רעשט, מען שרייט, אַלעס איז יקרות, אַלעס דאַרף מען איינקויפען, אַלעס מוז מען האָבען און אין שטוב אַריינטראָגען. אָן עסען האָט מען פערגעסען, עס איז קיין צייט ניט דאָ, די קינדערליך אין שטוב שווייגען אויך, זיי ווייסען, ווי פיהלען, אַז עס געהט אַזאַ גרויסער יום־טוב.

מען האָט שוין דערלעבט ערב פּסח, דעם המץ האָט מען פער־ברענט און ביי ברײַנדלען אין שטוב איז שוין אומעטום אויפגערוימט. אין יעדען ווינקעלע שעמיריערט פון ריינקייט און שענקייט, אפילו אין קיך איז אַ פערגעניגען אַריינצוקומען, עס בליסקעוועט דאָס נייע געפעס, אין אויבען פלאַקערט פרעהליך אַ יום טוב׳דיג פייערל און די נייע טעפּלעך טאַנצען און זשימען פאַר שמחה.

די קינדערלעך זענען שוין אויך אַרומגעוואַשען און אָנגעטהון מיט נייע קליידערלעך און שטיוועלעך, זיי לויפען אַלע מאָל אין קיך אַריין, עס ציהט זיי אַהין ווי מיט אַ מאַגנעט, זיי לויפען אַרום דער שטוב מיט שטיקלעך מצה אין די הענד און מיט קעשענעס ניס, עס איז גוט... עס איז פרעהליך... מען וואַרעמט זיך אויף דער פריהלינגס זון...

*

אויף דער נאַכט. די גאַנצע שטוב איז בעלויכטען. דער טיש איז געדעקט. די כוסות מיט ווייסע און רויטע פלעשער ווײַן שטעהען אויף דעם טיש. דאָס טיש־זילבער, די זילבערנע לייכטער — אַלעס וואָס ברײַנדלען איז געבליבען פון דרשה געשאַנק, פון איהר התונה, שטעהט איצטער אויסגעשטעלט און בעשיינט דעם פּסח׳דיגען טיש. ברײַנדעל אַליין איז אָנגעטהון אין אַ נײַ ליכטיג קלייד. זי וואַרט אויף דעם מאַן פון שול. זי שפּיעלט זיך איצט מיט איהרע קינדערלעך און איז פרעהליך. איהרע שוואַרצע, שענע אויגען — די רעשט פון איהר אַמאָליגער שענקייט — בליש־טשען ווי צוויי בריליאַנטען.

— דו ביזט אַ שענע מאַמע, רופט זיך אָן איין קינד און קושט זי.

— איך האָב דיך אויך ליעב, מאַמע, ווי גוט און שען איז היינט, רופען זיך אָן די איבריגע קינדער און ברײַנדעל נעמט אַרום די קינדער, קושט זיי, טוליעט זיי צום האַרצען און זי פיהלט ווי זי איז איצטער גליקליך, זי האָט גענוג געאַרבייט, גענוג זיך אָנגעהאָרעוועט פאַר פּסח,

נאָר עס איז אַלעס ווערט, זי האָט זעהר ליעב דעם יום־טוב פּסח, זי טולעט נאָך נאָהענטער צו זיך די קינדער.

— אַ גוט יום־טוב! האָט יוסל לייב פרעהליך געזאָגט קומענדיג פון שול.

— אַ גוט יאָהר, האָט ברײַנדעל מיט די קינדער געענטפערט.

מען האָט אָנגעהויבען צו גרייטען דעם סדר.

דער טעלער מיט די דריי מצות, חרוסת, כּרפּס, געקאָכטע אייער, געריבענער חריין זענען שוין געשטאַנען אויף דעם טיש. אויף צוויי שטולען האָט מען אַנידערגעלעגט צוויי ווײַסע קישען און געמאַכט דאָס היסב־בעט. יוסל לייב האָט אָנגעטהון אַ קיטעל, ווײַס ווי זילבער, און האָט מיט זײַן זיסען ניגון געמאַכט קידוש, ברײַנדעל קוקט אויף איהר מאַן, זעהט ווי צו זײַן שוואַרצער באָרד און ווײַסען געזיכט פּאַסט אַזוי שען דער ווײַסער קיטעל, און הערענדיג ווי ער מאַכט קידוש מיט זײַן שען קול, און ווי ער קוקט אַזוי אויף איהר מיט זײַנע גוטע שענע אויגען, האָט זי זיך געפיהלט גליקליך.

נאָך דעם קידוש האָט זי איהם אַליין דערלאַנגט וואַסער מיט אַ האַנדטוך זיך וואַשען די הענד: ער האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטהון אויף איהר און זיך אָנגערופען.

— אין שטוב איז זעהר שען,— דײַן נײַ קלייד איז אויך גאַנץ שען, טראָג געזונד...

אַזוינע ווערטער האָט ברײַנדעל פון איהר מאַן געהערט אפשר פון איין פּסח צום אַנדערען.

— ווען ער זאָל זיך אַזוי בעגעהן מיט מיר אַ גאַנץ יאָהר, וואָס פאַר אַ גילדענע וועלט וואָלט איך געהאַט בײַ מײַן מאַן, איז ברײַנדלען אויפגעקומען אויף די געדאַנקען.

דערווײַל האָט מען אָבגעפּטר'ט דעם כּרפּס און בעהאַלטען אַ שטיק מצה אויף אפיקומן, און יוסל לייב האָט זיך גענומען „הויבען די שי־סעל״, נאָר ברײַנדיל הויבט ניט די שיסעל....

— נו, ווענדט זיך יוסל לייב צו דער ווײַב.

נאָר ברײַנדיל ריהרט ניט מיט קיין פינגער.

— נו, נושע... זאָגט ער ווידער צו איהר ווי דערשראָקען און פערשטעהט ניט, וואָס זאָל דאָס בעדייטען — „אַ האַנדטוך האָט זי איהם דערלאַנגט און די שיסעל וויל זי ניט הויבען״...

— איך וועל ניט הויבען די שיסעל, כּל זמן דו וועסט מיר ניט צוזאָגען, כּל זמן דו וועסט מיר בײַ אַ ספר ניט שווערען, האָט זיך ברײַנ־דיל אָנגערופען.

— ווארף שוין אַוועק דיינע נאַרישקייטען, וואָס זאָל איך דיר שווע-רען, נאַרישע יודענע?

— געננוג מיך רופען „נאַרישע יודענע", איצטער וועסט דו מיך מיט קיין ווערטער ניט אָבקומען. וואָס בין איך ביי דיר? — אַ קלאָץ אין שטוב! עס אַרט דיך קיין זאַך ניט, דו קוקסט זיך ניט אום אויף מיר, ווי גלייך ניט קיין ווייב, נאָר אַ דינסט דרעהט זיך אַרום אין שטוב. ווי אַזוי זאָגט אַמאָל ניט אַ מאַן אַ ווייב: „אָט נעהם, מיין לעבען, און עס עפּיס". ווי זאָגט עס אַמאָל ניט אַ מאַן: „זעה נאָר, ברײַנדיל, ווי דו זעהסט אַזוי שלעכט אויס". איך ווייס? — איך קען דען אויסרעכענען, וואָס אַ מאַן דאַרף זאָגען דעם ווייב? עס זענען דאָ ווייבער, וואָס עס איז מיאוס פאַר זיי אַ שטיקעל חמץ אויפצועסען, און די מאַנען קעכלען זיי, טראָגען זיי אונ-טער דאָס טעלעריל פון הימעל און מיט אַלעס גוטס פון דער וועלט, און דו — גאָר ניט! דו קומסט נאָר שטענדיג צום גרייטען! האָסט זיך עפּיס אַ סך אָנגעהאָרעוועט מיט דעם אַריינטראָגען דעם פּסח? — ווער האָט דאָס אַלעס געטהון, אַז ניט איך?

— דו — דו אין גאַנצען — דו — נו געננוג! הויב שוין די שיסעל, האָט יוסל לייב זיך געבעטען און געמאַכט אַ הנידיל זיין ווייב.

— הויב אַליין די שיסעל ווען דו ווילסט מיר, דיין ווייב, ניט שווערען אויף וואָס איך בעט דיך. און ברײַנדיל האָט זיך צוויינט...

— וואָס'זשע זאָל איך דיר שווערען?

איך האָב דיר שוין געזאָגט: ביי אַ ספר זאָלסט דו מיר שווערען, אַז דו זאָלסט זיין צו מיר אַ גאַנץ יאָהר גוט ווי אַ מאַן דאַרף זיין מיט זיין ווייב, ניט אַזוי ווי דו מיט דער גאַנצער הסידאַרנע זאָגען, „אַז אַ ווייב איז מעהר נישט ווי אַ יודענע, אַ שטעקען אין שטוב". — אַ ווייב דאַרף מען קעכלען, אַ ווייב דאַרף מען ליעב האָבען, ניט זי זאָל נאָר זיין שטענ-דיג אַ עבד כנעני ביי דעם מאַן. געננוג געליטען ביי דיר, ווי ביי פּרעה'ן אין מצרים, שונאי ישראל זאָלען זיין קנעכט. שונאי ישראל זאָלען זיין ווייבער ביי חסידים. געננוג ביי דיר געליטען! איך מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויספיהרען!

— נו געננוג... איך זאָג דיר צו...

— ניין, מיט צוזאָגען און מיט ווערטער וועסט דו מיך איצט ניט אָבקומען; שווערען, וויל איך, זאָלסט דו ביי אַ ספר. ניט אַלע טאָג פּסח, ניט אַלע טאָג דאַרפסט דו אָנקומען צו מיר. איך מוז אויספיה-רען, ווען ניט, הויב דיר אַליין די שיסעל! האָט ברײַנדיל געזאָגט מיט אַזאַ שטאַרקען טאָן און זיכערקייט, אַז יוסל לייב וועט מוזען שווערען און

צוזאָגען, וואָס זי וועט נאָר פערלאַנגען פון איהם.

און זי האָט זיך דערמאַנט, ווי איהר מאַמע — זי זאָל האָבען דעם ליכטיגען גן־עדן — האָט אַמאָל צום סדר בײַם „הויבען די שיסעל" געפּועלט בײַם טאַטען אַ „תּוספת כתובה"; איהר שוויגער האָט אַמאָל זיך אײַנגעשפּאַרט און געפּועלט בײַם שווער „אַ חלק עולם הבא". „אימשטיינס געזאָגט, וויפיעל קען זיך אָנגעהמען עולם הבא פאַר די דרײַ מצוות, וואָס מען האָט געבאָטען דער יודענע", האָט זי געטענה'ט, און האָט טאַקי ניט „געהויבען די שיסעל", כל זמן דער שווער האָט איהר ניט געמוזט צוזאָגען „אַ חלק עולם הבא". נאָך פיעל ווײַבער האָבען אויסגעפיהרט, פאַר וואָס'זשע זאָל זי, ברײַנדיל, ניט אויספיהרען בײַ איהר מאַן? באשר זי איז געוועזען אַ גוטע און אַליץ געליטען, נאָר גענוג! איצט האָט ברײַנדיל פעסט בײַ זיך בעשלאָסען, ניט „הויבען די שיסעל", ביז ער וועט ניט שווערען בײַ אַ ספר.

יוסל לייב האָט געזעהן, אַז ער איז איצט בײַ דער ווײַב אין די הענד און עס וועט איהם גאָר ניט העלפען.

— דערלאַנג מיר אַ ספר, האָט יוסל לייב זיך געווענדט צום עלטסטען קינד.

דאָס קינד האָט פון ספרים־שאַפע געבראַכט אַ ספר.

— ווי אַזוי זשע ווילסט דו זאָל איך שווערען? האָט ער זיך געווענדעט צום ווײַב.

— זאָג: איך שווער בײַ דעם ספר, אַז מײַן ווײַב זאָל איך פון הײַנט אָן מעהר ניט האַלטען פאַר קיין עבד כנעני, פאַר אַ דיענסט, איך זאָל זי ליעב האָבען און קעכלען און פערזיסען איהר די וועלט.

יוסל לייב האָט געמוזט נאָכזאָגען וואָרט בײַ וואָרט און דערנאָך האָט ער מיט ברײַנדלען הויך און ברייטליך געהויבען די שיסעל און מיט אַ קול פרעהליך אָנגעהויבען זאָגען „כהא לחמא". מען האָט אָנגעגאָסען די כוסות און דאָס עלטערע יונגעל האָט דעם טאַטען לעבעדיג געפרעגט די פיער קשיות. — עבדים היינו, האָט יוסל לייב געענטפערט.

— דיענסטען זענען מיר געוועזען, האָט ברײַנדיל געזאָגט אין איהר הגדה מיט טײַטש. —

בײַם אָבריכטען דעם סדר האָבען זיך זייערע אויגען ניט איין מאָל בעגעגענט און ברײַנדיל האָט זיך געפיהלט פאַר דער גליקליכסטער אין דער וועלט.

* *

*

פון דעם פסח אָן האָט בריינדיל ביי איהר מאַן בעקומען אַ גוטע דאָליע. יוסל לייב זאָגט אָפּען זיין ווייב:

— מיין לעבען! פאַר וואָס עסט דו ניט? פאַר וואָס טרינקסט דו ניט אַ זיס גלעזעל טהע? זעה נאָר ווי דו זעהסט שלעכט אויס.

בריינדיל ווערט דערפון בריטער ווי לענגער, וואָס אַ יאָהר ווערט זי יונגער און אַלע זאָגען, אַז בריינדיל איז נאָך היינט אויך אַ שען ווייביל.

פון דעם פסח אָן איז קיין איינציגעס מאָל ניט אויפגעקומען בריינדלען אויף דעם מוחה היים'ל מיט די געקרייזעלטע האָר.

די חסידים האָבען אפילו אָנגעהויבען מורמלען אויף יוסל לייבען, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבען פיהרען מיט זיין ווייב „דייטשעריש", נאָר עס העלפט ניט, יוסל לייב וועט זיין שבועה ביי אַ ספר ניט ברעכען.

מען דערצעהלט, אַז אין שול אַריין געהט שוין איצט יוסל לייב מיט זיין ווייב גלייך צוזאַמען, בריינדיל דאַרף שוין איהר מאַן ניט נאָכ־לויפען. —

# בענייט זיך אויף פסח.

## I.

הנה איז אויף דער עלטער איינגאַנצען געוועזען אַ שברי כלי: די לעצטע פינף יאָהר איז זי כמעט ניט אַראָב פון בעט, סיידען שבת אָדער יום־טוב האָט מען זי אָנגעטהון און צוגעפיהרט צום טיש וואו זי איז געזעסען גלייך מיט איהר מאַן, ווייל, ווי זי פלעגט זאָגען, איהר נחמן האָט ניט ליעב צו זיצען אַליין ביים טיש. אין די פריהערדיגע יאָהרען, ווען הנה פלעגט אַמאָל ניט געזונד ווערען, פלעגען די קינדער זיצען מיט איהם, נאָר אויף דער עלטער, אַז זיי זענען אויסגעוואַקסען, התונה געהאַט און שוין האָבענדיג אייגענע טישען, איז ער געבליעבען נאָר מיט איהר. הנה האָט שבת און יום־טוב איהר מאַן ניט געלאָזט זיצען אַליין ביים טיש.

האָטש הנה איז אין די לעצטע יאָהרען געלעגען אין בעט אַרומגעשטעלט מיט אַלערליי רפואות, פלעשלעך, סלאָיעקלעך מיט קאַרטאָן־קעסטעלעך פון אַלערליי פּראָשקעס און פּילען, און האָטש זי האָט שטענדיג געקרעכצט, געהוסט און זיך אַליץ געקלאָגט, אַז דאָ און אָט דאָרט טהוט איהר וועה, פונדעסטוועגען איז די שטוב געווען אַ שטוב ווי אין די פריהערדיגע צייטען, ווען הנה איז געווען געזונד און שטאַרק.

ליגענדיג אין בעט פלעגט זי פיהרען די בעל־הבתישקייט ווי די בעסטע בעל־הבית'טע און פאַר אַ בעל־הבית'טע האָט הנה פון תמיד אָן זיך גערעכענט. זי האָט איצט אויך געוואוסט, ווען און וויפיעל מען דאַרף קויפען טהיי און צוקער; יעדען טאָג אַרויסגעבען דער דיענסט וואָס זי זאָל קאָכען מיטאָג און אָנגרייטען וועטשערע; פון בעט אַרויס, פלעגט זי שאַפען מיט דער דיענסט, אַז דאָ דאַרף מען אָבווישען, אויפרוימען, אויסקעהרען, דער טיש זאָל זיין געגרייט ווי עס דאַרף צו זיין, עס זאָל

גאָרניט פעהלען, קיין איבעריגס זאָל ניט אַוועקגעהן, עס זאָל ניט צו־שאָטען, צוגאָסען און צובראָכען ווערען ווי דער שטייגער איז, ווען מען פערלאָזט זיך אויף די דיענסטען.

און אַ בעל־הבית׳ישקייט איז ביי הנה׳ן געוועזען, קיין עין־הרע, אַ פּער־פונדעוועטע, ווי ביי איין אַלטער בעל־הבית׳טע, פון אַל דאָס גוטס!

און נחמנ׳ען האָט אויך איצט, ווען די בעל־הבית׳טע איז קראַנק, גאָר נישט געפעהלט און דאָס עסען האָט ער שטענדיג געהאַט צו דער צייט און דאָס בעט ריין, ווייך און זויבער ווי אַמאָל, און אַלץ אַ דאַנק איהר אויג.

נחמן פלעגט אפילו איהר אַמאָל זאָגען:

— הנה׳לע! וואָס טויג זיך שאַפען מיט דער דיענסט. קאָן איך דען עס ניט טהון, היט בעסער אָב דיין געזונד, דו טאָרסט קיין סך ניט רעדען. גאָר הנה פלעגט אויף איהם אָנשרייען: דאָס איז ניט דיין געשעפט, שען וואָלט מיין שטוב אויסגעזעהן, ווען איך זאָל זיך פער־לאָזען אויף דיר מיט דער דיענסט.

און נחמן פלעגט זיך שוין טאַקע ניט מישען, פלעגט אָבער זיין הנה׳ן אָבהיטען ווי דאָס אויג פון קאָפּ און איז גליקליך געוועזען, ווען די קראַנקהייט פלעגט זי אָבלאָזען אַ ביסעל און זי פלעגט רוהיג ליעגען און ניט קרעכצען.

אָט אַזוי האָט זיך דאָס אַלטע פּאָר פּאָר־פאָלק געלעבט אויף דער עלטער.

און נאָך לאַנג מוטשען זיך איז הנה געשטאָרבען.

— קיין יונגערע זאָלען ניט שטאַרבען! האָבען שכנים זיך דורכגע־רעדט נאָך איהר טויט.

— איידער אַזאַ לעבען, איז שוין בעסער דער טויט! האָבען אַנ־דערע געפילאָזאָפירט.

אָבער פאַר נחמנ׳ען איז איהר טויט געוועזען אַנ׳אומגליק, אַ שרעק־ליכער קלאַפּ אויף דער עלטער. אַז ער איז געקומען פון דער לויה, האָט ער דערפיהלט, ווי זיין שטוב איז פוסט און טויט געוואָרען, ווי אויף דעם בית־הקברות, פון וועלכען ער איז נאָר וואָס געקומען און דאָרטען זיין גאַנץ לעבען מקבר געוועזען. ער הערט שוין מעהר ניט דאָס קרעכצען פון זיין הנה׳לען, ער הערט מעהר ניט דאָס זיסע קול:

— נחמנ׳יו, דערלאַנג מיר, מיין לעבען, דאָס פלעשעלע און גיב מיר איין דעם רעצעפּט ווידער! אָדער — נחמנ׳יו, אָט דאָ טהוט מיר עפּיס ווידער וועה, לעג נאָר צו די האַנד.

עֶס האָט זִיךְ אָנגעֶרוּקט דִי נאַכט און קִיינעֶר, קִיינעֶר וועֶקט אִיהם מעֶהר נִיט און פרעֶגט אִיהם נִיט: נחמנ׳יו, דו שלאָפסט? דעֶרלאַנג מִיר עֶפּיס אִין מויל אַריין.

און לאַנגעֶ, לאַנגעֶ טעֶג מִיט נאָך לעֶנגעֶרעֶ נעֶכט האָט נחמן געֶקלאָגט נאָך זיין הנה׳לעֶן, מִיט וועֶלכעֶר עֶר האָט מעֶהר ווי פערצִיג יאָהר אַזוי פִיעֶל צרות און גוטעֶ טעֶג צוזאַמעֶן אִיבעֶרגעֶלעֶבט!

II.

עֶס אִיז אַוועֶקגעֶגאַנגעֶן אַ חודש און נאָך אַ חודש נאָך הנה׳ס טויט, דִי דִיעֶנסט האָט יעֶדעֶן טאָג בּיי נחמנ׳עֶן געֶנוּמעֶן אויף מִיטאָג, נחמן פלעֶגט זִיצעֶן טרויעֶרִיג אַליין בּיים טִישׁ און געֶטראַכט: וואָס וואָלט געֶוועֶזעֶן געֶארט דעֶם רבונו של עולם, אַז מיין הנה זאָל נאָך געֶוועֶזעֶן אַ פּאָר יאָהר לעֶבּעֶן און מִיךְ נִיט אִיבּעֶרלעֶבּעֶן אַליין, ווארום וויפִיעֶל אִיז מִיר נאָך געֶבּלִיבּעֶן צו לעֶבּעֶן? ווּעֶמעֶן וואָלט דאָס געֶארט, אַז זִי זאָל נאָך געֶוועֶזעֶן לעֶבּעֶן? נאָר געֶהט טענה׳ט מִיט גאָט, מסתמא ווייסט עֶר וואָס עֶר טהוט, און נחמן האָט גאָטס ווִילעֶן אָנגעֶנוּמעֶן פאַר לִיעֶב און זִיךְ געֶפִיהרט אַזוי ווייטעֶר זיין שטוב. אֶמת, נִיט אַזוי אִין אָרדנוּנג ווי בּיי הנה׳ן. דִי דִיעֶנסט פלעֶגט פון יעֶדעֶן מִיטאָג עֶפּיס אַראָבּ׳גנבעֶנעֶן, געֶרעֶכעֶנט מִיט אַ קאָפִּיקעֶ טייעֶרעֶר פאַר׳ן פונט פליישׁ, פאַר דעֶר קוואָרט מִילךְ, אִיבּעֶרגעֶנוּמעֶן אַ פּאָר קאָפִּיקעֶס פאַר יעֶדעֶן צעֶהנדלִיג אייעֶר, פאַר קעֶראָסִין און פאַר אַלץ האָט זִי געֶרעֶכעֶנט טייעֶרעֶר, און גלעֶזעֶר מִיט טעֶלעֶר און גלעֶזעֶלעֶךְ פון דִי לאָמפּעֶן אִיז בּיי אִיהר געֶפאַלעֶן פון דִי העֶנד, נאָר וואָס האָט עֶר געֶזאָלט טהון, זיין שטוב, זיין אייגעֶן אייגעֶנעֶזעֶסעֶן ווִינקעֶלעֶ האָט עֶר נִיט געֶוואָלט צעֶוואַרפעֶן און אַיידעֶר צו קִינדעֶר קוּמעֶן וואוינעֶן אויף דעֶר עֶלטעֶר, האָט עֶר געֶלִיטעֶן פון דעֶר דִיעֶנסט און נחמן אִיז זִיךְ ווי אַזוי עֶס אִיז געֶוועֶזעֶן פאַר זִיךְ אַ בעל־הבית ווי פריהעֶר.

דִי שטאָדט אָבּעֶר האָט געֶארט, וואָס אַזאַ לייטִישעֶר יוּד ווי ר׳ נחמן, וואָס האָט, קיין עין־הרע, אויף יעֶדעֶן יורעֶן געֶזאָגט געֶוואָרעֶן, אַזאַ פערפונדעֶוועֶטעֶ שטוב, לעֶבּט אַליין. אמת, נחמן אִיז שוין איין אַלטעֶר יוּד, נאָר ווער זאָגט עֶס, אַז עֶר דאַרף נעֶהמעֶן אַ מיידעֶל; עֶס קאָן זִיךְ געֶפִינעֶן אַ לייטִישעֶ יודעֶנעֶ און עֶר קאָן נאָךְ האָבּעֶן מִיט אִיהר

אַ גוטע עלטער; וואָס איז באמת פּאַר אַ לעבען בײַ אַזאַ יודען, קײן עין־הרע, פיהרען שטענדיגע השבונות מיט דער דינסט וויפיעל עס איז אַוועק אויף ציבעלעס מיט פּעטרישקע??!

מעהר פון אַלעמען האָט דאָס געאַרט צוויי יודען, פישעל מיט ליפּאָ'ן. ביידע האָבען פון תמיד אָן געפיהרט שדוכים בשותפות, זיי האָבען ניט געקאָנט איבערטראַגען און צוועהן ווי אַ יוד, קײן עין הרע אַזאַ פערפונדעוועטער בעל־הבית, מיט אַזוי פיעל בעל־הבתיש'קייט, זאָל זיך דרעהען אַליין אין אַ שטוב און געבען דער דינסט אויף וועטשערע.

זיי האָבען זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און איינמאָל אין אַיין אויסגעשטערענטער נאַכט זענען זיי אַריין מיט אַ „גוטען־אָוועגד" צו נחמנ'ען.

זיי האָבען איהם געטראָפען ווען ער איז געזעסען אַליין ביים טיש און די דינסט האָט איהם דערלאַנגט אַ גלאָז טהיי.

— וואָס וועט איהר עפּעס זאָגען? האָט נחמן זיי פערוואונדערט געפרעגט.

— וואָס זאָלען מיר זאָגען... אָט גלאַט אַזוי! איהר זיצט אַליין, זענען מיר אַריינגעקומען אַביסעל שמועסען.

נחמן האָט זיי געדאַנקט און געהייסען די דינסט דערלאַנגען צוויי גלעזער טהיי.

ווען די דינסט האָט געבראַכט טהיי, האָט פישעל אַ זיפץ געטהון און ליפּא האָט עפּעס געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ.

— וואָס זשע מאַכט איהר, ר' נחמן? האָבען זיי ביידע, איינער נאָך דעם אַנדערן געפרעגט.

— וואָס זאָל איך מאַכען? אין די יאָהרען און נאָך אָהן מיין הנה'ן... אַליין!...

— אַליין איז ניט גוט אין אַלע יאָהרען, ווי אין פּסוק שטעהט: לא טוב היות האדם... האָט פישעל געזאָגט.

— אָסור לאדם... איז ליפּא איהם אַריינגעפאַלען.

— דאָס איז אַ גאָט־זאַך, האָט נחמן געענטפערט מיט אַ זיפץ: דער וואָס איז ווערטה בײַ גאָט, דער לעבט זיך אָב מיט דעם ווייב דאָס גאַנצע לעבען, נאָר ניש יעדער האָט אַזאַ זכיה.

— איהר זאָגט, ר' נחמן, זעהר גלייך, האָט פישעל זיך קרום אַ קנייטש געטהון — אַלעס איז אַ גאָט־זאַך, אָהן איהם ווערט גאָרניט געטהון, נאָר אַליין טאָר אַ יוד ניט לעבען, עס מאַכט זיך אַליך אויף דער וועלט און גאָט פערלאָזט ניט, ער ווייסט וואָס ער טהוט און אויף גאָט'ס מעשים טאָר מען נישט קלאָגען, און מען דאַרף ווייטער לעבען, ובפרט נאָך,

אַזאַ בעל־הבית ווי איהר זענט קיין עין הרע. אמת, עס איז שווער צו פיהרען אַליין, קיין עין הרע, אַזאַ בעל־הבתישקייט, נאָר אַלץ איז ביז אין אַ צייט, אויף יעדער זאַך קומט די גוטע צייט, זאָגען אונזערע חכמים.

— לכל עת... האָט ליפּא בעשטעטיגט.

— עט, וואָס קאָן איך שוין דערלעבען, האָט נחמן מיט אַ זיפץ אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

— זאָגט עס ניט, אַ מענש כל זמן ער לעבט, זאָגען אונזערע חכמים, קאָן ער אַלץ דערלעבען, האָט פּישעל געמונטערט.

— כל זמן אַ מענש לעבט, זאָגט די גמרא... האָט ליפּא אונטער־געהאָלפען.

— יאָ, ווען מיין חנה זאָל לעבען— האָט זיך נחמן איבערגעשלאָגען— וואָלט אפשר געוועזען אַזוי ווי איהר זאָגט, אָבער אָהן איהר... אַליין?... וואָס?!...

— אָט דאָס זאָג איך טאַקי, אַז אַליין איז ניט גוט צו זיין אויף דער וועלט, איז פּישעל אַריין אין זיין ראָליע, איך זאָג עס אַקעגען דעם, אַז אַ מענש טאָר ניט זיין אַליין, און מכּה דעם האָב איך מיט ר׳ ליפּאַ׳ן ערשט ניט לאַנג גערעדט און מיר זענען אַריינגעקומען צו אייך מכּה דעם...

נחמנ׳ס פּנים האָט זיך משונה׳דיג פערקרימט, די קנייטשען אויף זיין פּנים האָבען זיך געפּרובט אויסלעגען אין נייע פאַלדען, און נאָך דעם ווי זיין פּנים האָט בעקומען דאָס פריהערדיגע געשטאַלט, האָט ער מיט אַ רחמנות׳דיג קול זיך אָנגערופען:

— איהר זאָלט מיר מוחל זיין וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַז איהר זענט נאַרישע יודען. וואָס הייסט— צו מיר געקומען מכּה דעם? מיין חנה וועט אויף מיר דאַרטען לאַנג ניט וואַרטען, היינט וואָס נאָך ווילט איהר?...

— אַ מענש טאָר עס ניט זאָגען: האָט פּישעל געמוסרט— קיינער ווייסט ניט ווען מאַרגען עס איז, אָבער רעדען אַזוינע זאַכען טאָר מען ניט, עס האָט זיך שוין געטראָפען נאָך מיט עלטערע פון אייך און גאַרניט, פון אַ טויטען טאָר מען לאַנג ניט רעדען, און זיי, אַ סך עלטערע פון אייך, מיין איך, לעבען זיך גליקליך אויף דער עלטער און האָבען זייערע לייטישע ווייבער, מיט וועלכע זיי לעבען זיך בכּבוד.

— שייך בכּבוד! האָט ליפּא אונטערגעהאָלפען.

— איך דאַרף ניט קיינעם— האָט נחמן אָבגעהאַקט— אמת, אַליין אויף דער וועלט איז זעהר ניט גוט ובפרט נאָך אין מיינע יאָהרען איז אודאי און אודאי ניט גוט צו זיין אַליין, נאָר איך האָב אייך געזאָגט, אַז מיין חנה וועט אויף מיר דאַרטען לאַנג ניט וואַרטען, לאַנג וועל איך

ניט זײַן אַלײן און מעהר מכּה דעם האָבען מיר ניט װאָס צו רעדען.

— מילא, ניט איז ניט, האָט פּישעל זיך אויפשטעלענדיג געמאַכט מיט די הענד— אַ מענש דאַרף זיך בּעטראַכטען, מיר װאױנען אין אײן שטאָדט.

— מיר װעלען זיך נאָך זעהן אם ירצה השם, האָט ליפּא צוגעהאָלפּען.

---

װען פּישעל מיט ליפּאַ'ן זענען אַװעקגעגאַנגען, האָט זיך נחמן געהאַפּט מיט די הענד בּײַ'ם קאָפּ און אָנגעהויבּען צו געהן איבּער דער שטוב הין און צוריק, און פּלוצים זיך דערזעהן אין שפּיגעל, װעלכער איז געהאַנגען צװישען בּײדע פענסטער.

ער איז לאַנג געשטאַנען אויף אײן אָרט און פּלוצים װידער אָנגעהויבּען אַרומגעהן הין און צוריק און כמעט אויסגעשריען:

— װאָס יודען קאָנען!... װאָס יודען קאָנען!... שוין בּאַלד זיבּעציג יאָהר...

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אײנער זײַנער אַ בּעקאַנטער האָט התונה געהאַט טאַקע אין די יאָהרען, פּערקעהרט, ער איז נאָך געװען עלטער מיט צװײ יאָהר פאַר איהם. ער איז אינגאַנצען זיבּען-און-זעכציג, און יענער נײַן-און-זעכציג, נאָר בּײַ יענעם איז ניט געשטאָרבּען חנה, און בּײַ איהם איז חנה געשטאָרבּען...

— נײן, נײן, זי װעט אויף מיר לאַנג דאַרטען ניט װאַרטען... אָבּער װאָס יודען קאָנען!...

---

## III.

אין אַ פּאָר װאָכען אַרום זענען פּישעל מיט ליפּאַ'ן װידער אַרײַנגעקומען, אָבּער שוין ניט אויף דער נאַכט נאָר בּײַ-טאָג, און גראָד דעמאָלט, װען די דינסט איז געשטאַנען פאַר נחמנ'ען און גע'השבּנ'ט.

— אָט האָט איהר אײך, בּעל-הבּית, אַזוי גרוים װי דרײַ און צװאַנציג גראָשען, בּוריקעס פאַר פיער גראָשען, פאַר אַ גראָשען אַ פּעטרעשקעלע, זעקס גראָשען ראָזינקעס צו'ם צימעס... װאַרט זשע אוים, בּעל-הבּית, אוי,

אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! איך האָב גאָר פערגעסען פאַר דריי גראָשען פערעל־קאַשע אויף צו פערשיטען די יויך.

— נו, געגוג, וועסט שוין בערעכענען שפּעטער, נאַ דיר געלד און קויף איין דערווייל, האָט נחמן אַוועקגעשיקט די דיענסט, ווען פישעל מיט ליפּאן זענען אַריין.

נו, איצט פרעג איך אייך, בין איך דען ניט גערעכט, ר' נחמן,— האָט פישעל ווי מיט תקיפות זיך געווענדעט צו איהם— איז דאָס אַ ענין פאַר אייך, דאָס פּאַסט פאַר אַ בעל הבית'טע. אַ בעל הבית'טע ווייסט אַזוינע זאַכען, זענען מיר דען נישט גערעכט? איז דאָס אַ לעבען פאַר אייך?

— אויף מיינע שונאים! האָט ליפּא זיך געקרימט.

— וואָס זשע זאָל איך טהון, אַז איך בין אַזוי געשטראָפט געוואָרען פון גאָט, און ביי די קינדער זיין וויל איך ניט.

— זאָל גאָט אָבהיטען אָנקומען צו קינדער וואוינען! האָבען זיך די שדכנים ביידע גלייך אויפגעהאַפּט פון זייערע ערטער און זיך נאָך אַמאָל געזעצט.

— איך לייד טאַקי פון דער דיענסט, און ווי אַזוי לייד איך! אַלין טהוט זי פערקעהרט, זי מאַכט מיר אַ תל פון דער שטוב, אַלעס צובּרעכט זי און ווער ווייסט אויף וויפיעל זי בע'גנב'עט מיך! איך האָב זי שוין איין מאָל אָבגעזאָגט און צוגענומען איין אַנדערע, איז יענע געוועזען ערגער, האָב איך זי צוריק צוגענומען, זי האָט פּאָרט געקענט הנה'ן. מוז איך ליידען פון איהר...

— יאָ, יאָ! האָט פישעל געזיפצט— אַזוי איז שוין אויף דער וועלט, זאָגען אונזערע חכמים; ווער עס וויל, קאָן ניט לעבען און ווער עס קאָן— וויל ניט לעבען. וואָס וואָלט אייך אַ שטייגער געפעהלט, ווען גאָט בעשערט אייך אַ גלייכע זאַך? איך מוז אייך זאָגען דעם אֱמת, אַז איך האָב שוין כלל ניט גערעכענט אַריינגעהן צו אייך מכח דעם, נאָר גראָד נעכטען איז אונז ביידען, מיר מיט ר' ליפּאן הייסט עס, איינגעפאַלען ביילע ברייני ס, זי האָט שוין התונה געמאַכט אַלע קינדער, יעדער ווייסט וואָס פאַר אַ לייטיש ווייבּיל זי איז, זי דאַרף חס ושלום אייערס אויך ניט האָבען, איהר מאַן האָט איהר איבערגעלאָזט געלד און אַל דאָס גוטס, אויף אַלע יודישע טעכטער געזאָגט געוואָרען; אַחוץ דעם איז זי אַ גרויסע בעל־הבית'טע, דאָס ווייסען אַלע, מיינען מיר אַז עס איז זעהר אַ גלייכע זאַך פאַר אייך, וואָס זאָגט איהר ר' נחמן?

לאַנג האָבען נאָך די שדכנים גערעדט. נחמן האָט געהערט

אײן װאָרט איבּער דעם צעהנטען.

— פּאָלגט מיך און בּעטראַכט זיך, האָבּען זײ געזאָגט בּײ׳ם אװעקגעהן.

— איך האָבּ זיך ניט װאָס צו בּעטראַכטען, האָט נחמן געענטפערט טרױעריג.

— װי איהר װילט אײך! נאָר מיר מײנען פאַר אײך װי צום בּעסטען, האָבּען זײ געזאָגט בּײ דער טהיר און זײ זענען אַװעקגעגאַנגען װידער מיט גאָרנישט.

---

## IV.

אין אײנעם פון די אָנהױבּ פריהלינגס־טעג, װען מען נעהמט אַרױס די צװײענדיגע פענסטער און דער רעשט פון גאַס הערט זיך אין שטובּ, איז נחמנ׳ס דיענסט אַרײַן אין שטובּ מיט אַנ׳אינדיק אין דער האַנד.

— בּעל־הבּית! זעהט נאָר, בּעל־הבּית, װאָס פאַר אַ אינדיק מען האָט געבּראַכט, איהר מעגט אַ טאַפּ טהון! ער האָט אפשר אַ פּאָר פונט שמאַלץ, אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבּען, װאָס פאַר אַנ׳אינדיק דאָס איז! בּומאַיל איז דאָס, ניט קײן שמאַלץ... אמת׳ער בּומאַיל!

נחמן האָט זי אָנגעקוקט און געענטפערט, אַז עס איז נאָך צײַט, מען װעט קאָנען קױפען שפּעטער.

— איהר האָט אַלץ צײַט, איך קאָן זיך ניט צורײַסען און װײס ניט װאָס פריהער אָנהױבּען צו טהון און איהר האָט אַלץ צײַט, עס איז שױן בּאַלד פּסח, און עס איז נאָך ניטאָ קײן מצות, קײן שמאַלץ, קײן אײער. עס איז גאָר נישט ניטאָ און די שטובּ דאַרף מען אױס־שמירען, און די קיך דאַרף מען כּשר מאַכען, און דעם סאַמאָװאַר אױסװײַסען, און געפּעס קױפען, איך קאָן דען אַלץ אױסרעכענען, אַלץ אױף מײַן קאָפּ! איך קאָן זיך ניט צורײַסען און איצט, אַז עס מאַכט זיך בּײ דער האַנד אַזאַ אינדיק זאָגט איהר, אַז איהר האָט נאָך צײַט.

און די דיענסט האָט זיך צעװײנט.

— איך האָבּ דאָך דיר ערשט נעכטען געגעבּען געלד?

— האָבּ איך געקױפט אַ האַלבּ שאָק אײער. װאָס־זשע װילט איהר? איך זאָל דערמיט מאַכען פּסח? יאָ, איך האָבּ נאָך געקױפט אַ בּינטעל הרײן מיט אַ נײַער קאָטשערע און אַ האַק־בּרעטיל, צװײ נײַע טעפּלעך, װאו־זשע

זאָל איך ווײַטער נעהמען, אַז איהר וועט מיר ניט געבען קיין געלד? געהט און קויפט=איין אַליין, אַז איהר ווילט ניט איך זאָל קויפען. איך האָב געננוג אַרבייט אַזוי אויך אין שטוב, האָט די דיענסט געזאָגט, שטאַרק אַ קלאַפּ געבענדיג מיט דער טהיר און איז אַוועק מיט דעם אינדיק.

דער עזות'דיגער קלאַפּ מיט דער טהיר, האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון אין האַרצען. ערשט איצט האָט ער דערפיהלט זיין אומגליק, זיין אַליין זיין און עלענדקייט. זיך בייזערן אויף דער דיענסט, אָנשרייען אויף איהר, — פאַרוואָס? זי איז אויך גערעכט; מען דאַרף אַלץ אָנגרייטען, נאָר פאַר וועמען דאַרף ער אַלץ אָנגרייטען? צו וואָס? — ניט אָנגרייטען? עס געהט דאָך פאָרט אַזאַ גרויסער יום=טוב פסח, און ווער וועט איהם אָנגרייטען דעם פסח? די דיענסט? אָך און וועה צו אַזאַ אָנגרייטען, מעהר ניט ווי דאָס געלד אַרויסוואַרפען.

נחמן איז געבליבען זיצען און זיין גרויער קאָפּ האָט זיך איהם אַראָבגעלאָזט נידעריגער און נידעריגער צו דער ערד.

דער רעש פון גאַס האָט נחמנ'ען אויפגעוועקט פון זיינע טרויעריגע געדאַנקען און די פריהלינגס=זון האָט מיט איהרע שטראַהלען געגאָלדעט זיין ווייסע זילבערנע באָרד און איהם גערופען אין דעם פרעהליכען דרויסען.

ער האָט גענומען זיין שטעקען מיט דער ווײַסבייניגער גאַלקע און איז אַרויס אויף דער גאַס.

אַלץ האָט גע'רעש'ט. מען איז געגאַנגען, געלאָפען און געאײַלט זיך, און אין דרויסען איז אַזוי וואַרים מחיה'דיג, עס אָטעמט זיך גרינגער, טיעפער ווי אַלע מאָל. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם שטאָדט=גאָרטען און ער האָט איהם איצטיגעס מאָל אָנגעקוקט גלײַך ווי ער זעהט איהם דאָס ערשטע מאָל. דאָרטען אויף די נאָך נאַקעטע בוימער רעש'ט אויך, הונדערטער=הונדערטער פויגעלעך שפּרינגען מיט רעש פון איין צווייגעלע אויף דעם צווייטען. עפּעס גרייטען זיי זיך אויך צו אַ גרויסען יום=טוב...

נחמן איז דורכגעגאַנגען דורך דעם מאַרק, מענשען קויפען און טראָגען פּעקלעך אַהיים, ער האָט אויך עפּעס געוואָלט קויפען און טראָגען אַהיים, נאָר צו וואָס? — פאַר וועמען?

עס ווילט זיך נחמנ'ען אויך זיך איילען, רעש'ן גלײַך מיט אַלע מענשען אויף די גאַסען, גלײַך מיט די פויגעלעך אויף די בוימער.

*

* *

אין צווייִ וואָכען אַרום איז געווען פּסח. נחמן׳ס שטוּב איז זעהר בּעלויכטען לכבוד דעם גרויסען יום־טוב. דער געדעקטער טיש איז שען פּערפּוצט מיט כּוסות און מיט אַלערלייִ טיש־זילבּער. נחמן זיצט אויס־געפּוצט און יום־טובדיג אָנגעטהון אויף דער היסבּ־בּעט, נעבּען איהם זיצט אויך עפּעס אַ יודענע מיט אַ ניי־געל־ויידען טיכעל אויף דעם קאָפּ און מיט לאַנגע אוירינגלעך אין די אויערען, די נאָז מיט אַ שטיקעל בּאַק פלאַמט איהר, נחמן מיט דער יודענע זאָגען צוזאַמען געשמאַק די הגדה. די דינסט זיצט בּיים עק טיש און מיט גרויס דרך־ארץ הערט זי זוי דער בּעל־הבּית מיט דער נייער בּעל־הבּית׳טע זאָגען די הגדה...

---





# דאס פסח'דיגע געפעס.

(נאך דעם טהעמא פון ש"ע.)

איך בין געווען דער איינציגער מאנסביל אין שטוב, דעריבער איז אויף מיר געפאלען דער גורל געהן צום טייך טובל'ען דאס געפעס; געהן צום טייך איז דאך שוין געפיס א שטיקעל עסק פאר א בחור'ל פון 7 אדער 8 יאהר, ווי איך בין דענסטמאל געווען. היינט בפרט נאך ערב פסח טובל'ען דאס פסח'דיגע געפעס!

אין דער לופט שמעקט שוין מיט פריהלינג, ערטערווייז קוקען ארויס גרינע קעפלעך פון גראז, עס בלאזט א מחיה'דיג, ווארים ווינטעל, און דער טייך איז ניט רוהיג, קליינע ריטשקעלעך וואסער פון דעם געוועזענעם שניי לויפען פון ערגיץ ווייט, פאלען אריין מיט א ליארעם און ווי מיט עפעס א שמחה — אין טייך אריין, ווי צו זיך אהיים נאך א לאנגען, ווייטען וועג. די זון גלעט דאס פנים, ווי מיט א געטרייער ווארעמער האנד, און איך לאז זיך בארוועס מיט דעם פסח'דיגען געפעס ניט ווייט פון דער באד— דארטען, וואו די וואסערפיהרער שעפען וואסער פאר די שטאדט, דארטען, וואו די בעלי עגלות און אלערליי דורכפאהרער טרינקען אן זייערע פערד.

איך געה צום טייך טובל'ען, אבער איך בין אין גאנצען מיט מיין הארץ, מיט מיינע אלע געדאנקען אין דער היים, וואו עס ווארטען אויף מיר מיינע נייע פסח'דיגע שטיוועליך, וועלכע שטעהען אין א ווינקעלע. איך זעה זיי נאך איצטער פאר די אויגען מיט זייערע געפארבטע פאדעשוועס, מיט שען אויסגעקלאפטע פלעקליך. מיינע געדאנקען זענען אין גאנצען דארטען, וואו עס ווארטען אויף מיר אזוי פיעל גוטע און טייערע זאכען:

אַ נײַ קאַפּאָטקעלע, אַ נײַ היטעלע און דאָס ליעבע טײַערע געזיכט פון דער מאַמען, וואָס וועט מיך צופריעדען און פרעהליך בעגעגענען פון דעם טובל'ען דאָס פּסח'דיגע געפעס!

און אַ גליקליכער שפּאַן איך און שפּאַן מיט דעם פּסח'דיגען געפעס צום טײַך.

פון דער אַרבייט, וואָס איך האָב איצטער צו טהון, בין איך אויך שטאַרק צופריעדען. דאָס טובל זײַן פּסח'דיג געפעס איז אי אַ מצוה, אי אַ פּערגעניגען, און איך וויים ניט, וואָס איז בײַ מיר גרעסער: צי די מצוה אדער דאָס פּערגעניגען. אָנגעזאָגט האָט מיר די מאַמע צוויי זאַכען: איך זאָל ניט צובּרעכען דאָס געפעס און זאָל זײַן געהיט בײַם טײַך, הלילה ניט אַרײַנפאַלען אין וואַסער אַרײַן. מילא, פאַר צוברעכען דאָס געפעס האָב איך קיין מורא ניט, וואָרום דאָס גאַנצע געפעס איז בּעשטאַנען פון איין הריניק —, און ווי אַזוי וועל איך נעהמען און צוברעכען איין־אונ־איינציגען הריניק? און מורא האָבען פאַר דעם וואַסער האָב איך אויך ניט וואָס, וואָרום זינט אונזער טײַך איז אַ טײַך, איז דאָרט נאָך קיינמאָל קיינער נישט דערטרונקען געוואָרען.

אַ הויץ מיר זעהנען געווען בײַם טײַך נאָך יונגליך אַזעלכע ווי איך, קלענערע און גרעסערע, און אויך מיידליך מיט געפעס און אָהן געפעס. עלטערע מיידלעך און ווייבּלעך האָבען געוואַשען גרעט בײַם בּרעג טײַך, געשטאַנען מיט די באָרוועסע פיס אין וואַסער און געקלאַפּט מיט דעם פּראַטש איבער דעם נאַסען גרעטהאַליץ לכבוד יום־טוב, אַליץ לכבוד דעם כשר'ן פּסח.

איך האָב געהאַלטען מײַן הריניק ווי אַ טײַערע כּלי, וואָס מען היט אָב ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון אויג. עמיצער זאָל הלילה וועלען זי בײַ מיר אָבּ'גזל'ענען, וואָלט איך יענעם די אויגען אויסגעשטאָכען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז אַלע בײַם טײַך קוקען אויף מײַן הרי־ניק און זעהנען מיך מקנא.

דער הריניק איז געווען אַ פּראָסטער הריניק, פון גרינעם גלאָז, מיט אַ הענטעל און מיט אַ דעקעל אויך פון גרינעם גלאָז, און בכלל איז ער געוועזען אַ גאַניץ געוועהנליכער הריניק, אין וועלכען מען האַלט אָנגעריבּענעם הריין, נאָר בײַ מיר אין מײַנע אויגען האָט ער געהאַט דעם זיעבּענטען הן: ערשטענס, דערפאַר וואָס ער איז אַ נײַער; צוויי־טענס, דערפאַר וואָס ער איז אַ פּסח'דיגער און דריטענס, דערפאַר וואָס איך דאַרף איהם טובל'ען לכבוד יום־טוב.

אַנ'אָרט אויף צו טובל'ען האָב איך אָבגעזוכט ניט ווײַט פון באָד,

נעבען א גרויסען שטיין, וואס ליעגט דארטען משׁשת ימי בראשית.

ווען איך בין צוגעגאנגען צום טייך, האָב איך פערקאטשעט די הייזעלעך און בין אריין ביז די קניע אין וואסער אריין. איך האָב זיך אָנגעבויגען, געמאכט די ברכה און איינגעטונקען דעם הריניק אין וואסער, אונטערגעטיקט מיט גרויס כונה און פאָרזיכטיגקייט, ווי מען טיקט אונטער אַן'איינציג קינד, ווען מען באָדט עס אין מולטער. בעדאַרף זיך אָבער טרעפען אַקוראַט אַזוי, אַז דער הריניק טהוט זיך אַ גליטש און גליטשט זיך אַרויס פון מיינע הענד און... נישטאָ קיין הריניק!...

די ערשטע מינוט בין איך געווען אַזוי מבולבל, אַז איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מהוט מען. באלד נאָכדעם איז מיר דורכגעפלויגען א געדאַנק, זיך אַ וואָרף צו טהון אין וואסער אריין נאָך דעם הריניק, און דערנאָך געדענק איך שוין אליין נישט, וואָס מיט מיר איז געוועזען...

איך בין געזעסען אויף דעם גרויסען שטיין, דעם קאָפּ אראָבגעלאָזט צו די קניע און האָב געוויינט מיט ביטערע טרעהרען:

— סטייטש, וואָס וועל איך איצטער טהון? וואָס וועל איך זאָגען דער מאמען? וואָס וועל איך זאָגען אין דערהיים? אַז איך וועל זאָגען, אַז דער הריניק איז דערטרונקען געוואָרען, וועט מען מיר דען גלויבען? מען וועט אַוודאי זאָגען, אַז איך האָב איהם צובראָכען, און די מאמע וועט מיך שלאָגען, וויפיעל עס וועט נאָר אין מיר אריין, און וועט נאָך שרייען אויף מיר: „איך האָב דיר אָבער אָנגעזאָגט, זאָלסט נישט צוברעכען! איך האָב געוואוסט פריהער, אַז דו וועסט איהם צוברעכען!“ אַזוי וועט זאָגען די מאמע און וועט זיין גערעכט. וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך דעמאָלט האָבען אין דעם נייעם קאַפּאָטקעלע מיט די נייע שטיוועלעך, וואָס שטעהען אין ווינקעל. — וועה איז מיר! וועה איז מיר! וועה איז מיר!...

איך האָב זיך צעוויינט, צעהליפּעט, מיינע טרעהרען האָבען געקאַפּעט אין טייך אריין און צעמישט זיך מיט דעם וואסער פון טייך, וואָס האָט ביי מיר צוגענומען מיין טייערען, טייערען פּסח'דיגען הריניק.

— וואָס וויינסט דו, יונגעלע?

מיט די דאָזיגע ווערטער איז צוגעגאנגען צו מיר עפּעס אַ מיידעל מיט אַ רויט שאַלעכעל אויפ'ן קאָפּ, זי האָט זיך אָנגעבויגען צו מיר און געוואָלט מיר אַ קוק טהון אין פּנים אריין — זעהן, וואָס איך וויין. איך האָב זיך צעהליפּעט נאָך שטאַרקער און האָב איהר לאַנג, לאַנג נישט געקאָנט ענטפערן קיין וואָרט. האָט זי מיך אָנגענומען ביי די

אַקסלען און מיט אַ פרײַנדליכער שטימע געפרעגט:
— זאָג, וואָס ווײַנסט דו, טאָמער קאָן איך דיר העלפען?
איך האָב אויפגעהויבען די אויגען און האָב דערזעהן פאַר זיך אַ שען, ליכטיג פּנים מיט גוטע אויגען און האָב קוים געקאָנט אַרויס־רעדען:
— דער חרי... חרי... חריניק!...
— וואָס פאַר אַ חריניק? — פרעגט מיך דאָס שענע מיידעל מיט די גוטע אויגען.
דאָ האָב איך זיך ווידער צעוויינט און נישט געקאָנט רעדען.
דאָס מיידעל האָט אַ פּנים פערשטאַנען, אַז איך האָב עפּעס גע־מוזט האָבען אַ גרויסען שאָדען, האָט זי מיך גענומען טרייסטען מיט אַזעלכע גוטע ווערטער און מיט אַזאַ זיס קול, וואָס איך וועל נישט פערגעסען מיין גאַנץ לעבען.
— וויין נישט, נאַרעלע, דער טאַטע און די מאַמע וועלען דיר גאָרנישט טהון; עס געהט אַזאַ יום־טוב, אם־ירצה־השם צו׳ם סדר וועסט דו פרעגען די פיער קשיות, וועסט דו טרינקען זיסען וויין, וועסט דו עסען גוטע קניידלעך...
און נאָך אַ סך, אַ סך גוטע, זיסע, מהיה׳דיגע ווערטער האָט מיר דאָס שענע מיידעל מיט דעם רויטען שאַלעכעל אַרײַנגעגאָסען גלײַך אין האַרצען אַרײַן. איהרע ווערטער האָבען מיך געהיילט און ;ענען געוועזען אַ דערקוויקעניש פאַר מיין פערביטערט האַרץ. זי האָט מיר דעם חריניק נישט צוריקגעגעבען, זי האָט מיך נישט אויסגעהיילט, נאָר זי האָט פערגרינגערט, פערקלענערט מיינע יסורים.

* *
*

וויפיעל מאָל האָב איך נאָך דעם ביז׳ן הײַנטיגען טאָג איבערגע־לעבט אַ סך גרעסערע צרות און אומגליקען, ווי דעמאָלט איבער דעם דערטרונקענעם חריניק, און קיינער, קיינער איז נישט צוגעגאַנגען צו מיר אַ קוק טהון אין פּנים, מיר העלפען, אויסרעדען מיר דאָס האַרץ, פערגרינגערן די יסורים...
אוי, וואו ביזט דו, מיידעלע מיט דעם רויטען שאַלעכעל און מיט די גוטע אויגען!

---



# די פינפטע קשיא.

## אָדער

## אַ קינדערשע פראַגע, אַז גרויסע זאָלען ענטפערן.

קינדער זאגען דעם אמת. (שעקספיר.)

## I.

### ערב פסח.

קיין שום יום־טוב בעגעגענען מיר נישט מיט אַזאַ פרייד ווי דעם ליעבען יום־טוב פסח. מיר זאָגען מיט אַ פרעהליך האַרץ: „אָט וועט באַלד זיין פסח”, גלייך ווי דער אַקערבויער זאָגט מיט אַ ברייטען שמייכעל: „באַלד וועט זיין פריהלינג”.

ווי פיעל שפּיעלענדיגע בילדער, וויפיעל גליקליכע האָפנונגען זעהט דער אַקערבויער אין די ווערטער: „באַלד וועט זיין פריהלינג” — וויפיעל ערוואַרטונגען מאַכט זיך דער יוד פון דעם: „אָט באַלד וועט זיין פסח”!

די אָרימע קלאַסען האָרעווען פאַר פסח איבער דעם כח — זיי פער־דינגען זיך מיט די ווייבער און קינדער אויף מצות באַקען: ער איז אַ טרעגער, אַ שיבער, זי איז אַ קאַטשערין, די קינדער ווערען „וואַסער־געבער”, „מעהל־מעסטערס”, „רעדלערס”. אַלע האָרעווען פלייסיג מיט גרויס פערגעניגען, אַבי אַריינצונעהמען דעם ליעבען פסח מיט גרויס כבוד, ווי איהם שטעהט טאַקי אָן.

נאָר גאָלדע איז ניט אַזאַ אָרימע, זי איז שוין אַ שטיק בעל-ביתטע,
זי האָרעוועט אויך די אַכט טעג פאַר פסח איבער דעם כח; זי רוימט,
זי שמירט, זי וואַשט, זי שאָבט דאָס פאָס, זי רייבט דאָס לאָקשענ-ברעטל,
די לאָפּאַטקע, די טעפּ, דאָס געפעס. אַלע שטוב-זאַכען פון גרויס ביז קליין
מאַכט זי זויבער, אפילו פאַר דער שטוב פערקעהרט זי אויך מיט דעם
בעזים. זי ווערט גאָר נישט מיעד צו אַרבייטען און טהוט אַלץ מיט פער-
גענינגען. איהר מאַן און קינדערלעך שטערען איהר איצט אויך נישט אין
איהר אַרבייט: ער גרייט זיך אַליין דעם טיש, נעהמט זיך אַליין אַראָב
פון דעם אויבען דאָס עסען און עסט אָב, ווי מען זאָגט, „אויף איין פוס".
די קינדער שרייען ניט: „מאַמע גיב אונז עסען", זיי זענען שטיל, ווי די
טויבען, זיי ווייסען, אַז מען טאָר איצט נישט דאָקוטשען דער מאַמען;
דערפאַר ווייסען זיי אויך, אַז די מאַמע וועט זיי שפּעטער בעלוינען, אַז
עס וועט שוין קומען דער ליעבער פסח.

גאָלדע ווייסט אויך פאַרוואָס זי האָרעוועט איצטער איבערן כח. זי
ווייסט, אַז דער גילדענער פסח וועט זי אויך בעלוינען. פסח ברענגט דעם
ליעבען זומער מיט דער שענער זון... וויפיעל האָפנונגען מאַכט מען
זיך פון דעם פסח... עס וועט זיך עפּעס אַנדערש לעבען נאָך פסח, דאָס
שטיקעל ברויט וועט אָנקומען גרינגער, ניט אַזוי ביטער, ווי ביז אַהער.
זומער עפענט זיך די וועלט... „גאָט וועט שוין אויף אונז רחמנות האָבען
און וועט אונז שיקען פרנסה מיט דעם פולען מויל".

---

## II.

## קינדערשער ערב פסח, בדיקת המץ.

נאָך מיט מעהר פרייד בעגעגענען דעם פסח די קליינע קינדער:
ישראליק, גאָלדעס יונגעלע, ריכט זיך פון דעם פסח גאָר עפּיס
אַנדערש: אויס ביינאַכט געהן אין חדר מיט דעם בעלפער און מיט דעם
לאַמטערן און אויסברענגען זיך די אויגען מיט שמעלצען די חלבדיגע ליכט.
אין די שטיוועלעך וועט שוין ניט אַריינרינען, דאָס טילופעל וועט מען
נישט פערבלאָטיגען, עס וועט שוין ניט זיין קאַלט! — פסח! -- נייע
שטיוועלעך, אַ נייע קאַפּאָטקעלע, אַפילו אַ נייע היטעלע, און באַלד נאָך

פסח? — זומער, ל״ג בעומר, אַ פײַל־און־בױגען, גרינע פעלדער, בלומען. שפּילען זיך פרײַ אויפ'ן גרינעם גראָז! זומער לאָזט דער רבי אַלע פאַרנאַכט פרײַ, מען גײט אַהײם גלײַך מיט דער טשערעדע. אַך! זומער איז טאַקי גוט!

אויף דער נאַכט, אַז גאָלדעס מאַן האָט אָפּגעדאַווענט מעריב, האָט ער באַלד בודק חמץ געווען. ישראל'יק מיט זײַן עלטער שוועסטעריל האָבען מיט זײערע קינדערישע אויגעלעך געזעהן, וואָס דער טאַטע האָט געטהון, ווי ער האָט אויף צו כלומר'שטען אַלײן אויסגעלעגט שטיקלעך ברויט אין אַלע ווינקעלעך, אויף אַלע פענסטער, אין קיך, אין זאַל, אֲפילו אויפ'ן פריפּיטשיק און ווי ער האָט ווידער אַלײן געזוכט די שטיקלעך ברויט, גלײַך ווי ער ווײסט נישט אָדער ער וויל פּערעלען מיט ישראל'יקין אָפּנאַרען, אַז ער ווײסט נישט, וואו זײ זענען, ביז ער האָט זײ אַלע געפונען. דערנאָך האָט ער זײ אַרײַנגעלעגט אין אַ הילצערנע לעפעל און צוגעלעגט די פעדער, מיט וועלכער ער האָט צונויפגעשאַרט די שטיקלעך ברויט, דערנאָך האָט ער זײ שטאַרק פערבונדען מיט אַ ווײַס טיכעל און אַנידערגעלעגט אויף דעם מעשענעם הענגלײַכטער.

ישראל'יק האָט גוט פערשטאַנען, אַז דער טאַטע האָט איהם פריהער אָפּגענאַרט, אַז ער האָט געזוכט די שטיקלעך ברויט, נאָר אַ טאַטען טאָר מען גאָר נישט זאָגען. „אַ טאַטע מעג", האָט איהם אַמאָל די מאַמע געזאָגט, „אַז דו וועסט זײַן אַמאָל אַ טאַטע, וועסט דו אויך מעגען". און ווידער זענען איצטער ישראל'יקען אַזוינע פּוסטע זאַכען נישט געלעגען אין קאָפּ, ער איז געווען פערטראָגען אין זײַנע געשעפטען.

— פּערעלע! ווען וועט שוין זײַן פסח?

— אַך דו נאַרעלע! מאָרגען וועט שוין זײַן פסח.

— עס איז אַ ליגען, דו נאַרסט מיך שוין אויך אָב אַזוי ווי די מאַמע! זי זאָגט מיר שוין זײַט צווײ וואָכען: מאָרגען וועט זײַן פסח, צום סוף איז נאָך נישט פסח.

— נײן, ישראל'יק, איך נאַר דיך שוין איצטער נישט אָב, מאָרגען וועט טאַקי שוין זײַן פסח: פאַר אַ יאָהר איז אויך טאַקי אַזוי געווען, געדענקסט דו, אַז דער טאַטע האָט געמאַכט אויף צו כלומר'שטען מיט די שטיקלעך ברויט, איז אויף מאָרגען געוואָרען פסח?

— יאָ, יאָ, איך געדענק טאַקי אַזוי, אַך פּערעלע! וועלען מיר זיך מאָרגען בײדע שען אָנטהון אין די נײַע שענע קלײדער און שטיוועלעך און יעקילע אויך און מיר וועלען זיך שען שפּיעלען. אין דרויסען איז

שוין טאַקי טרוקען, איך וועל נישט אויסשמירען מיינע שטיוועלעך! ווי גוט וועט טאַקי זיין מאָרגען, פסח, ווי ליעב האָב איך פסח!

---

## III.

## ישראל'יק מיט פערעל'ען.

אויף מאָרגען איז טאַקי געווען פסח, פערעלע האָט ישראל'יקען טאַקי נישט אָבגענאַרט. גאָלדע האָט גענומען פערעלע'ן מיט ישראל'יקען און האָט זיי אָבגעוואַשען מיט הייס וואַסער, אויסגעצוואָגען און זיי אָנגעטהון נייַ און פריש פון קאָפּ ביז פוס, דערנאָך האָט זי זיי אַריינגעפיהרט אין זאַל אַריין און אַנידערגעשטעלט אַקעגען דעם שפּיגעל. די מוטער האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקען אויף איהרע קינדער און נישט אַיינהאַלטען צו זאָגען:

— אַזאַ שען יאָהר זאָל איך האָבען, ווי שען איהר זענט ביי מיר אין די אויגען! איצט קינדערלעך מעגט איהר זיך געהן שפּיעלען! נאָר שמירט זיך נישט אויס. אַז איהר וועט ווערען הונגעריג זאָלט איהר קומען, וועל איך אייך געבען פרישע געפּרעגעלטע מצה.

גאָלדע האָט זיי געגעבען צוויי הייסע קושען, אָנגעשטאָפּט זייערע קעשענעס מיט וועלשיגע ניס און ישראל'יק מיט פערעלען זענען מיט אַליאַרם אַרויסגעלאָפען, ווי דאָס שפּיעל־פייגעלע פון דעם שטייגעלע אויפ'ן פרייען פעלד.

זיי האָבען זיך געשפּיעלט אויף דער זון נעבען דער פריזבע, זיי זענען געשפּרונגען, געלאָפען אַלע מאָל פון דער שטוב און ווייטער זיך געזעצט. דאָ האָט ישראל'יק מיט דער פאָלע פון זיין נייער קאַפּאָטע אָבגעווישט דעם שטויב פון זיינע שטיוועל, דערנאָך מיט דעם אַרבעל אָבגעווישט די פאָלע. דאָס היטעל האָט ער מורא געהאַט אָנצוריהרען, ער זאָל עס נישט אויסשמירען מיט די פינגער. צעהן מאָל אין דער מינוט האָט ער זיך בעריהמט פאַר פערעלען:

— אָבער איאָ, איך שמיער מיך טאַקי נישט אויס?

אַזוי האָבען זיי זיך געשפּיעלט און געשפּיעלט ביז ישראל'יק איז טרויעריג געוואָרען: עס איז איהם סקוטשנע אָהן יעקיל'ען.

— פּעֶרלֶע! פאר וואס קומט צו אונז נישט יעָקילע?

— איך ווייס? וואס פרעגסטו מיך? ער איז דאָך אַ יונגעל — דיין חבר, פון וואנען זאָל איך וויסען, פאר וואָס ער איז היינט נישט געקומען? אַז דו וועסט היינט מיט דעם טאטען געהן אויף דער נאכט דאַווענען אין קלויז, זאָלסט דו דאָרט יעקילען פרעגען, וועסט דו וויסען, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען.

## IV.

## די קלויז.

די קלויז איז לכבוד יום-טוב געוועזען בעלויכטען מיט הונדערטער ליכט, די פּאָדלאָגע אָבגעריבען מיט געלען זאמד, די ווענד אָבגעווייסט, דער אָרון קודש איז געגאַנגען אָנגעטהון אַ יום-טוב'דיגען פרוכת פון רויט געוואַנד מיט גאָלד געשטיקט. אַלע יודען זענען געגאַנגען אָנגעטהון יום-טוב'דיג, אפילו דער שמש האָט געהאט אַ ריין אָבגעוואשען פנים. אַלע זענען געוועזען צופריעדען.

ישראל'יק איז געוועזען פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען, ער האָט געזוכט זיין חבר, נאָר צו זיין גרויס וואונדער האָט ער איהם נישט געזעהן צווישען אַלע יונגלעך, וואס זענען געשטאַנען נעבען אָרון-קודש.

— וואו איז יעָקילע? ער איז נאָך נישט געקומען דאַוועָנען? האָט ער געפרעגט ביי אַ יונגעל.

— יאָ, ער איז שוין דאָ... ער שטעהט דאָרט אין ווינקעל אונטער דער הרובע...

ישראל'יק איז געלאָפען צו דער הרובע. יעָקילע האָט זיך זעהר פערשעמט פאר איהם, וויל ער איז געגאַנגען אָנגעטהון אין איין אַלט קאַפּאָטקעלע און אפילו אין איין אַלט היטעל. ישראל'יק האט איהם מיט אַ פערשעמט קול געפרעגט:

— יעָקילע! פאַרוואָס ביזט דו היינט צו אונז נישט געקומען זיך שפּיעלען? דו האָסט דאָך צוגעזאָגט, אַז דו וועסט קומען?

יעָקילען האָבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען און ער האט איהם גאָר נישט געענטפערט, נאָר ישראל'יק האט איהם נישט אָב-

געלאָזט, ביז יעקילע האָט איהם מיט א שווער האַרץ אַרויסגעזאָגט:
— איך האָב נישט קיין נייע קאַפּאָטע.
— פאַרוואָס? דער שניידער האָט דיר קיין צייט נישט געהאַט אויס-צונעהען אויף פּסח?
— ניין, מען האָט גאָר צו קיין שניידער נישט געגעבען נעהען...
— פאַרוואָס זשע? דיין טאַטע מיט דער מאַמע האָבען דיך דען פיינד?
— ניין, זיי האָבען מיך ליעב, נאָר די מאַמע האָט מיר געזאָגט: יעקילע, דו זאָלסט זיך נישט זאָרגען, וואָס דו האָסט נישט קיין ניי קאַ-פּאָטקעלע אויף פּסח, מיר דאַרפען דאַנקען און לויבען גאָט, אַז מיר האָבען וואָס צו עסען פּסח; אַז גאָט וועט אונז העלפען, וועל איך דיר מאַכען אַ סך נייע קליידער אויף נאָך פּסח.
— נו, פאַרוואָס זשע ביזט דו היינט צו אונז נישט געקומען זיך שפּיעלען?
— איך האָב מיך געשעמט פאַר דיר און פאַר פּערעלען צו קו-מען אין מיינע אַלטע קליידער.
— נו, איבערמאָרגען וועסט דו שוין קומען צו אונז? איך וועל דיר געבען אַ סך ניס, מיר וועלען ביי פּערעלען געווינען אַלע ניס.
— ניין, איך וועל נישט קומען אַ גאַנצען יום-טוב.
— פאַרוואָס? דו ביזט שוין מיט מיר דען ברוגז?
— ניין, איך בין מיט דיר הבר, נאָר איך שעם מיך צו קומען מיט דער אַלטער קאַפּאָטע.
— ווייסט דו וואָס? מיר האָט מען געמאַכט אַ ניי קאַפּאָטקעלע, וועל איך דיר אויסלייהען מיין אַלט שבת'דיג קאַפּאָטקעלע, וואָס איז נאָך גאַנץ שען, איבער יום-טוב, ביז דיין טאַטע וועט דיר מאַכען א נייעס. נו, וועסט דו שוין קומען?
— ניין, מען טאָר נישט!
— וואָס טאָר מען נישט?
— נעהמען אַ פרעמדע קאַפּאָטע.
— פאַרוואָס אַ פרעמדע?, נאַרעלע? און אַז איך זאָל דיר גאָר שענ-קען, וואָלט אויך קיין עולה ניט געוועזען. איך האָב דיר אַמאָל גע-שענקט דאָס שענע קעסטעלע מיט דעם רויטען שטעקעלע?
— אַ שטעקעלע מעג מען, אָבער אַ קאַפּאָטקעלע טאָר מען נישט.
— פאַר וואָס טאָר מען נישט קיין קאַפּאָטקעלע?
— דיין טאַטע וועט דיך דערפאַר שלאָגען.

— ניין, נארעלע, פארוואס האָט ער מיך צו שלאָגען? ער האָט מיר אליין פערטייטשט פון דעם חומש: ואהבת לרעך כמוך — דו זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר ווי זיך אליין, און וואס אין חומש שטעהט, האָט דער טאטע מיט דער מאמע געזאָגט, האָט גאָט געהייסען מקיים זיין. היינט אז דו ביזט מיין חבר און איך האָב דיך ליעב, וויל איך דיר שענקען אָדער לייהען איין קאפאָטקעלע, אז איך האָב צוויי: איינס א נייעס און איינס פון פריהער.

— פרעג פריהער דיין טאטען, אז ער וועט דיר הייסען, וועסט דו מיר געבען.

— נו, נו, איך וועל טאקי ביי'ם סדר פרעגען.

———

## V.

## די פינפטע קשיא.

ישראל'יקס טאטע האָט שוין געטרונקען דעם ערשטען כוס. גאָלדע איז געזעסען ניט ווייט פון איהם אָנגעטהון יום־טוב'דיג, ישראל'יק מיט פערעלען פון בידע זייטען.

אומעטום איז געוועזען ליכטיג, שען און ריין, האָטש פעריל צו קלויבען, א דאנק גאָלדעס גילדענע הענד. מען האָט שוין געזאָגט: „לשנה הבאה בני חורין".

גאָלדעס מאן האָט אָנגעגאָסען דעם צווייטען כוס און געזאָגט:

— נו, מיין זוהן ישראל'יק, קענסט דו די פיער קשיות? פרעג!

ישראל'יק האָט געפרעגט די פיער קשיות אויסגעצייכענט, ווי א וואסער — פון „מה נשתנה" ביז „כלנו מסובין". דער פאָטער האָט איהם געוואָלט ענטפערן, נאָר ישראל'יק האָט ווייטער געפרעגט:

— טאטע, איך האָב נאָך צו פרעגען...

— וואָס? שוין א פינפטע קשיא האָט דיך דער רבי אויסגעלערנט?

— ניין, איך וויל גלאט עפיס פרעגען.

— נו, נו, פרעג מיין קינד, איצטער ביי'ם סדר מעגסט דו פרעגען, וואָס דו ווילסט, איך וועל דיר אויף אלעם ענטפערן.

— איך וויל דיך פרעגען, טאטע: יעקילע איז היינט צו אונז ניט

געקומען, האָב איך איהם אין קלויז געפרעגט, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער שעמט זיך פאַר מיר און פאַר פערעלען, ווייל זיין טאַטע האָט איהם נישט געמאַכט קיין נייע קאַפּאָטקעלע, ער האָט קיין געלד נישט געהאַט. אַזוי ווי איך האָב צוויי קאַפּאָטקעלעך, האָב איך איהם געוואָלט געבען איינס. וויל ער ניט, ער זאָגט, מען טאָר ניט, דו וועסט מיך שלאָגען. פרעג איך דיך, טאַטע, צי וועסט דו מיך שלאָגען דערפאַר?

ישראל'יק האָט געקוקט דעם טאַטען גלייך אין די אויגען אַריין און האָט געוואַרט אויף אַ תשובה, זיין פאָטער האָט אָבער אויף דער שאלה נישט געענטפערט, נאָר מיט אַ הויך קול געגעבען אַ געשריי: „עבדים היינו". ישראל'יק האָט זיך געפרובט נאָך אַמאָל פרעגען, נאָר זיין פאָטער האָט געהאַלטען אין איין זאָגען די הגדה. ישראל'יק איז שטאַרק טרויעריג געוואָרען, ער האָט מיט זיין ריין קינדיש האַרץ פערשטאַנען, אַז דער טאַטע הייסט נישט געבען דאָס קאַפּאָטקעלע. נאָך אַמאָל האָט ער ביי זיך פערטייטשט די ווערטער: „ואָהבת לרעך כמוך", עס האָט איהם אָנגעהויבען וואונדערן, ער האָט מיט זיין קינדערישען שכל נישט געקאָנט פערשטעהן... זעהר טרויעריג און מיט אַ זיפץ איז ער דעם ערשטען סדר ביי דער הגדה אַנטשלאָפען געוואָרען. די גאַנצע נאַכט האָט זיך איהם געח׳לומ׳ט און געח׳לומ׳ט....

פון דער נאַכט אָן האָט ער זיך אָנגעהויבען פרעגען אַ סך קשיות...

# זארג.

## I.

בײַ אונז אין שטעדטיל האָבען זיך אָנגעהויבען די גאָלדענע פאַר־פסח׳דיגע טעג מיט די גוטע האָפנונגען, אַז די גרויסע בלאָטעס װעלען זיך סוף כל סוף בײַ אונז אין שטעדטיל אויך אַמאָל אויסטריקענען און מען װעט קאָנען געהן רײן־טרוקען אַרום זיך מיט געפוצטע שטיװעלעך און מען װעט פעשפאָרען יעדען טאָג אַרומרײניגען און אויסטריקענען די קאַפּאָטקעלעך פון בלאָטע.

נאָר דערװײַל איז די בלאָטע אַרום דעם פלאַץ פאַר אונזער שטוב געשטאַנען װי אַ אויסגעקאָכטע געדיכטע קאַשע און זיך געפרעגעלט קעגען דער פאַר־פסח׳דיגער זון און געשפיגעלט און געגלאַנצט מיט איהר שװאַרצקײט.

און בײַ אונז הדר־יונגלעך אין די אויגען האָט די פאַר־פסח׳דיגע בלאָטע אויסגעזעהן װי שװאַרצע פינקעלדיגע בריליאַנטען, װעלכע האָבען זיך אין קאָליערנדיגע בולבעלעך געשפיגעלט אין די געגאָלדעטע שטראַהלען פון דער זון. און מיר האָבען געקוקט מיט נחת און מיט גרויס פרײד אויף דער דאָזיגער ליעבע, טײַערע, הײמישע, אײגענע בלאָטע פון אונזער שטעדטיל.

מיט מוט און פול מיט לעבען האָב איך געשפאַנט אין דער בלאָטע אין חדר הין און צוריק. מיך האָט נישט אָנגעהויבען צו אַרען, װאָס די ברעגען פון מײַן קאַפּאָטקעלע זענען אויסגעשמירט מיט בלאָטע. איך האָב אפילו געפונען פאַר איבעריג צו רײניגען מײַן קאַפּאָטקעלע מיט די

שטיוועלעך. אַלץ אײַנס, האָב איך זיך געטראַכט, וועל איך אויף פּסח אַלעס, וואָס איך טראָג איצטער אויף זיך, אין גאַנצען אַוועקוואַרפען צוזאַמען מיט דער פערמאַטיקענטער, נישט-אָפּגעריינינטער בלאָטע, וואָס געפינט זיך אויף זיי. אפילו מײַן אַלט, זעהר אָפּגעקראָכען היטעלע מיט דעם צושפּאָלטענעם דאַשעק האָב איך געפונען פאַר איבעריג עס אָפּצורייניגען פון די שטיקלעך בלאָטע, וואָס פאַרבײַפאָהרער האָבען עס פערשפּריצט. איך וועל עס אויך באַלד אַוועקוואַרפען. אַלעס, אַלעס וואָס איך טראָג איצטער אויף זיך פון קאָפּ ביז די פיס, וועל איך פאַר פּסח אַוועקוואַרפען און וועל זיך אָנטהון אין שפּאָגעל נײַעס.

איך האָב געוואוסט, אַז בײַ הײַקעל שנײַדער נעהט זיך פאַר מיר נײַע מלבושים׳לעך און בײַ פּישעל דעם שוסטער — שטיוועלעך מיט הויכע אָבצאַסלעך, מיט פּאָדמיאָטקעס אויף פלעקלעך און מיט אַ סקריפּ...

דאָס אַלעס טראַכט איך מיר שפּאַנענדיג געשמאַק פון חדר אַהיים אין דער בלאָטע און אויף דעם וועג געה איך אַרײַן צו הײַקעל דעם שנײַדער און פּישעל דעם שוסטער און האָב דאָרטען אַ קוק אויף מײַנע נײַע זאַכען, וואָס מען נעהט מיר אויף פּסח.

און געהענדיג אַזוי מלא שמחה אַהיים דערזעה איך, ווי אַ ציג האָט זיך אויסגעלעגט מיט איהרע נײַ-געבוירענע ווײַסע ציגעלעך אויף אַ טרוקענער פּריזבע נעבען פּישעל דעם שוסטער׳ס שטיבעל און וואַרעמט זיך מיט איהרע ציגעלעך אויף דער זון. און פון גרויס צופרידענהײַט, וואָס פאַר מיר נעהט זיך נײַע מלבושים׳לעך און שטיוועלעך אויף פּסח, געה איך צו צו דער ציג און מיט דער גרעסטער ליעבשאַפט טהו איך אַ גלעט די ציג און זאָג איהר:

— אַ יאָ, ציגעלע. עס איז גוט אויף דער וועלט, אַזוי מהיה׳דיג זיך ליגען אויף דער פּריזבע קעגען דער זון?

די ציג, נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט, טהוט אַ מאַך צו מיר מיט די הערנער און די באָרד שאָקעלט זיך בעת מעשה, און עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי רעדט און זאָגט מיר:

— גוט, גוט, מהיה׳דיג, נאָר טשעפּע נישט מײַנע יונגע, שענע, ווײַסע קינדערלעך.

און איך געה זיך ווײַטער אַ צופריעדענער אַהיים.

———————

## II.

אין דער היים בעגעגענט מיך די מאַמע מיט אַ געשריי:

— זעה נאָר ווי דו זעהסט אויס, נעהם האָטש דאָס קאַפּאָטקעלע מיט די שטיוועלעך און רייניג אַרום פון דער בלאָטע! ווייסט דען נישט, שמאַראָוואָזניק איינער, אַז עס איז פאַר פסח און איך האָב קיין צייט איצטער צו דיר.

נאָר איך געפין פאַר איבעריג צו טהון אַ אומזיסטיגע אַרבייט, זיך זעצען רייניגען מיינע אַלטע מלבושים׳לעך און די שטיוועלעך, סאַי ווי סאַי, וועל איך זיי דאָך אין אַפּאָר טעג אַרום אין גאַנצען אַוועקוואַרפען מיט דער בלאָטע צוזאַמען, צו וואָס זאָל איך געהן רייניגען?

איך געה מיר אַרויס פאַר אונזער שטוב און זעץ זיך אויף אונזער אויסגעטרוקענטער פריזבע קעגען דער זון און קוק, ווי די בלאָטע אויף דעם גרויסען פלאַץ פאַר אונזער שטוב שפּיגעלט זיך מיט איהרע שוואַרצע בולבעס אין די גאָלדענע שטראַהלען פון דער זון.

— אויף פסח וועט שוין זיין טרוקענע סטעזשקעס, טראַכט איך זיך, ערב־פסח וועל איך זיך אָנטהון אין מיינע שפּאָגעל נייע מלבושים׳לעך מיט די שטיוועלעך און אין אַ נייע היטעלע און וועל געהן מיט דעם טאַטען אין שול אַריין. דאָרטען וועלען אַלע יונגעלעך מיך אָנקוקען... אויף מאָרגען וועל איך געהן מיט דער מאַמען, מיט דעם טאַטען און מיט די שוועסטער־לעך יום־טוב־ביטען צו די מומעס, צו די פעטערס און צו אַלע קרובים און אומעטום וועט מען מיך אָנקוקען אין מיינע קליידער.

איך דערמאַהן זיך, אַז הייקעל און פישעל האָבען מיר צוגעזאָגט, אַז אויף שבת הגדול וועלען זיי מיר אָבברענגען מיינע מלבושים מיט די שטיוועלעך, נאָר — טראַכט איך זיך — איך וועל זיי נישט אָנטהון, אפילו זיי נישט אָנריהרען ביז ערב־פסח, נאָר אַ היטעלע דאַרף מען מיר קויפען, בין איך שוין אין גאַנצען פערטיג אויף יום־טוב.

איך נעהם אַראָב פון קאָפּ מיין אַלט היטעלע און בעטראַכט עס: שוין זעהר אַלט, עס האָט זיך גוט אָבגעדינט איבער דעם ווינטער. עס האָט בעקומען אַ מיתה־משונה׳דיגען קאָליער, דער לאַקירענער דאַשעק איז צושפּאַלטען און אויף אייניגע ערטער איז אַראָב דער לאַקיר און עס זעהט זיך אַרויס פאַפּיער. איך פיהל, אַז עס איז נישט שען פאַר מיר צו טראָגען אַזאַ היטעלע און טראַכט זיך, אַז ווען מען זאָל מיר קויפען אויף שבת הגדול אַ נייע היטעלע, וואָלט איך זיך נישט איינגעהאַלטען

ביז פסח און וואָלט עס שוין אָנגעטהון און דאָס מיתה־משונה׳דיג היטעלע מיט דעם צובראָכענעם דאַשעק וואָלט איך אַ שמוידער געטהון, אַז עס וואָלט אַוועקגעפלויגען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!

און בעת מעשה טהו איך אַ מאַך מיט דער האַנד אין דער לופטען און עס וויל זיך מיר מיין אַלט היטעל אַ וואָרף טהון אין דער בלאָטע, העט ווייט, ווייט...

נאָר איך טהו עס אָן צוריק אויף דעם קאָפּ בערוהיגענדיג זיך: מילא, נישט קיין אומגליק צו טראָגען איין אַלט היטעלע, ווען דו ווייסט, אַז באַלד וועסטו האָבען אַ נייעס, בפרט נאָך פאַר פסח, ווער קוקט זיך אום ווי אַזוי מען געהט?...

מיין עלטערע שוועסטער, דערמאַהן איך זיך, האָט שטענדיג טענות צו דער מאַמען, אַז זי געהט קרועה־בלויה און אַז מען מאַכט איהר אַ ניי קלייד, ליגט עס ביי איהר אין שאַפע און אַליין געהט זי ווידער אין אַלטען קליידעל.

איך הער, ווי די מאַמע רופט דעם עולם צו׳ם מיטאָג.

— וואו זענט איהר ערגעץ! דער טאַטע זיצט שוין ביי׳ם טיש און אויף די פיסקליאַטעס (מיך מיט די שוועסטער מיינט מען עס) דאַרף מען וואַרטען. זיי ווילען גאָר ניט וויסען, אַז עס איז ערב פסח!

איך ריק אָן מיין היטעלע אויף דעם קאָפּ און לויף צו׳ם טיש.

שוין נאָך דעם עסען פאַר דעם בענטשען טהוט דער טאַטע אויף מיר אַ קוק און זאָגט:

— מען דאַרף מאַטעלען (מיך מיינט מען עס) קויפען אַ ניי היטעלע.

די שוועסטערלעך טהוען אַ קוק אויף דעם צובראָכענעם דאַשעק מיט דעם אָבגעשעלטען לאַקיר און צולאַכען זיך, נאָר מיך אַרט נישט, ווען מען רעדט פון אַ ניי היטעלע קויפען...

— אויך מיר אַ געשעפט אַ היטעלע קויפען — רופט זיך אָן די מאַמע — וועסט געהן אין מאַרק, נעהם־מיט מאַטעלען און קויף איהם פאַר דריי גילדען אַ היטעלע. וואָס איז, מען דאַרף עס בעשטעלען?

בעת מעשה האָט מיין פאַנטאַזיע געשפּילט: אַז מיר וועלען שוין זיין ביי׳ם קירזשנער, וועל איך אַרויפציהען דעם טאַטען ביז פיער גילדען פאַר אַ היטעלע.

— טאָמער וואָלסטו טאַקי געגאַנגען קויפען דעם קינד אַ היטעלע, פרעגט דער טאַטע די מאַמען.

— וואָס נאָך ווילסטו? דעם שניידער, דעם שוסטער האָב איך פאַר אַלע בעשטעלט, אין שטוב איז פאַר פסח, עס איז קיין צייט נישטאָ די

נאָז אָבצווישען זיך, קאָנסטו קיין צייט זיך נישט געפינען קויפען האָטש דעם קינד אַ היטעלע. אַ גרויס געשעפט! געהסט אין גאס פאַרביי די מאַגאַזינען, נעהם מיט דאָס קינד און מעסט איהם אָן אַ היטעל.

— נו, נו, נישטאָ פון וואָס אַזוי פיעל צו רעדען, ווילסט נישט — דאַרף מען ניט, וועל איך געהן! ביז ערב־פסח איז נאָך צייט צו קויפען הונדערט היטלען — אַ געשעפט אַ היטעלע קויפען!

— איך בין דיר שוין מוחל, דו וועסט מיר די „אַרבייט" מיט דעם קויפען דאָס היטעל אַריינרעכענען אין נדן, איך קען דיך, דו וועסט מיך שוין גליקליך מאַכען!

און די מאַמע ווענדעט זיך צו מיר:

— איך וועל דיר שוין, מאָטעלע, אַליין קויפען אַ היטעלע.

— עס איז דאָ פון וואָס זיך צו אַמפּערן — מישט זיך אַריין מיין עלטער שוועסטערל — וועסט מיר געבען דריי גילדען, וועל איך געהן מיט מאָטעלען קויפען אַ היטעלע.

— און באמת — רעדט דער טאַטע גאָר ווייך — עס איז עפּעס אַ מלבוש, צי שטיוועל, וואָס מען בעדאַרף בעשטעלען און זיך אָנלויפען צום שניידער, צום שוסטער ביז עס ווערט פערטיג? — מאָטעלע, ווען איך וועל געהן אין מאַרק אַריין, זאָלסטו מיט מיר מיטגעהן, וועל איך דיר קויפען אַ היטעלע.

מען איז זיך צוגאַנגען פון טיש, אַז אַלע זענען גרייט מיט מיר צו געהן קויפען אַ היטעלע. און באמת האָב איך אויך פערשטאַנען, אַז קויפען אַ היטעלע איז נישט אַזאַ גרויס געשעפט. מען קאָן דאָס אַפילו קויפען אַ טאָג פאַר פסח אָדער גאָר ערב־פסח. איך וויל דאָך דאָס נייע היטעלע סאַי ווי סאַי נישט אָנטהון פאַר פסח, זאָל עס בעסער ליגען, „אין דער פרעס" ביים קירזשנער.

III.

דער פסח האָט זיך אָנגעהויבען רוקען און רוקען, ער איז שוין געווען, ווי זאָגט מען, אויף דער נאָז, מיינע נייע מלבושים׳לעך מיט די שטיוועלעך זענען שוין געלעגען אָנגעגרייט ביי אונז אין דער גרויסער שאַפע.

אין שטוב איז שוין געגאַנגען דער ערב פּסח מיט דעם גרויסען טראַסק, קיין זאַך איז נישט געשטאַנען אויף זיין אָרט, אַלץ איז געווען איבערגעקעהרט מיט דעם קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף, די בעטען צורוקט, דער שפּיגעל פערדעקט מיט אַ ליילעך, דעם טאַטענס ספרים — אין קיך, די קאָטשערע מיט דער לאָפּעטע — אין עס־שטוב, די מאַמע און די שוועסטער זענען געגאַנגען מיט ווייסע טיכלעך פערבונדען די קעפּ ווי „מאָנאַשקעס" און געוואַשען, געריבען און געראַמט. די דינסט־מויד מיט איין אָבגעשפּריצטען קאָפּ און פּנים מיט וויסע לעהם האָט געהאַלטען אין איין שרייען אויף די שוועסטערלעך, אויף מיר, אויף דער מאַמען און אויף דעם טאַטען, וועלכער איז ערגעץ פון דעם ערב־פּסחדיגען גיהנם ענטלאָפען. נאָר איך האָב זיך געפּלאָנטעט אונטער די פיס, מען זאָל געהן מיר קויפען אַ היטעלע...

אַלע האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף מיר, גלייך ווי איך האָב זיי געוואָלט קוילען און מיט קאָטשערעס, לאָפּעטעס און מיט איין אויסגעשמירטער באַרשט האָט מען מיך אַרויסגעטריבען פון דער שטוב נאָכשרייענדיג מיר:

— האָסטו געהערט? — געפונען אַ צייט! ער קען נישט וואַרטען ביז מאָרגען, ווען אַלעס וועט שוין זיין אויפגעראַמט און מען וועט האָבען צייט צו געהן. אויך מיר אַ געשעפט! אין דריי מינוט קויפט מען אַ היטעלע!

---

אויף מאָרגען איז געוועזען ערב פּסח, מען האָט שוין פערברענט דעם חמץ. אין שטוב איז געוואָרען אומעטום פּסח'דיג, מיינע מלבושים מיט די שטיוועלעך זענען שוין געלעגען אויף דער „סאָפקע" אָנגעגרייט איך זאָל זיך אָנטהון, מען האָט נאָר בעדאַרפט וואַרטען אַ פּאָר מינוט, ביז מען וועט געהן מיט מיר קויפען אַ היטעלע. דער טאַטע האָט געזאָגט. ער קומט באַלד פון רב, געהט ער מיט מיר קויפען אַ היטעלע. די מאַמע האָט געזאָגט: אָט האַפּט זי אויף זיך אַ קליידעל און געהט מיט מיר. מיין עלטער שוועסטערעל האָט זיך געבעטען ביי מיר:

— זאָלסט מיר זיין געזונד, מאָטעלע, וואַרט אויס, עס וועט זיך מיר נאָר אויסטריקענען די האָר, האַפּ איך עפּעס אויף זיך און לויף דיר קויפען אַ היטעלע.

---

## IV.

עס איז שוין געוועזען נאך האלבען טאג, די זון איז געשטאנען הויך, דער גרויסער פלאץ פאר אונזער שטוב איז שוין ערטערווייז געוועזען טרוקען, קינדער זענען געזעסען אויף די פריזבעס אנגעטהון פון קאפּ ביז די פיס אין נייע מלבושים'לעך און האבען געקנאקט ניסלעך און געשלעפט פון די קעשענעס גוטע זאכען, נאר איך בין נאך אלץ געגאנגען אין מיין אלט קאפּאטקעלע מיט די אלטע, האלב-צעריסענע שטיוועלעך פערטרוקענטע פון בלאטע און זיך נישט געקאנט אנטהון ביז מען וועט מיר געהן קויפען א נייע היטעלע.

ענדליך איז דער טאטע איילענדיג אנגעקומען פון גאס און האט מיר געזאגט:

— קום גיכער, מאטעלע, קויפען פאר דיר א היטעלע, עס איז שוין שפּעט.

און איילענדיג זענען מיר געגאנגען אויף דעם מארק, נאר אלע מאגאזינען, וואו מען פערקויפט היטלען, זענען שוין אויף די שלעסער געוועזען פערמאכט....

— נו, — האט דער טאטע זיך אנגערופען מיט א זיפץ, — עס העלפט? אז עס איז פערמאכט. נאר נישט קיין אומגליק, באלד חול-המועד וועל איך דיר קויפען נאך א שענער היטעלע...

פון זיין טרייסטען איז מיר אבער נישט גרינגער געווארען און ווי איינער, וואס מען פיהרט פון געריכט א פער'משפט'ען אויף קאטארגע, האב איך זיך מיט א פערביטערט, פערקלעמט הארץ געשלעפט אהיים מיט פולע אויגען שטעהענדיגע טרעהרען. איך האב געפיהלט, אז אט-אט צעגיסען זיי זיך איבער מיינע באקען, און האב זיך איינגעהאלטען מיט אלע מיינע כחות. אין האלז איז מיר געווארען ענג נאר אויף דער-שטיקט צו ווערען.

ווען איך בין געקומען אהיים און האב דערזעהן די מאמען, האב איך מיך מעהר נישט געקאנט איינהאלטען און האב אויסגעשאסען מיט א געוויין.

עס זענען זיך אנגעלאפען די שוועסטערלעך און צוזאמען מיט דער מאמען און מיט דעם טאטען האבען זיי מיך ארומגערינגעלט און אנגעהויבען טרייסטען ווי איינעם, וואס האט געטראפען דאס גרעסטע אומגליק אין דער וועלט.

— גלויב מיר, מיין קינד, — האָט די מאַמע געזאָגט, — אַז עס איז נאָך גלייכער, וואָס מען האָט איצטער נישט געקויפט, אין גרויס אײלעניש וואָלט מען נאָך מיט דעם היטעלע „אַריינגעפאַלען“. חול־המועד וועט זיין צייט, וועלען מיר דיר אויסקלויבען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע היטעלע.

— אויף מיין וואָרט, — האָט דאָס עלטערע שוועסטערל זיך אָנגערופען, — אויף מיין וואָרט, אַז דעם ערשטען טאָג חול־המועד, ווי מען וועט נאָר עפענען די מאַגאַזינען, גייה איך מיט דיר קויפען אַ היטעלע.

דער טאַטע האָט עפּעס אונטער דער נאָז אויך געזאָגט. מיר אַ גוט וואָרט און די איבריגע שוועסטערלעך האָבען געקוקט אויף מיר מיט אַזעלכע גוטע, רחמנות׳דיגע אויגען, אַז איך האָב געפיהלט, אַז איך דאַרף זיי נאָר זאָגען איין וואָרט, וואָלטען זיי מיר אַוועקגעגעבען אַלע גיס, וואָס זיי האָבען בעקומען אויף יום־טוב צו שפּיעלען.

ווען איך האָב זיך גוט אויסגעוויינט, האָט מען מיך איינגעבעטען און איבערגערעדט איך זאָל זיך אָנטהון אין די נייע מלבושים׳לעך מיט די נייע שטיוועלעך.

אַלע האָבען מיר געהאָלפען אָנטהון זיך און האָבען שטאַרק געלויבט מיינע נייע מלבושים׳לעך און די שטיוועלעך, נאָר נאָך מעהר האָט מען מיך אַליין געלויבט, אַז „איך בין אַ שען יונגעל“.

— אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבען, ווי מאָטעלע זעהט אויס אין דעם נייעם קאַפּאָטקעלע! — האָט די מאַמע געזאָגט און מיך אָבגעקושט מיט קושען.

דער שטענדיגער „בעזער טאַטע“ האָט איצטער אויך געגעבען צו מיר אַ שמייכעל און מיר געטהון אַ גלעט איבער דעם בעקעל, זאָגענדיג: „עס וואַקסט אַ שייגעץ“.

די שוועסטערלעך האָבען מיך נישט אָבגעלאָזט און מיך געפיהרט ביי די הענדטלעך.

די נייע קעשענעס זענען געוואָרען אָנגעפילט מיט גוטע פּסח׳דיגע זאַכען. די נייע שטיוועלעך האָבען שען געסקריפּעט און אין קעשענע האָבען גע׳רעש׳ט האָזערנע און וועלטשערנע ניס.

איך האָב זיך אויך אַלע מיה געגעבען ביז חול־המועד צו פערגעסען אין מיין אומגליק, אָבער דאָס האַרץ האָט זיך אינגאַנצען נישט געקאָנט בערוהיגען, עס האָט געפיהלט, אַז אויף דעם קאָפּ ליגט דאָס אַלטע אָבגעבליאַקעוועטע היטעל מיט דעם צושפּאָלטענעם דאַשעק — אין אַזאַ גרויסען יום־טוב.

איך וואָלט איצטער אַוועקגעגעבען מיינע טייערע שטיוועלעך פאַר אַ נייַ היטעלע, ווייל אויף די פיס קוקט קיינער נישט אַזוי, מען קאָן אַלטע שטיוועלעך אויסבעהאַלטען, אָבער וואו בעהאַלט מען דאָס פנים, דעם קאָפּ, מיין איך, אויף וועלכען איך טראָג אַן אַלט היטעלע?...

---

# V.

די זון האָט זיך שוין געזעצט אַזוי שען, מיט טויזענדער רויטע און גאָלד=קאָליערענדע פאַרבען, און יונגלעך אין נייַע מלבושים׳לעך זענען מיט זייערע טאַטעס געגאַנגען פרעהליך אין שול אַריין, נאָר איך האָב טרויעריג און מיט אַ פערביטערט האַרץ זיך נאָכגעשלעפּט דעם טאַטען אויך אין שול אַריין, גלייך ווי מען פיהרט מיך ערגעץ שמייסען אָדער קאַטעווען.

אין דער העל=בעלויכטענער שול צוליעב דעם גרויסען יום=טוב האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז אַלע קוקען נאָר אויף מיין אַלט היטעלע און קיינער נישט אויף מיינע נייַע מלבושים׳לעך, און זייערע בליקען האָבען מיך פון אַלע זייטען געשטאָכען ווי גליהענדע שפּיזען.

עס וואָלט מיר, דאַכט זיך, דאַן ליעבער געווען, ווען עס זאָל אונטער מיר בעת מעשה זיך געווען עפענען אַ גרוב און איך זאָל צוזאַמען מיט מיין אַלט היטעלע אַיינגעזונקען ווערען ווי קורח.

איך האָב אויסגעקוקט עפּעס אויף אַ נס, אַז אַלע לאָמפּען זאָלען מיט איין מאָל פערלאָשען ווערען...

נאָר עס איז גאָרנישט געשעהען, קיין גרוב האָט זיך נישט געעפענט און די שול איז געווען בעלויכטען מיט אַ סך לאָמפּען, און אַלע האָבען געקוקט אויף מיר...

---

מען האָט זיך ביי אונז, ווי דער שטייגער איז, געזעצט צום סדר פרעהליך, נאָר מיין אַלט היטעלע איז יעדען געקראָכען אין די אויגען. אין אָנהויב האָבען אַלע געשוויגען, פערשטעהענדיג, אַז עס איז גלייכער גאָרנישט צו רעדען וועגען דעם, וואָס מען האָט מיר נישט געקויפט קיין

ניַי הִיטעלע, נאָר דאָס שווייַגען איז אויסגעקומען צו טרויעריג און דער טאַטע האָט זיך אָנגערופען, מייַנענדיג, אַז ער וועט איבערשלאָגען די טרויעריגע שטימונג, וועלכע האָט בייַם טיש אויף אַלע געהערשט:

— פונדעסטוועגען, אַ קינד... האָט מען בעדאַרפט אין זינען האָבען אין דער צייַט צו קויפען אַ היטעלע...

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך פערלאָזט מיט דעם היטעלע אויף דער עלטערער שוועסטער, די שוועסטער — אויף דעם טאַטען מיט דער מאַמען.

דער שטענדיגער פרעהליכער סדר האָט זיך בייַ אונז דאָס מאָל עפּעס נישט געקלעפּט. די מאַמע איז געזעסען פול מיט צרות, וואָס דער פּסח האָט אַזוי פיעל געקאָסט, און צום סוף זיצט דער עולם ווי כלי-זמר, און איך האָב זיך אין דער דאָזיגער סדר-נאַכט געפיהלט ווי יום-כפור בייַנאַכט, ווען מען קומט נאָך כל נדרי אַהיים...

---



# מיין שייגעץ און די קניידלעך.

מיט פעדקאַ'ן בין איך געבוירען און געוואַקסען אויף איין גאַס און אַלס קינדער זיך געשפּיעלט אויף איין פּלאַץ. פון מיינע „גוטע זאַכען", וואָס איך פלעג בעקומען פון דער מאַמען, פלעג איך איהם געבען אַ טייל גלייך מיט אַלע מיינע יודישע חברים, מיט וועלכע איך פלעג זיך שפּיעלען, און דאָך האָב איך געפיהלט, אַז ער טראָגט אַ שנאה צו מיר, אַז אין האַרצען האָט ער מיך פיינד.

פאַרוואָס? פלעג איך זיך פרעגען, האָט ער מיך פיינד צו האָבען?

פון זיינע „גוטע זאַכען", וועלכע ער פלעגט בעקומען פון זיין מאַמע, פלעג איך ניט נעהמען, האָטש ער פלעגט מיך אַמאָל אויך מכבד זיין אָדער וועלען מאַכען אַ בייט מיט מיינע „גוטע זאַכען", איך פלעג איהם נאָר געבען און גאָר ניט ביי איהם נעהמען.

און וואָס האָב איך געזאָלט, אומשטיינס געזאָגט, ביי איהם נעהמען? — צו זיין שוואַרץ שטיק ברויט, וואָס ער פלעגט כמעט שטענדיג האָבען אין קעשענע אָדער געהאַלטען אין דער האַנד און געביסען, האָב איך קיין מאָל קיין חשק ניט געהאַט, אונזער ברויט איז געוועזען ווייסער, געשמאַקער און בעסער. צו'ם שטיקעל ווייסען פעטען „חזיר", וועלכעס ער פלעגט אַמאָל האָבען — האָב איך אַוודאי קיין חשק ניט געהאַט, איך האָב פראָסט דערויף ניט געקאָנט קוקען, אַזוי האָב איך עס פיינד געהאַט און דערצו האָב איך עס ניט געטאָרט עסען, עס איז דאָך חזיר־טריף, אויף זיין שטיקעל קאָלבאַס ווען איך פלעג אַ קוק טהון, פלעגט מיר אַזש ניט גוט ווערען, און אַנדערע „גוטע זאַכען" וואָס איך האָב ליעב האָט ער זעלטען געהאַט. נאָר איך פלעג איהם שטענדיג געבען און גאָר ניט נעהמען ביי איהם.

און דאָך איז ער מיר אין האַרצען אַ שונא געוועזען און בײַ יעדען צופאַל האָט ער מיט גרוים הנאה מיך אַ זעץ געגעבען, אַ שטײנדעל געוואָרפען און זיך אפילו פאַר מיר ניט אָנגענומען, ווען זײַנע חברים פלעגען אָנפאַלען אויף מיר מיט מײַנע חברים.

דערהויפט פלעגט פעדקאַ זײַן גוט צו מיר פרײַטאָג, ווען איך פלעג בעקומען אַ „פּאָדפּאַליק״, אַ פרישׁ פלעצעל פון אויווען, ווען מען באַקט די חלה אויף שבת. ווען איך האָב געהאַט ווײַסע חלה און זיסען פאַ־סאָלעס-צימעס.

דאַן פלעגט פעדקאַ אויסוואַקסען ווי פון אונטער דער ערד, ווערען גוט צו מיר און איך פלעג איהם געבען אַ חלק.

ווי ער פלעגט אָבער אָבעסען און געפיהלט, אַז בײַ מיר איז שוין גאָר ניטאָ, האָט ער זיך באַלד איבערגעביטען, בעקומען דאָס „גוי׳יש פנים״, וואָס האָט געקוקט אויף מיר רציחה׳דיג מיט עפּעס אַ מין קנאה ווי ניט קיין פערגינער.

פעדקאַ פלעגט מיך שטענדיג מקנא זײַן, ער האָט מיך געהאַלטען פאַר אַ גליקליכען, וואָס איך בין אַ יודיש קינד, ער האָט מיך מקנא געוועזען, וואָס איך געה אין חדר.

פאַר וואָס איז ער מיך מקנא, פאַר וואָס בין איך דער גליקליכער און ער דער אומגליקליכער, האָב איך ניט פערשטאַנען, איך ווייס, אַז די מאַמע פלעגט שטענדיג לייענען פון איהרע ספרים און פערגיסען טרעהרען „פאַר וואָס מיר יודען זענען בײַ די גוים אין גלות און פער־טריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד״; און דער טאַטע און מײַן רבי פלעגען אויך אָפט זיפצען, „וואָס יודען זענען אַזוי לאַנג בײַ זיי אין גלות״ און זיי האָבען אַלץ גאָט געבעטען „מיר זאָלען שוין אויסגעלעזט ווערען, ווײַל די יודישע צרות איז שוין מעהר ניט מעגליך איבערצוטראָגען״.

און פעדקאַ פלעגט מיך מקנא זײַן און מיך האַלטען פאַר דעם גליקליכסטען, דערפאַר וואָס איך בין אַ יודיש קינד!...

ער, פעדקאַ, פלעגט זיך אַמאָל אַזוי פיהלען פאַר אומגליקליך וואָס זײַן טאַטע איז אַ גוי, אַז איך פלעג אויף איהם רחמנות האָבען...

איין מאָל שבת צו שלש־סעודות, בעת מיר האָבען אויף אונזער הויף, זיצענדיג אויף אַ קלאָץ, געגעסען פון איין טעלער מײַן חלה מיט צימעס, האָט פעדקאַ זיך אויסגערעדט פאַר מיר זײַן ביטער האַרץ.

— דו ווייסט? זאָגט ער, ווען מײַן טאַטע זאָל מיך לאָזען, וואָלט איך אויך געגאַנגען מיט דיר אין חדר צו דײַן רבי׳ן.

— וואָס הייסט? האָב איך זיך אָנגערופען, דײַן טאַטע איז דאָך אַ גוי?

— איך וואָלט געוואָלט, אַז מיין טאַטע זאָל אויך ווערען אַ יוד, פרייטאָג זאָל מיין מאַמע אויך באַקען חלה און שבת זאָל דער טאַטע אויך געהן אין שוהל דאַווענען און איך וואָלט דיר דענסמאָל אויך גע־געבען אַ חלק פון מיין טעלער צימעס.

— דו ביזט אַ נאַר — זאָג איך איהם, — אַז מען ווערט געבוירען אַ גוי איז שוין פערפאַלען.

— גוט איז דיר אַזוי צו רעדען, ווען דו ביזט געבוירען אַ יוד. און דו וואָלסט געוואָלט, אַז דיינע טאַטע־מאַמע און דו זאָלען ווערען גוים? טהוט ער מיך פלוצים אַ פרעג.

— ניין, ענטפער איך פעסט, מען טאָר ניט.

— אַ יאָ, דו ווילסט ניט, ווייל אַ יוד איז בעסער צו זיין, האָט ער געזאָגט מיט אַ טיעפען זיפץ און דערביי האָט זיך אויף איהם בעוויזען זיין רציחה׳דיג פנים, אין וועלכען איך האָב געזעהן פיעל שנאה און קנאה צו מיר, אַז איך האָב אַזש מורא בעקומען און זיך אויפגעהויבען פון קלאָץ.

— וואָס אַנטלויפסטו? האָט ער מיך בעז געפרעגט, געגעבען מיר אַ קלאַפ און אַנטלאָפען.

פאַר וואָס האָט ער מיך פיינד, וואָס האָט ער צו מיר, פאַר וואָס איז ער מיך מקנא? האָב איך זיך ניט אויפגעהערט צו פרעגען.

---

עס איז געוואָרען ערב־פסח, די מאַמע האָט מיך אַרומגעוואַשען, אָנגעטהון אין נייע מלבושים׳לעך, נייע שטיוועלעך און מיט אַ נייעם היטעלע, אָנגעפילט מיינע קעשענעס מיט ניס און מיר געהייסען „ביז מען וועט איינהייצען אין אויוען“ זיך געהן שפּיעלען אויף אונזער הויף, וואו די זון שיינט אַזוי שען און ליעבלעך און וואו עס איז שוין טרוקען.

יום־טוב׳דיג האָט אויסגעזעהן אונזער הויף, אויף די קלעצער האָבען זיך געוואַרעמט די ציגען, איינע פון זיי האָט אַ שאָקעל געטהון מיט דער באָרד און מיר אָבגעטרעטען אַנ׳אָרט, און איך האָב זיך אַניעדער־געזעצט, אַרויסנעהמענדיג די ניס און זיי געקנאַקט.

פעדקאַ איז באַלד ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען און מיט פערדראָס מיך אָנגעקוקט.

— זעה נאָר, ווי מען האָט דיך אָנגעטהון אַלעס אין נייעס ווי אַ גרויסען פריץ.

— בײַ אונז איז הײַנט יום־טוב — האָב איך איהם דערויף געענטפערט, האָט מען מיר געמאַכט נײַע מלבושים׳לעך.

איך האָב אַ קוק געטהון, ער איז געגאַנגען מיט די הוילע אַרבעל און אין אַלטע צעריסענע הויזלעך מיט געלאַטעטע שטיוועלעך.

איך האָב איהם געטרייסט, אַז ווען בײַ זיי וועט זײַן יום־טוב, וועט מען איהם אויך אָנטהון אין נײַע מלבושים׳לעך מיט שטיוועלעך.

דאָס האָט איהם ניט געטרייסט און ער האָט ניט אויפגעהערט אויף מיר קוקען בעז, נאָר ווען ער האָט דערזעהן מײַנע פולע אָנגעשפּאַרטע קעשענעס מיט ניס, איז פּלוצים אַראָב פון איהם דאָס גוי׳שע פּנים׳ און האָט זיך פרײַנדליך אַנידערגעזעצט נעבען מיר און אויסגעשטרעקט די האַנד נאָך ניסלעך.

מיר זענען זיך פרײַנדליך געזעסען אויף דעם קלאָץ און געקנאַקט ניס.

די מאַמע איז פאַרבײַגעלאָפען דורך דעם הויף, און דערזעהענדיג מיך, האָט זי געזאָגט: שפּיעל זיך, שפּיעל זיך, ביזט שוין אַוודאי הונגעריג? באַלד וועל איך דיר אַרויסשיקען עפּעס עסען, באַלד וועט פאַרטיג ווערען.

פעדקאַ האָט זיך אַזש בעלעקט פון מײַן מאַמעס ווערטער. ער האָט געוואוסט, אַז ערב־פּסח וועט מען מיר געבען גוטע זאַכען: געפּרעגעלטע מצה, קניידלעך אָדער לאַטקעס.

פעדקאַ איז שוין פון מיר ניט אַוועק, מיך ניט אָבגעלאָזט אויף קיין מינוט און ניט אויפגעהערט צו רעדען, ווי גוט עס איז צו זײַן אַ יודיש קינד.

אין מיטען רעדען האָט אונזער דיענסט־מיידעל מיר געבראַכט אין אַ טעלער קניידלעך מיט שמאַלץ, זאָגענדיג, איך זאָל פעדקאַ׳ן ניט אַוועקגעבען אין גאַנצען.

פעדקאַ האָט ניט אַראָבגענומען די אויגען פון די שענע פעטע קניידלעך, וועלכע האָבען אַראָבגעשײַנט פון טעלער און האָבען מתיהדיג געזועצט אין דער נאָז.

איך האָב פעדקאַ׳ן מיט מײַן האַנד אַרײַנגעלעגט אַ קניידעל אין מויל, ער זאָל ניט אָנריהרען מיט זײַנע חמצ׳דיגע הענד, און איך האָב אויך גענומען אין מויל אַ קניידעל.

פּלוצים האָב איך דערפיהלט אַ שטאַרקען קלאַפּ אין האַלז־און־אַקען, אַז עס איז מיר אַרויסגעפאַלען דאָס קניידעל פון מויל און אין די אויגען האָט מיר אָנגעהויבען פינטלען.

אויף מײַן געשריי איז אָנגעלאָפען דאָס דיענסט־מיידעל און מיר ביידע

זענען נאָכגעלאָפען פּעדקאַ׳ן, וועלכער איז שוין געוועזען פון יענער זייט הויף מיט דעם טעלער קניידלעך אין דער האַנד. און ווען מיר האָבען איהם געהאַפּט, האָט ער געהאַט געשוואָלענע באַקען מיט קניידלעך, און דער טעלער איז שוין געוועזען לעדיג...

דאָס דיענסט־מיידעל האָט איהם אָנגעהויבען שלאָגען, נאָר ער האָט זיך געלאָזט שלאָגען ביז ער האָט אַראָפּגעשלונגען דאָס פולע מויל מיט די קניידלעך. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעריסען פון אונז, געהאַפּט אַ שטיין און געוואָרפען אין אונזער זייט...

פון דעם ערב פּסח האָב איך אָנגעהויבען פערשטעהן, פאַר וואָס פּעדקאַ טראָגט אַ שנאה צו מיר.

פון דענסטמאָל אָן האָב איך אָנגעהויבען צו פערשטעהן, פאַר וואָס די מאַמע זאָגט, אַז מיר זענען אין גלות... פּעדקאַ׳ס איז דאָ אַזוי פיעל... און זיי זענען אַזוי שטאַרק.

פון דענסטמאָל אָן האָב איך זיך אויפגעהערט חבר׳ן מיט פּעדקאַ׳ן און זיך נאָר געשפּיעלט מיט מיינע ח ב ר י ם...

---



# ווי ווער עס פרעהט זיך אום יום־טוב.

## (דריי בילדער.)

## I.

ביי רבקה אברהם לייב'ס איז שוין דער גאַנצער פסח פאַרטיג, די מצות ליגען שוין פון צעהן טעג פערשלאָסען, אויסגעלעגט שען אין דער קאַמער־שאַפע אויף גרין כשר היי; די פעטע אויסגעהאָדעוועטע אינדיטשקיס האָט מען נאָך נעכטען געלאָזט שעכטען, עס איז גאָר ניט טריפה געוואָרען. דאָס גאַנצע פלייש, קעלבערנע, רינדערענס מיט די עופות, כשר געמאַכט און איינגעזאַלצען, זיי ליגען שוין אין קעלער גוט איינגעדעקט. אייער, פסח'דיג שמאַלץ, פסח'דיגער באָרשטש, קאַרטאָפלעס, די אַנדערע זיבעצעהן זאַכען וואָס מען דאַרף האָבען אויף פסח, זענען שוין לאַנג אָנגעגרייט, נאָך פאַר אַ יאָהרען זומער אויפגעשטעלט ווישניק און מאַלינעס אויף פסח, אויך איינגעמאַכטס געפרעגעלט אויף פסח, כמעט דעם גאַנצען ווינטער האָט מען געהאָדעוועט גענז, געפרעגעלט שמאַלץ; באַלד נאָך פורים האָט מען אויפגעשטעלט ראָזשינקיס וויין. נאָהענט צו פסח האָט מען אָנגעהויבען אויפשטעלען פסח'דיגען באָרשטש פון גרויסע זיסע בוראַקיס, כמעט אַלע טאָג האָט מען אָבגעשוימט און דערגאָסען. דאָס אַלעס האָט מען געהאַט צו טהון ביי רבקה'ן אין שטוב צוליעב דעם פסח.... אַלעס איז דאָ, מען זאָל נאָר עסען געזונדערהייט, וועט נאָך בלייבען אויף נאָך פסח.

אפילו גוטען וויין אויף ארבע כוסות האָט זי שוין אויך אָנגעגרייט. דעם שניידער, דעם שוסטער איז געלונגען צו מאַכען און אָבצוברענגען די אַרבייט: רבקה'ן אַ שען טייער זיידען קלייד אויף יום־טוב, די קינדער אויך נייע מלבושים מיט שטיוועלעך, און שיכלעך.

הײַנט װער שמועסט שױן פֿון שטובזאַכען: אַלע טישען און בענק, שאַפֿעס און פּאָליצעס זענען נאָך ראש חודש ניסן געװעזען רײן אָבגעװאַשען און געכּשר׳ט, מיט ראָגױשעס פֿערדעקט און פֿערבונדען, מען זאָל ניט חמצ׳דיג מאַכען, חוץ װאָס מען האָט צוגעקױפֿט אַזױנע קלײניגקײַט װי נײַ געפֿעס, נײַע בענקלעך, אַנײַעם שפּיגעל. עטליכע טאָג פֿאַר פּסח האָט מען גוט אױסגערידליװעט און אָבגעװאַשען די פּאָדלאָגע, פֿענסטער און טהירען אױך רײן אָבגעװאַשען, די קליאַמקים שטאַרק אָבגעריבען און געכּשר׳ט.

בײַ רבקה אברהם לײבס איז שױן פֿאַרטיג דער פּסח, װי גאָט אַלײן האָט געבאָטען.

נאָך דעם פֿאַרברענען דעם המץ, האָט מען אין שטוב, אין קיך, אין אַלע װינקעלעך דאָס לעצטע מאָל אױפֿגערױמט לכבוד פּסח. רבקה מיט די קינדער האָבען זיך אָנגעטהון יום־טוב׳דיג, און די קעכין האָט אײַנגעהײצט דעם אױװען.

די קינדער זענען געלאָפֿען אַ קוק טהון װי עס ברענט אין דעם אױװען, װאָס איז אױף דאָס נײַ אָבגעװײַסט. די נײַע טעפּלעך, פֿענדלעך, בעקעלעך זידען אַזױ שען, עס שמעקט אַזױ גוט פֿון אַלע טײַערע מאכלים און די קינדער זענען מיט גרױס פֿרײד אַרײַנגעלאָפֿען צו דער מאַמען אין שטוב, זי פֿאַרװאָרפֿען מיט שאלות:

— מאַמע, עס איז שױן פּסח! װאו איז דער טאַטע? דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז ער װעט קומען צופֿאָהרען אױף פּסח?

— מאַמע, װען װעט שױן פֿאַרטיג װערען די געפּרעגעלטע מצה?

— און די לאַטקעס, הרעמזלעך? מאַמע, איך האָב אַזױ ליעב, געדענקסט דו פֿאַר אַיאָהרען, װי עס איז געװעזען אַזױ גוט?

— אַיאָ מאַמע, דער טאַטע װעט אונז ברענגען שענע זאַכען װען ער װעט קומען צופֿאָהרען?

— יאָ, מײַנע קינדער, די געפּרעגעלטע מצה װעט באַלד פֿאַרטיג װערען, די לאַטקעס אױך און דער טאַטע װעט אױך באַלד קומען, איך האָב בעקומען אַבריעף, אַז ער װעט קומען אױף פּסח, דערװײַל קינדערלעך קנאַקט ניס און שפּיעלט זיך.

זײ האָבען געגעסען ניס, זיך געשפּיעלט, די מצות מיט די לאַטקעס זענען אױך פֿאַרטיג געװאָרען, די קינדער האָבען געגעסען, אַז עס נאָך איבערגעבליבען. —

דער טאָג איז זיך דערװײַל געגאַנגען, עס איז געװאָרען שפּעטער און שפּעטער — די קינדער האָבען נאָך אַמאָל געפֿרעגט:

— מאַמע, ווען וועט קומען צופאָהרען דער טאַטע?

— מאַמע, דער טאַטע וועט דען ניט קומען? דו האָסט דאָך געזאָגט „יאָ".

די מוטער האָט זיי דאַרויף געענטפערט מיט אַ טרויעריגער שטילער שטימע:

— דער טאַטע וועט נאָך קומען, שפּיעלט זיך שטילער, קינדער.

זיי האָבען געפאָלגט דער מאַמען, זיך ווייטער געשפּיעלט, נאָר ניט אַזוי פרעהליך ווי פריהער.

עס איז אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ האַלבע שעה און צום צוואַנציגסטען מאָל האָט רבקה ווייטער אַקוק געטהון אין פענסטער וואָס געהט אַרויס אויף דער גאַס, פון וועלכער דער מאַן דאַרף קומען צופאָהרען.

— נאָך פאָהרט ער ניט — האָט זי געזאָגט אַזוי שטיל, אַז די קינדער האָבען אַפילו ניט געהערט, און אַ גרויסען זיפץ געטהון, דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען און אין די אויגען האָבען זיך געשטעלט טרעהרען. עטליכע מינוט זענען די טרעהרען געשטאַנען אויף איין אָרט ווי פערגליווערט, נאָר דערנאָך האָט זי זיי מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען, זי איז אַליין אַוועקגעגאַנגען אין אַ באַזונדער צימער און האָט ביטער, נאָר שטיל, געוויינט, אַז די קינדער זאָלען ניט הערען.

— אָט וואָס מאַנסבילען זענען — האָט זי ווייטער שטיל געוויינט — אַפילו אויף פּסח האָט ער קיין צייט ניט צו קומען, וויפיעל האָב איך געהאָרעוועט איידער איך האָב אַריינגעבראַכט דעם פּסח, וויפיעל געלד קאָסט עס, זיך געסטאַרעט אַז עס זאָל אַלץ זיין אין אָרדנונג לכבוד יום-טוב, אַלץ ברוך השם, ניט צו פאַרזינדיגען, איז דאָ, הײַנט פון וועמענס וועגען?... אַז ער איז ניט דאָ!... אַלעס אַריינגעבראַכט צו דער צייט און ער איז נאָך ניטאָ!.. איך בין זיך אַלץ אָנגעלאָפען צופוס פאַר יעדער מינדסטער זאַך, עס זאָל ב"ה גאָר ניט פעהלען אויף דעם ליעבען יום-טוב, הײַנט פון וועמעס וועגען? אַז ער איז נאָך ניט דאָ.... ביים שוסטער צעהן מאָל אַ טאָג געוועזען, איהם ניט געלאָזט לעבען, אַז עס זאָל אַלץ פאַרטיג זיין אויף יום-טוב און... און איצט איז ער נאָך ניט דאָ. אַ גאַנץ יאָהר זיך געשריעבען בריעף, אָט קומט ער, אָט פאָהרט ער, „נאָר אויף פּסח אי"ה אָהן אַ תירוץ", האָט ער געשריעבען, איך האָב געצעהלט די חדשים, די טעג, די קינדער האָבען זיך שוין געפרייט, אָט באַלד איז שוין פּסח — און ער איז נאָך ניט דאָ...

און רבקה האָט שטיל געוויינט און זיך געוואַשען מיט ביטערע טרעהרען.

## II.

גליקע דעם בעל עגלה'ס ווײַב, האָט שוין אויך כמעט דעם גאַנצען פּסח פאַרטיג: צוויי פּוד מצות, אַ טעפּעל פון צוויי פונט פּסחדיגען שמאַלץ, פון די צוויי הינער מיט דעם האָהן וואָס זי האָט געכטען געלאָזט שעכטען, אַ צוויי צעהנדליג אייער און פון אַנדערע זאַכען וואָס מען דאַרף האָבען אויף פּסח, האָט גליקע דערווײַל אָנגעגרייט צו ביסלעך, איבער די ערשטע טעג וועט געווים זײַן גענוג און אויף די איבעריגע טעג יום־טוב וועט ער דאָך קומען צופאָהרען, הײַנט וועט מען נאָך דעם ערשטען טאָג חול המועד אויף דעם מאַרקטאָג קאָנען קויפען. עס פעהלען איהר נאָך אַרבע כוסות, און אַ צוויי טעפּלעך, אַ פּענדעל, און נאָך אַזוינע זאַכען, דאָס אַלעס וועט מען קאָנען קויפען ווען ער וועט קומען. ערגער פון אַלעס איז, וואָס זי האָט זיך געגעבען נעהען אַ נײַ קליידעל אויף יום־טוב און בעשטעלט די קינדער שיכלעך און האָט זיי ניט מיט וואָס אָבצונעמען און טאָמער קומט ער ניט איז אין גאַנצען פערפאַלען....

בײַ גליקע'ן איז שוין אויך כמעט פאַרטיג דער פּסח ווי גאָט האָט געבאָטען, נאָר ער איז נאָך ניטאָ...

נאָך דעם פערברענען דעם חמץ, האָט זי אויסגערוימט אין שטוב ווי אויף יום־טוב, די קינדער און זיך אָבגעוואַשען, דערווײַל זיי אָנגעטהון די נײַע היטעלעך, אײַנגעהייצט אין אויווען, די אָבגעוואַשענע קינדער מיט די נײַע היטעלעך לויפען מיט פרייד אין קיך קוקען אין דעם אויווען און זעהען ווי דאָס פײַער ברענט אַזוי שען, די קאַרטאָפּלעס, וואָס קאָכען זיך אין טאָפּ טאַנצען אַזש פאַר זידענעש, די קינדער טאַנצען אַרום דער מאַמען און פאַרוואַרפען זי מיט שאלות:

— מאַמע, ווען וועט דער טאַטע קומען? דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דער טאַטע וועט קומען אויף פּסח, וועסט דו געהן אָבנעהמען אונז די שיכלעך בײַ'ם שוסטער.

— מאַמע, ווען וועסט דו אונז געבען קאַרטאָפּלעס מיט שמאַלץ? אוי, איך האָב אַזוי ליעב מיט שמאַלץ! דו געדענקסט מאַמע ווי פאַראַיאָהרען איז געוועזען אַזוי גוט מיט שמאַלץ.—

— באַלד, מײַנע קינדער, ווען די קאַרטאָפּלעס אויפזידען וועל איך צולאָזען אַביסעלע שמאַלץ. דער טאַטע וועט אויך באַלד קומען,

וועל איך געהן צום שוסטער אָבנעהמען די שיכלעך, נאַט אייך דערווייל צו שטיקלעך מצה און שפּיעלט זיך?

זיי האָבען געגעסען מצה, זיך געשפּיעלט, די קאַרטאָפלעס זענען אויך פאַרטיג געוואָרען און זיי האָבען געגעסען מיט שמאַלץ, אַז עס איז נאָך איבערגעבליבען.

דער טאָג איז דערווייל געגאַנגען ווייטער און ווייטער און עס איז געוואָרען שפּעטער און שפּעטער. די קינדער האָבען נאָך אַמאָל געפרעגט:

— מאַמע, ווען וועט קומען דער טאַטע?

— דער טאַטע וועט שוין ניט קומען, מאַמע? דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז ער וועט קומען אויף פּסח וועסט דו אונז אָבנעהמען די שיכלעך.

— דער טאַטע וועט נאָך קומען, שפּיעלט זיך דערווייל קינדערלעך, האָט זי געענטפערט טרויעריג און שטיל.

זיי האָבען זיך ווייטער געשפּיעלט, נאָר ניט אַזוי פרעהליך ווי פריהער.

עס איז אַוועקגעגאַנגען נאָך דריי פערטיל שעה און צום פינפציגסטען מאָל האָט זי געעפענט די טהיר צו זעהן אויב ער פאָהרט שוין, נאָר ער איז ניט געפאָהרען און טאַקי שטעהענדיג בײַם אויווען האָט זי זיך שטיל צוויינט, אַז די קינדער זאָלען ניט הערען.

— נאָך איז ער ניט דאָ, האָט זי ווייטער שטיל געוויינט — און עס איז שוין אַזוי שפּעט, איך וועל שוין באַלד אפילו ניט קאָנען געהן צום שניידער אָבנעהמען דאָס קליידעל, אָט האָסט דו דיר אַלעבען! האָרעווע און האָרעווע אַגאַנץ יאָהר ווי אַ עזעל און אַז עס קומט פּסח זאָל איך אַפילו ניט האָבען מיט וואָס צוגעהן אין שוהל אַרײַן, דאָס פּנים פלאַמט מיר שוין, אַלץ קומען אין שוהל מיט דעם אייגענעם שבּת׳דיגען קליידיל, וואָס איז שוין אַלט געוואָרען. אַ גאַנץ יאָהר מאַכט ער מיר אַ קליידיל, עס איז געבליבען נאָך אין אָנהייב ווינטער מיר צו מאַכען און מען האָט אַלץ אָבגעלעגט. „אויף פּסח אָהן אַ תּירוץ” האָט ער געזאָגט. איך האָב אַלץ געבעטען דערלעבען דעם ליעבען יום־טוב פּסח, אָט האָסטו דיר פּסח! דער שניידער וועט שוין באַלד אַוועקלעגען די אַרבייט און ער איז נאָך ניט דאָ. עס איז פּשוט אַ רחמנות אויף די קינדער. אַ גאַנץ יאָהר געהען זיי באָרוועס, איך האָב דערלעבט קוים דעם ערב פּסח, האָב זיי געגעבען מאַכען שיכלעך, אַז ער וועט קומען פון וועג וועט ער בעצאָהלען, די קינדערלעך האָבען זיך אַזוי געפרייט,

און איך — מיינע שונאים געזאגט — האב זיך אנגעזעגנט פאר דעם שוסטער מיט דעם שניידער עס זאל פארטיג ווערען אויף פסח, אלעס איז ביי זיי פארטיג! און ער איז נאך ניט דא. אט האסט דו דיר א לעבען!..

גליקע האט מעהר ניט געקאנט רעדען, זי האט זיך ביטער צוויינט און זיך בעוואשען מיט טרעהרען.

---

# III.

זעלדע די מלמדקע האט שוין ב"ה אין שטוב מצות אויף פסח, נאר עס איז נאך ניט דא קיין לויט שמאלץ, ניט קיין קארטאפלעס, ניט קיין שאלעכטס פון איין איי, עס פעהלט איהר נאך פסח'דיג געפעס, די ארבע כוסות און נאך די אלע אנדערע זאכען וואס מען דארף האבען אויף פסח.

אנדערהאלבען פוד מצות וואס דארפען אודאי קאסטען 4 רובל, האט זעלדע פארדיענט ביי די מצות, זי איז געוועזען א העלפערין דעם גאנצען פאר פסח ביי'ם בעקער. דאס איבעריגע, האט זי גערעכענט, וועט מען נאך קאנען איינקויפען, ווען ער וועט קומען, ער האט דאך געשריבען, אז ער בלייבט דארט קנעלען אויף דעם נייעם זמן, וועט ער נעמען עטליכע רובל אויף דעם נייעם זמן און עס קומט איהם נאך פון דעם אלטען זמן; דער טאג איז נאך גרויס, ער וועט קומען און מען וועט נאך בעוויזען אלץ איינצוקויפען צו'ם פסח.—

נאך דעם פארברענגען דעם המץ, האט זעלדע זיך גענומען ענדיגען כשר מאכען די קיך, זי וואלט אנגעהויבען די ארבייט דריי טאג פאר פסח, גלייך מיט אלע יודישע ווייבער, נאר זי איז געוועזען פארנומען ביי'ם בעקער. דינגען עמיצען מען זאל שמירען דעם אויווען, האט זי ניט געהאט קיין געלד, זי האט אליין צו ביסלעך זיך גענומען כשר מאכען דעם אויווען, נאר דאס, וואס זי האט ניט אוספעיעט, האט זי איצטער פערענדיגט מיט דעם בארשט און ווייסען לעהם.

די קינדער זענען ארייננעלאפען אקוק טהון און האבען געזעהן ווי דער אויווען, וואס איז שטענדיג שווארץ פערראוכערט ווערט איצטער אזוי שען וויים, אז עס איז א מחיה צו קוקען. מיט פרייד האבען זיי אנגעהויבען צו טאנצען ארום דער מאמען.

— מאמע, עס איז שוין פסח! וואש אונז אב דאס פנים און צוואג אונז אוים.

— מאַמע! גיב אונז צו שטיקלעך מצה!

— מאַמע, ווען וועט שוין קומען דער טאַטע? די האָסט דאָך געזאָגט אַז ער וועט קומען אויף פסח? אוי מאַמע, איך האָב אַזוי ליעב דעם טאַטען, דו געדענקסט מאַמע, ווען ער קומט צופאָהרען האָט ער אונז אַזוי ליעב און קושט אונז, אונז איז אַזוי געוועזען גוט ווען דער טאַטע איז געקומען צופאָהרען, געדענקסט, מאַמע, ווי עס איז אַזוי גוט געוועזען?

— שאַט, קינדערלעך, לאָז זיין שטילער און לאָזט מיך ענדיגען דעם אויוועז, איך וועל זיך נאָר אָבּפּטר'ען מיט דער אַרבּייט, וועל איך אייך אָבוואַשען און אויסצוואָגען מיט וואַרעם וואַסער, דערנאָך וועל איך אייך געבען צו שטיקלעך מצה. דער טאַטע וועט אויך באַלד קומען, און אַז איהר וועט זיך שפּיעלען ווי שטילע קינדער, ביז איך וועל ענדיגען דעם אויוועז, וועט ער אייך ליעב האָבען.

זיי האָבען זיך געשפּיעלט שטיל נאָר פרעהליך. די מאַמע האָט זיך אָבגעפּאָרעט, זיי אָבגעוואַשען, אויסגעצוואָגען מיט וואַרעם וואַסער, געגעבען זיי צו שטיקלעך מצה; אַליין האָט זי זיך אויך אָבגעוואַשען און אָנגעטהון דאָס שבת'דיגע טיכעל לכבוד יום-טוב.

דער טאָג איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער און עס איז געוואָר'ען שפּעטער און שפּעטער, די קינדער האָבען ווייטער געפרעגט:

— מאַמע, ווען וועט דער טאַטע קומען?

— ער וועט שוין נישט קומען, מאַמע? דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז ער וועט קומען אויף פסח.

— דער טאַטע וועט נאָך קומען, — האָט זי שטיל, זעהר טרויעריג געענטפערט און איז צו'ם הונדערטסטען מאָל אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס זעהן צי פאָהרט ער שוין, נאָר ער איז נישט געפאָהרען; אומקעהרענדיג זיך ביי דער טהיר האָט זי זיך שטיל צעוויינט, די קינדער זאָלען נישט הערען.

— אוי, רבונו של עולם, האָב שוין רחמנות אויף מיר! — האָט זי נישט אויפגעהערט שטיל צו וויינען, — נאָר דו גאָט אַליין ווייסט. וויפיעל איך האָב געהאָרעוועט דעם גאַנצען פאַר פסח איידער איך האָב צו דעם ליעבען יום-טוב מצות אַריינגעבראַכט אין מיין שטוב, נאָר דו ווייסט, ווי די הענד מיט אַלע אברים ברעכען מיר פון דעם, וואָס איך האָב אַלעס אין מיין שטוב כשר געמאַכט אויף פסח. דו ווייסט, וויפיעל ער האָרעוועט און פלאַגט זיך דאָרט אָב דעם זמן, און ער זאָל אפילו אויף פסח נישט זיין ביי זיך אין שטוב? ביי זיין ווייב און קינ-

דער?! שוין אַזוי שפּעט און ער איז נאָך ניִשט דאָ, זאָלען מײַנע קינ־דער אֶפּילו אום יום־טוב זײַן הונגעריג? אוי, גאָט! איך וועל ניִשט אי־בערלעבען אַזאַ ביִטער לעבען! האָב שוין רחמנות אויף מיִר! שוין אַזוי שפּעט, און ער איז נאָך ניִשט דאָ...

פון דער טהיִר איז זי נאָך אַמאָל אַוועקגעגאַנגען אַ קוק טהון אויף דעם וועג צי פאָהרט ער שוין, גאָר עס איז נאָך קיינער ניִשט געפאָה־רען. זי האָט זיך צוריק אומגעקעהרט צו דער טהיִר, ביִטער, ביִטער גע־וויינט און זיך בעוואַשען מיִט טרעהרען.

* *
*

עטליכע ווערסט פון דער שטאָדט, וואו אונזער ערצעהלונג קומט פאָר.

אַ לאַנגער שליאַך, וואָס מיִט דעם אויג קאָן מען נאָך ניִשט זעהן קיין עק, די פעלדער האָט אויף אייניגע ערטער דער שאָטען בעדעקט, די זון שייַנט נאָך אויף די בערג און אויף די בוימער.

עס פאָהרט גיך אַ יודישער בעל־עגלה. אויבען־אָן אין בויד זיצט צוזאַמען ערגעץ צום שלאָפען, אַקעגען, אויפ'ן עק וואָגען, זיצט אויך איי־נער; דער בעל־עגלה מאַכט מיִט די ווישקים און מיִט אַלע אֵברים ווי וויִט ער קאָן נאָר.

— פאָהרט גיכער! איהר זעהט ניִשט, ווי נאָך אין אַ שעה אַרום וועט שוין די זון ניִשט זײַן! — האָט געזאָגט צום בעל־עגלה דער, וואָס איז געזעסען אויבען־אָן — ר' אַ ב ר ה ם ל י י ב ד ע ר ג ב י ר (רבקה'ס מאַן).

— איהר זאָלט מיִר געזונד זײַן, ר' אַ ב ר ה ם ל י י ב, איהר זעהט דען ניִשט, ווי איך טרייַב די פערד ווי עס איז נאָר מעגליך? איהר דאַרפט מיִר גאָרניִשט זאָגען, איך בין אויך אַ יוד און וויל גיכער זײַן אויף יום־טוב אין דערהיים! — האָט געענטפערט דער בעל־עגלה (גלי־קע'ס מאַן).

— נו, פאָהר זשע גיכער! און איהר זייַט זשע מוחל, — האָט ער געזאָגט צו דעם יודען, וואָס איז געזעסען אַנטקעגען — וואָס זיצט איהר אויף דעם עק טאַקע ווי אַ מלמד? איהר קענט נאָך אַזוי אַראָבּ־פאַלען בײַ אַזאַ גיך פאָהרען!

— נישקשה, ר' אַברהם לייב, איך וועל ניִט אַראָבפאַלען, איך דאַנק אייך זעהר און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיִר באַשערט אַז איך זאָל אייך דערזעהן בײַ דער דובאָווער קרעטשמע און איהר זענט געווען אַזוי

גוט און האָט געבעטען דעם בעל־עגלה, ער זאָל מיר נעהמען פּאַר 20 קאָפּיקעס, וואָרום מיט מיינע פוהרען, ווער ווייסט ווען איך וואָלט אָנגעקומען אויף יום־טוב. איהר זעהט, איצטער זענען מיר שוין באַלד אין שטאָדט: נאָך עטליכע ווערסט. איך ווייס גאָר ניט, ווי אַזוי אָבצולויבען פריהער גאָט און דער נאָך אַייך.

— נו, נו, גענוג. לאָמיר בעסער אויפהערען צו רעדען, און זעהן, אַז מיר זאָלען בעסער פאָהרען, מיר האָבען זיך שוין גענוג אָנגערעדט אין וועג.

אין בויד איז ווייטער געוואָרען שטילער. מען האָט נאָר געהערט די פערדס טיפּען איבער דעם שליאַך. די זון האָט זיך אַלע מאָל אַראָבגעלאָזט נידעריגער און נידעריגער. די שאָטענס זענען געוואָרען גרעסער און גרעסער. אונזערע צוויי פאַרשוינען מיט דעם בעל־עגלה האָבען געזיפצט און זיך פערטראַכט.

— אוי די געשעפטען! אפילו איין מאָל אין יאָהר איז זיך שווער אָבצורייסען אַהיים פאָהרען ווי אַ מענש, אָנקומען פריהער, צו דער צייט, קענען האַטש פריהער געהן אין באָד אַריין לכבוד יום־טוב, טרינקען אַ גלעזעל טהיי רוהיג מיט ווייב און קינד, זיי קענען אַדאי ניט וויסען, וואָס איבערצוטראַכטען. אוי די געשעפטען!... האָט רבקה'ס מאַן אַ שטאַרקען זיפץ געטהון.

— אוי די וויסטע עגלה! אַ גאַנץ יאָהר איז מען צוגעבונדען צו די פערד ווי אַיין עבד כנעני, אַז אַפילו אויף יום־טוב קען מען ניט אויספיהרען קומען אַהיים ווי אַ יוד, זיך אָבוואַשען די הענד פון סמאָלע, דאָס ווייב מיט די קינדער זאָלען אויך וויסען פון אַ יום־טוב. זי האָט געבעך געווים נאָך ניט אָבגענומען ביים שניידער איהר מלבוש אום ביים שוסטער די קינדערס שיכלעך. אוי די וויסטע עגלה! האָט גליקעס מאַן אַ גרויסען קרעכץ געטהון.

— אוי די וויסטע פרנסה — די מלמדישע! אַ גאַנץ יאָהר האַק האָליץ מיט 6 גוים פאַר צוויי קערבלעך אַ וואָך און אפילו אויף פּסח לאָזט מען ניט פאָהרען צו דער צייט אַהיים, די תורה פון די פערשטאָפּטע קעפּ זאָל הס־ושלום ניט אויסגעוועבט ווערען, טאָמער וועל איך אַוועקפאָהרען פריהער מיט אַ טאָג. — דערנאָך, איידער איך האָב אַרויסגעריסען די עטליכע רובל, וואָס קומען מיר נאָך פון דעם אַלטען זמן! אוי גאָט! ווער ווייסט, וואָס עס טהוט זיך ביי מיר: זי האָט נאָך געווים ניט וואָס איז ווערט אַ פאָדעם אויף פּסח! אוי גאָט! ברענג מיך שוין אַהיים, ווי דערלעב איך שוין צו זעהן מיין ווייב און קינדער! אוי די וויסטע פרנסה די מלמדישע!

און ער האָט אַ ביטערן קרעכץ געטהון, אַז ער האָט געפיהלט עס שטעכט איהם אין די זייטען און האָט נאָך אַמאָל געזאָגט: „אוי גאָט!"...

---

מעהר ניט, ווי אין אַ האַלבע שעה ארום, האָבען רבקה'ס קינדער זיך צושריען מיט גרויס פרייד:

— מאַמע, זעה נאָר, קוק נאָר, דער טאַטע פאָהרט! און האָבען אָנגעהויבען טאַנצען.

שפעטער מיט עטליכע מינוט האָט מען דאָס אייגענע פרעהליכע געשריי אויך געהערט פון דעם מלמד'ס קינדער, און צולעצט פון דעם בעל־עגלה'ס קינדער.

רבקה, גליקע און זעלדע האָבען געהאַט זעהר אַ פרעהליכען יום־טוב מיט זייערע מאַנען און מיט זייערע קינדער.

ווי ווער עס פרעהט זיך אום יום־טוב!

---

# דער ערשטער סדר.

## I.

ווען מאטוויי מארקאוויטש אלטמאן האט מיט זיין פאמיליע געוואהנט אין טיעף רוסלאנד האט ער אן פיעל יודישע ימים-טובים פערגעסען, נאר אן דעם גרויסען יום-טוב פסח פלעגט ער זיך דערמאהנען. זיי איהם אזוי אויך זיין ווייב יעקאטערינא מאיסעיעוונא איז שווער געוועזען דעם יום-טוב צו פערגעסען, ווייל די נאטור אליין האט זיי דערמאהנט, אז באלד-באלד וועט זיין פסח, די אויסגעשמירטע אין בלאטע שטיקלעך אייז, וואס די יונגע פריהלינגס-זון האט אהן רחמנות געשמאלצען, די ווארימע מהיה'דיגע לופט און די גריסען פון דער נאטור, אז באלד-באלד וועט זיין פריהלינג, האט זיי יעדעס יאהר דערמאהנט, אז באלד וועט זיין דער גרויסער יודישער יום-טוב פסח.

און ווען פסח זאל פאלען אין שבט אדער אין תמוז, ווען די נאטור שטעהט אין די הדשים אין איין שטאנד און ווארפט זיך ניט אזוי דעם מענשען אין די אויגען, ווי ווען זי געהט איבער פון ווינטער צו פריהלינג, וואלט מאטוויי מארקאוויטש מיט יעקאטערינא מאיסעיעוונא אן דעם גרויסען יום טוב פסח אויך פערגעסען ווי אן אלע ימים-טובים פון א גאנץ יאהר. עס איז אויך קיינער ניט געוועזען, וועה עס זאל זיי אמאל דערמאהנען אן די יודישע ימים-טובים. יודען האבען זיי זעלטען בעגעגענט, האטש א היבש ביסעל האט דארטען געוואהנט, אבער זיי האבען זיך דארטען געהאלטען צוזאמען אין א בעזונדער עק שטאדט, וואו זיי האבען אויך געהאט א מנין מיט עטליכע ספרי-תורות. מאטוויי מארקאוויטש האט אבער שטענדיג געוואהנט צווישען די קריסטליכע גאסען און געשעפטען, און בעקאנטשאפט

איז איהם אויסגעקומען צו פיהרען נאָר מיט קריסטען.

יעדעס יאָהר נאָהענט צו פריהלינג פלעגט מאַטוויי מאַרקאָוויטש א קוק טהון אין „גאָפּפּעס קאַלענדאַר“, וואו עס געפינט זיך אַנגעצייכענט „יעווריייסקיע פּראַזדניקי“, און געפינען דעם טאָג פון דעם ערשטען סדר אויף וועלכען ער פלעגט נעהמען א לאָזשע אין אָפּערען־טעאַטר.

און מאַטוויי מאַרקאָוויטש מיט יעקאַטערינאַ מאָיסעיעוונאַ פלעגען זיצען צום ערשטען סדר אין לאָזשע.

א גאַנץ יאָהר האָבען זיי בעסער ליעב געהאַט צו געהן אין דראַמאַטישען טעאַטר, ווייל זיי האָבען ווייניג פערשטאַנען מוזיק, האָטש ביי זיי אין הויז האָט זיך געפונען א פיאַנאָ, צו וועלכע יעקאַטערינאַ מאָיסעיעוונאַ האָט זיך נאָר צוגעריהרט צום מאַנ׳ס אָדער צו איהר אייגענעם געבורטסטאָג, ווען זי האָט געמוזט אונטערהאַלטען די געסט און אפילו דענסטמאַל איז ביי איהם דאָס שפּיעלען געוועזען איין אָבקומעניש. נאָר צוליעב דעם גרויסען יום־טוב פסח איז מען געגאַנגען אין אָפּערען־טעאַטר, אין וועלכען דער עולם און די דעקאָראַציעס מיט די פיגורען אויף דער סצענע זעהען אויס שטענדיג יום־טוב׳דיגער, קאָלירענדיגער ווי אין דראַמאַטישען טעאַטר.

עס איז פּאַרט אַזאַ גרויסער יום־טוב.

און ערגיץ אַוועקגעהן פון צו הויז אין דער ערשטער נאַכט פון פסח מוז מען, וואָרום וואָס טהוט מען צו הויז צום ערשטען סדר, אַז קיין מצות איז ניטאָ, קיין סדר פראַוועט מען ניט און בכלל האַלט ניט מאַטוויי מאַרקאָוויטש פון די אַלע צערעמאָניעס. בלייבען אין שטוב, פּאַסט עפּיס אויך ניט, עס זענען דאָ קינדער — וואָס זאָגט מען זיי וועגען דער היינטיגער נאַכט? און גאָר זיי ניט זאָגען, איז עפּיס אויך ניט. און אפשר פאַלט איין זיינעם אַ קריסטליכען שכן אָדער אַ גוטען בעקאַנטען אַ קוק טהון אין קאַלענדאַר, אין די „יעווריייסקיע פּראַזדניקי“, ווען איז דער ערשטער טאָג יום־טוב ביי מאַטוויי מאַרקאָוויטשען, און קומט צו גאַסט?... אַוועקגעהן צו זיינע קריסטליכע בעקאַנטע צו גאַסט איז עפּיס אויך ניט, אפשר וויסען זיי, אַז עס איז היינט די ערשטע נאַכט פון דעם יודישען „פּאַסהאַ“. דאָס בעסטע איז צום ערשטען סדר נעהמען אַ לאָזשע אין טעאַטר.

און אין דער דאָזיגער סדר־נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע זענען געוועזען אין טעאַטר, האָבען זייערע דריי קינדערלעך פערבראַכט ביי מאַרפען אין קיך, צוזעהענדיג ווי מאַרפע גרייט די „פּאַסקעס“ אויף איהר יום־טוב „פּאַסהאַ“; און געדענקענדיג פון פאַר אַ יאָהרען, אַז מאַרפאַ איז זיי

יעדעס יאָהר מכבד מיט די „פּאַסקעס" און מיט אַנדערע גוטע זאַכען, וואָס געפינען זיך ביי איהר טיש לכבוד איהר יום-טוב, פרעגען זיי ביי איהר מיט בלישטשענדיגע פרעהליכע אויגלעך:

— ווען וועט ביי דיר, מאַרפאַ, זיין פּאַסחאַ?

און מאַרפאַ, אַרבייטענדיג פלייסיג און מיט שמחה ביי די „פּאַסקעס", ענטפערט זיי פרעהליך:

— באַלד, באַלד, ליעבע קינדערלעך, וועט זיין דער טייערער, ליכטיגער יום-טוב „פּאַסחאַ", וועט איהר ווי פאַר אַ יאָהרען זיצען מיט מיר ביי מיין טיש און איך וועל אייך געבען פון אַלעס אַסך צו פערזוכען, באַלד, באַלד וועט זיין יום-טוב. אָרעמע קינדער, ביי אייך איז ניטאָ קיין יום-טוב... „ניטשאַוואָ", איהר וועט יום-טוב'ן מיט מיר, איך וועל אייך פון אַלעס געבען אַ סך צו פערזוכען!

און די קינדער טולען זיך צו נעהנטער צו מאַרפען און קושען זי, דערפאַר וואָס זי האָט געזאָגט, אַז באַלד וועט זיין יום-טוב. די קינדער האָבען זעהר ליעב, אַז עס איז יום-טוב.

פון דעם צווייטען סדר און פון די איבריגע טעג פון פסח האָט מאַטוויי מאַרקאָוויטש ניט געהאַלטען און זיך אין זיי געפיהרט ווי אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר.

עס איז גענוג דער ערשטער סדר...

---

## II.

עס איז געווען אַ שטאַרקער ווינטער, די פרעסט האָבען שטאַרק געהאַלטען און שרעקליכע זאַווירוכעס זענען געווען אין דעם דאָזיגען ווינטער, שנייען האָבען ניט אויפגעהערט צו שיטען און ווינטען צו בלאָזען און אַלעס האָט אין דער לופט געדרעהט. מען האָט גאָרניט געזעהן פאַר די אויגען, נאָר עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מכשפות טאַנצען אין דער לופט.

אָט אין דעם דאָזיגען ווינטער האָט מאַטוויי מאַרקאָוויטש אַלטמאַן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע געמוזט איבערפאָהרען אין איין אַנדערער ווייטער שטאָדט. מאַרפאַ, וואָס האָט זיך צוגעבונדען צו די קינדער און צו דעם גאַנצען הויז, איז אויך מיטגעפאָהרען אין ווייטען וועג, אין אַ פרעמדער שטאָדט צווישען פרעמדע מענשען.

גרויס איז די נייע שטאָדט, וואו די פאַמיליע אַלטמאַן האָט זיך בעזעצט, נאָר די מענשען זענען אַנדערש, זיי זעהען ניט אויס אַזוי געזונד, אַזוי שטאַרק, זיי געהען ניט מיט קיין זיכערע טריט, זיי האַלטען ניט דעם קאָפּ גלייך און רעדען ניט מיט קיין ברייט קול; זייערע גע־זיכטער זעהען ניט אויס אַזוי רוהיג און צופריעדען ווי די מענשען פון דער שטאָדט, וואס זיי האָבען ניט לאַנג פערלאָזט; עפּיס בעגעגענט מען דערשראָקענע, בלאַסע פּנים׳ער, איינגעהויקערטע מענשען, וועלכע לויפען ווי פערסמ׳טע מיט איינער איבער דעם אַנדערן. דער גרעסטער טהייל געהען אָבגעריסען און קוקען אויף אייך מיט אַנגעצונדענע קרענקליכע אויגען, זעהר אַ קליינעם טהייל בעגעגענט מען מיט געזונטע געזיכטער, און אַזוי פיעל, אַזוי פיעל זענען זיי דאָ, אַז מען קען די גאַסען איבער זיי ניט איבערגעהן.

און ווען איהר זאָלט ניט אַרויסגעהן אין דער גאַס, אין דער פריה, ביי טאָג אָדער פאַרנאַכט, לויפען זיי מיט פערשמאַכטע ליפּען גלייך ווי ביי אַלע איז פאַר מיטאָג.

מאַרפּאַ פערשטעהט ניט זייער לשון, עפּעס שיטען זיך פון זייערע מיילער ווערטער ווי הייסע אַרבעס, ווען מען שיט אַרויס צוריק פון מ׳יל אָבבריהענדיג זיך די ליפּען.

די פאַמיליע אַלטמאַן פערשטעהט זיי אויך ווינציג און שרעקט זיך פאַר זיי. מאַטוויי מאַרקאָוויטשען קומט אויף דעם מוח: אַט די אַלע מענשען ווילען געפינען זייער שטיקעל ברויט אויף די ענגע, דער־שטיקטע גאַסען, און ער הויבט זיך אָן צו שרעקען פאַר זיך אַליין, וואָס ער וואָהנט אין דער דאָזיגער נייער שטאָדט.

און דאָ האָט מאַטוויי מאַרקאָוויטש מיט זיין פאַמיליע זיך געמוזט בעזעצען, דאָס איז די שענסטע און גרעסטע שטאָדט פון אַלע, וועלכע ער האָט געקאָנט אויסקלויבען אויף צו בעזעצען זיך.

פרעמד זענען די שטאָדט־מענשען געוועזען צו דער פאַמיליע און פרעמד איז די פאַמיליע געוועזען צו די שטאָדט־מענשען, און די פאַ־מיליע אַלטמאַן האָט זיך געלעבט איין אָבגעזונדערט לעבען.

די שטאָדט איז גרויס און אין דעם הויז, וואו זיי האָבען געוואָהנט, געפינען זיך ביז פופציג פערשיעדענע וואָהנונגען; און ווי דער שטייגער איז אין די גרויסע שטעדט, קעהרען זיך די שכנים ווינציג אָן איינער מיט דעם אַנדערן, זיי האָבען ניט געוואוסט פון די שכנים און ניט די שכנים פון זיי.

נאָר עס איז געקומען די פאַר־פסח־צייט, מען האָט אָנגעהויבען

אַרויסנעֶהמעֶן די צווייעֶנדיגעֶ פעֶנסטעֶר, די טהירעֶן אויף די באַלקאָנעֶן האָבעֶן זיך אָנגעֶהויבעֶן אָפּטעֶר צו עֶפענעֶן און די אַיינוואָהנעֶר האָבעֶן אָנגעֶהויבעֶן פון די פעֶנסטעֶר און באַלקאָנעֶן־טהירעֶן אַרויסקוקעֶן אין גרויסעֶן הויף אַריין.

יעֶקאַטעֶרינאַ מאָיסעֶיעֶוונאַ זעֶהט ווי אין אַלעֶ וואָהנונגעֶן רעש'ט מעֶן, די בעלי־בית'טעֶס מיט די עֶלטעֶרעֶ טעֶכטעֶר און דיעֶנסטעֶן געֶהעֶן די קעֶפּ פעֶרוויקעֶלט מיט טיכלעֶך, און מעֶן בעֶרשט און מעֶן קלאַפּט, מעֶן קראַצט, מעֶן רייבט, מעֶן שלאָגט צוועֶקעֶס, נאָר ביי יעֶקאַטעֶרינאַ מאָיסעֶיעֶוונאַ אין הויז קומט גאָר ניט פאָר און אַלעֶס פיהרט זיך, ווי אין אַלעֶ טעֶג פון אַ גאַנץ יאָהר.

פון דעֶר עֶרשטעֶר וואָך נאָך פורים, קלאַפּעֶן אָן פעֶרשידעֶנעֶ מאַרק־ווייבעֶר און מאַרק־יודעֶן אין אַלעֶ וואָהנונגעֶן און אויך ביי יעֶקאַטעֶרינאַ מאָיסעֶיעֶוונאַ אין דעֶר טהיר:

— מאַדאַם־לעֶבעֶן, פרישעֶ אייעֶר נאָר פון דעֶר הון אַרויס, דאַרפט איהר אפשר ניט אַ פּאָר שאָק אויף פסח? קויפט, מאַדאַם־לעֶבעֶן, איך וועֶל ביי אייך ניט נעֶהמעֶן טייעֶר.

— ליעֶבעֶ מאַדאַם, ברויכעֶן זיי ניט קיין אינדיק אויף פסח, פעֶטעֶ אינדיקעֶס, געֶנז, קאַטשקעֶס און הינעֶר, אַזאַ גוט יאָהר זאָלעֶן מיר האָבעֶן ווי פעֶט זיי זעֶנעֶן.

— מיר דאַרפעֶן ניט, מיר דאַרפעֶן ניט, עֶנטפעֶרט מאַרפאַ און אַמאָל אויך יעֶקאַטעֶרינאַ מאָיסעֶיעֶוונאַ און פעֶרקלאַפּעֶן פאַר זיי די טהיר.

שפּעֶטעֶר מיט אַ שעה קלאַפּט אַ יוד און פרעֶגט, צי די מאַדאַם איז דאָ צו הויז, און די מאַדאַם בעֶוויַיזט זיך אין פאָדעֶר־הויז.

— אַ גוט מאָרגעֶן אַייך, ליעֶבעֶ מאַדאַם, אפשר האָט איהר נאָך ניט געֶקויפט קיין מצות, קויפט ביי מיר, דעֶר גאַנצעֶר הויף קויפט ביי מיר אַלעֶ יאָהר, איך האָב „וואַראַדאָקעֶר מצה" „וויזעֶנעֶר מצה" און „הייִמישעֶ מצה", און אַזוי רעֶדעֶנדיג האַפּט עֶר אַרויס דריי שטיק מצה, וועֶלכעֶ עֶר טראָגט מיט זיך אויף פּראָבעֶ; וואָס האָט איהר מורא? טענה'ט איין וויַיטעֶר דעֶר יוד, איך נעֶהם דעֶרפאַר קיין געֶלד ניט. זעֶהט נאָר ווי זיי שייַנעֶן פון ליכטיגקייט, זעֶהט נאָר זייעֶר דינקייט, אַזאַ גוט יאָהר זאָלעֶן מיר האָבעֶן.

די קינדעֶר קוקעֶן אויף די מצות ווי קעֶצליך אויף פוטעֶר און שפּרינגעֶנדיג צו דעֶר מאַמעֶן בעֶטעֶן זיי זי:

— גוטעֶ מאַמוניאָ, קויף, קויף די מצות, קויף!

מאַרפאַ קוקט פעֶרוואונדעֶרט און וויַיזט אָן דעֶם יודעֶן די טהיר:

— געהט געזונטערהייד, מיר דארפען גאָרניט.

און די מאַדאַם געהט אַריין מיט די קינדערלעך צוריק אין שטוב.

אין דער גרויסער שטאָדט זענען דאָ אַ סך הונדערטער מאַרק־ווייבער און מאַרק־יודען, און ניט קוקענדיג, וואָס מאַרפאַ האָט זיי געטריבען, פונדעסטוועגען האָט זיך די טהיר ביי יעקאַטערינאַ מאָיסעיעוונאַ ניט פערמאַכט פון די דאָזיגע אַלערליי מאַרק־מענשען, וועלכע פלעגען אַלץ פרעגען, צי דאַרף מען עפּיס נאָך קויפען אויף פּסח.

אפילו די קריסטליכע פּראַטשקאַ, וואָס קומט מאַרפען העלפען וועש וואַשען, האָט צווישען אַנדערע איבערשמועסען בעת וואַשען מיט מאַרפען, אויך געפרעגט, צי ביי זיי איז שוין דאָ מצות אויף פּסח.

איינמאָל, ווען יעקאַטערינאַ מאָיסעיעוונאַ איז דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם טויער פון הויף, האָט אַנטאָני דער דוואָרניק מיט דרך ארץ זי אָבגעשטעלט, אַראָבנעהמענדיג פאַר איהר דאָס היטעל:

— איך בעט איבער די פּאַני, אפשר וויל די פּאַני איך זאָל אויסקלאַפּען דער פּאַניס מעבעל לכבוד פּסח? מאַרפאַ וועט עס אליין ניט קענען טהון, איך העלף צו אַלע דינסטען ביי אונז אין הויף אויסקלאַפּען דאָס מעבעל לכבוד יום־טוב.

דער פאַר־פּסח׳דיגער רעש אין גאַס און נאָך מעהר אין הויף הערט זיך פון טאָג צו טאָג גרעסער.

אויף די גאַסען שטעהען יודען מיט קוישען געפּעס און שרייען: „ניי געפּעס אויף פּסח, כוסות, כוסות אויף פּסח!" און דאָ לויפען טוצענדווייז אָבגעריסענע יונגלעך און לאָזען קיינעם ניט דורך, זיי זאָלען ניט אָנשרייען דעם קאָפּ: „אַ שענע הגדה אויף פּסח, הגדות, הגדות, ביליג!"

און מאַטוויי מאַרקאָוויטש, קומענדיג אַהיים צו מיטאָג, ברענגט אָפּט מיט זיך עטליכע הגדות, מיט וועלכע די קינדער שפּילען זיך און צום סוף הייצט מאַרפאַ אונטער מיט זיי דעם אויווען.

וואָכ אַ טאָג נעהנטער צו פּסח, ווערט אין דרויסען וואַרימער, די זון גלעט דאָס פּנים ליעבער, אויף דעם הויף עפענען זיך די טהירען און פענסטער נאָך אָפטער, קינדער לויפען אַרום אין הויף און עלטערע זיצען אויף די באַלקאָנען, אַלע שכנים ווילענדיג ניט ווילענדיג קוקען פון איין וואָהנונג אין דער אַנדערער און אַלע ווייסען, וואָס עס טהוט זיך איינער ביי דעם צווייטען.

אָט בעמערקט מען, אַז ביי דעם שכן איז שוין דער גאַנצער פּסח פאַרטיג, אפילו די נייע פאָרהאַנגען זענען שוין אויפגעהאַנגען אויף די פענסטער, ביי אַ צווייטען שכן זעהט מען אויף די פענסטער לכבוד פּסח

נײַע קונסט־בלומען, װעלכע זיצען אין שענע טעפּ, בײַ אַ דריטען שכן אויף דעם באַלקאָן אין אַ װינקעל שטעהט פאַרדעקט אַ קלײן פעסעלע װײַן, אָנגעגרײט אויף אַרבע כוסות. בײַ אַ פערטען שכן איז מען נאָך ניט פאַרטיג, מען קלאַפּט ערשט צװעקעס, מען רוימט, די װײַבער געהען נאָך פאַרדעקט די האָר מיט טיכלעך און אויף דעם באַלקאָן שטעהען קיך־פאָלעצעס מיט טעפּ, און אויף בענקלעך ליגט ניט קײן אָנגעצויגען בעט־געװאַנד.

אויף דעם הויף זעהט מען אָפּט, דער פיהרט אַ נײַעם בופעט אָדער אַ נײַ טוץ בענקלעך, דאָ טראָגען שנײַדער קלײדער, אַ נײטערין — װעש און דאָ — קוישען מיט פלעשער אויף ארבע כוסות.

און אַלעס איז צוליעב דעם גרויסען יום־טוב פּסח.

און דאָס אַלעס זעהען אַלע שכנים.

אַלטמאַנס קינדערלעך קומען אַלע מאָל צולויפען צו דער מאַמען און צו מאַרפען און דערצעהלען מיט אַ שמחה, אַז אַהין האָט מען געטראָגען מצות, דאָ װײַן, דאָ קלײדער, און דאָ אַ נײַעם שפּיגעל, און אײנמאָל האָבען זײ געבראַכט אַ בשורה, אַז אַ יונגעל האָט געהאַלטען אַ שטיק מצה און שוין געגעסען.

מאַרפאַ פלעגט טרײַבען די קינדער פון זיך פאַר אַזױנע טײַערע בשורות, נאָר אײנמאָל האָט זי ניט אויסגעהאַלטען און זיך פלוצים צװײנט, און װען איהר בעל־הבית'טע האָט זי געפרעגט, װאָס איז פלוצים פאַר אַ װײנען, האָט מאַרפאַ געענטפערט, ניט אויפהערענדיג צו װישען זיך די טרעהרען מיט איהר פאַרטוך:

— אַלע „גאַספּאַדאַ" קויפען אויף יום־טוב, אפילו די, װאָס װאָהנען אונטער אונז אין די קעלערס, קויפען אויך אויף יום־טוב און מיר קויפען גאָרניט.

יעקאַטערינאַ מאָיסעיעװנאַ האָט זי אויסגעלאַכט, זי אָנגערופען „משוגענע", נאָר אין די קינדערשע אויגעלעך האָבען זיך געשטעלט טרעהרען פון מאַרפעס װײנען.

---

## III.

אַנטאָני האָט ערב פּסח נאָך ביעור חמץ אויסגעשפּריצט דעם הויף

מיט וואַסער און זײַן ווײַב די אַנטאָניהאַ האָט אויסגעוואַשען אַלע טרעפּ פון די וואָהנונגען. אמת, אַנטאָני האָט דאָס בעדאַרפט טהון אָהן שום יום־טוב, נאָר לויט די אינסטרוקציעס פון פּאָליציי האָט ער בעדאַרפט האַלטען ריין דעם הויף און די טרעפּ; אָבער ער האָט דאָס שטענדיג געטהון נאָר פון יוצא וועגען, אַ מאַך געטהון מיט דעם בעזעם אַהער און אַהין און פּטור. נאָר היינט, לכבוד דעם גרויסען יום־טוב, האָט ער דאָס געטהון בשלמות, געטריי ווי איין ערהליכע יודענע מאַכט כשר די קיך אויף פּסח.

ריין און ציכטיג איז געוועזען דער גרויסער הויף, און וואָס נעהנטער צו נאַכט איז אַלץ שטילער געוואָרען אויף דעם הויף פון דעם פּאַר־פּסח'־דיגען שטענדיגען רעש. שטיל און ליעבליך האָט זיך אָנגערוקט די פּסח'דיגע ליכטיגע נאַכט און אַ גרויס שטיק הימעל מיט עטליכע שטערן האָבען יום־טוב'דיג אַרײַנגעקוקט אין הויף, וואו אַלע פענסטער זענען ליכטיג, — די גרויסע פענסטער פון די מיטעלסטע עטאַזשען און די קליינע פענסטערלעך פון קעלער־שטוב און פון דעם דאַך, אַלע זענען ליכטיגער ווי אין די נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר.

רוהיגקייט, ליעבשאַפט און אַ זיסע שטילקייט הערשט אויף דעם הויף אין דער דאָזיגער נאַכט, נאָר דאָס גרינגע קלינגען פון ווײַן־פלעשער און כוסות שטערען מינוטען־ווײַז דאָס שטילקייט פון דער נאַכט. מינוטען־ווײַז הערט זיך אויך שטילע, זיסע נגונים פון דעם סדר אָבריכטען.

אין וועלכען פענסטער מען זאָל ניט אַרײַנקוקען, אין די גרויסע פון די מיטעלסטע עטאַזשען און אין די קלייניגקע פון קעלער און פון בוידעם, זיצט מען אַרום אַ געדעקטען טיש און מען ריכט אָב דעם סדר.

און אין די גרויסע פענסטער אין מיטעלסטען עטאַזש פון מאַטוויי מאַרקאָוויטש איז אויך געדעקט רײַך דער גרויסער טיש, אָנגעשטעלט מיט פלעשער ווײַן און שענע כוסות און נעבען בעל הבית אַ טעלער מיט מצות, פערדעקט מיט אַ שענעם געשטיקטען האַנדטוך. מאַטוויי מאַרקאָוויטש זיצט אויבען־אָן, און נעבען איהם זײַן פרוי מיט די קינדערלעך, פון וועלכע עס הערט זיך פרעהליכע קינדערשע קול'עכלעך, און טולענדיג זיך אַלע מאָל נעהנטער און נעהנטער צום טאַטען מיט דער מאַמען, העַנגען זיי זיך אויף זייערע העלזער.

— „שאַלוני", שרײַט אָן אויף זיי מאַטוויי מאַרקאָוויטש: זיצט איין אויף אײַערע ערטער און היט אָב אײַערע כוס'עלעך, זיי זאָלען זיך ניט אויסגיסען אויף דעם טישטוך!

די קינדער לויפֿען מיט אַ געפּילדער אויף זייערע ערטער און יעדער האַלט פֿעסט מיט דער האַנד זײַן קלײַן כּוס׳עלע.

אין דעם פֿענסטער פֿון דער קיך איז אויך ליכטיגער ווי אין אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָהר,— מאַרפּאַ איז שטאַרק פֿערנומען און טרעט ניט אָב פֿון דעם אויווען, וואו עס איז אָנגעשטעלט פֿערשידענע פֿענדלעך און טעפּ מיט אַלערליי מאכלים פֿאַר דעם ערשטען סדר.



# דער דאָקטאָר־פּילאָזאָף.

## I.

ווען ער איז געוואָרען דאָקטאָר פּילאָזאָף, האָט ער מיט דער פּילאָזאָפיע ניט געוואוסט וואָס צו טהון, און טהון מוז מען, ווײַל עס איז שוין צײַט מפרנס צו זײַן די פאַמיליע, וועלכע וועַרט פון יאָהר צו יאָהר גרעסער. די פאַמיליע האָט זיך שוין גענוג געפּלאָגט, גענוג געוואַרט אויף דעם דיפּלאָם.

און דער דאָקטאָר פּילאָזאָף האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף דער יודישער ליטעראַטור. פריהער האָט ער אָנגעהויבען שרײַבען אין אַ יודישע צײַטונג, נאָר מיט יעדען קינד, וואָס עס איז צוגעקומען אין זײַן פאַמיליע, האָט ער אָנגעהויבען אַרבייטען אין אַ נײַע צײַטונג.

איצטער שרײַבט ער שוין אין צוועלף יודישע צײַטונגען אויף זעקס פערשיעדענע שפּראַכען, האָטש זײַן פאַמיליע בעשטעהט איצטער נאָר פון אַכט קינדער, אַ פרוי און איין אַלטע שוויגער. די קינדער ווערען עלטער און דאַרפען מעהר האָבען.

זײַן וואוינונג בעשטעהט פון איין עס־צימער, אַ ספּאַלניע און איין אַרבייטס־צימער, וואָס איז אָבגעטיילט מיט אַ דין ווענדטל.

אויף זײַן שרײַב־טיש, וואָס פערנעהמט דרײַ פיערטעל פון זײַן קליין צימערל, איז שטענדיג אָנגעוואָרפען פאַפּיערען אויף פאַפּיערען, גאַזעטען אויף גאַזעטען, ביכער אויף ביכער, אָדער אַלעס אויסגעמישט צוזאַמען. דערצו איז דער טיש און אַלעס, וואָס ליגט אויף דעם טיש, פערוואָרפען מיט שטיקלעך אָבגעריכערטע פּאַפּיראָסען, אָהן וועלכע ער קאָן קיין פעדער נישט שטעלען, קיין אות ניט אָנשרײַבען.

יעדעס מאָל, ווען ער גּעהט אַוועק פון דער היים, זאָגט ער אָן:

— האָט רחמנות אויף מיר און רוימט מיר נישט מיין טיש, זאָל אַלעס ליגען ווי עס ליגט, איך זאָל קאָנען דערנאָך געפינען וואָס איך דאַרף.

— דו קאָנסט סיי־ווי־סיי גאָר נישט געפינען אין אַזאַ איבערקערעניש מיט דיינע שטיקלעך אָבגעריסענע פּאַפּיראָסען... ענטפערט איהם דאָס ווייב.

און אַז דער דאָקטאָר פילאָזאָף קומט דערנאָך צוריק אַהיים און דערזעהט, וואָס מען האָט איהם „אָנגעמאַכט" אויף דעם טיש, ווי עס איז אויפגערוימט, ווי אַלעס אויף דעם טיש ליגט אין אָרדנונג, האַפט ער זיך ביי'ם קאָפּ און שרייט אויף דעם ווייב.

— קוילערין, וואָס קוילעסט דו מיך, ווער בעט דיך זיך צוריהרען צו מיין טיש?!

— אַדאַי, דיר קומט נאָך אַרויס, דו דאַרפסט נאָך שרייען, אַז מען רייניגט דיך אַרום אַ ביסעל פון דיינע פּאַפּירען... פון דיינע „פּאַמפּירען" איז ניט אויסצוהאַלטען...

— דו לאַכסט פון מיינע „פּאַמפּירען". — שרייט ער מיט כעס— מיר לעבען פון זיי, זיי זענען אונזער פרנסה.

— איך לאַך גאָר ניט, נאָר דעם טיש מעג מען האַלטען אַ ביסעל ריינער, עס איז נישט קיין אומגליק, אַז מען רוימט אַ ביסעל אויף, מיר וואוינען אַזוי ענג, מוז מען האַלטען ריין.

און אַזוי יעדען טאָג. צעהן יאָהר שרייבט ער שוין פאַר די צייטונגען און קיין טאָג ניט פערפעהלט, ער זאָל מיט דעם ווייב זיך ניט איבעראַמפּערן איבער „זיין טיש", איבער די „פּאַמפּירען".

ער האָט יעדען טאָג געשריען און זי האָט יעדען טאָג געטרייסעלט און גערייניגט.

---

## II.

אין דער קליינער וואוינונג האָט זיך שטענדיג געהערט קולות. די קינדערלעך, איינס גרעסער פון דעם אַנדערן, האָבען ניט געקאָנט איינרוהען און זיך געלאָזט הערען. צוזאַמען מיט די קינדערשע קול'עכלעך האָט זיך אויך אָפט געהערט דאָס הויכע קול פון דער מוטער, וועלכע פלעגט

אויף זיי אָנשרייען, וויסענדיג זעהר גוט, אַז זי שרייט אומזיסט, וואָרום ווער קאָן עס איינהאַלטען, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל קינדערלעך זאָלען געזונד זיין, אַ קינד דאַרף שרייען, אַ קינד מוז לויפען און שפּרינגען און אַ מאַמע דאַרף אָנשרייען.

דערצו איז שטענדיג געווען איין עסק מיט דער קאַץ; אויסער די קינדערס שרייען, האָט די קאַץ אויך שטענדיג געמיאוקעט, ווייל די קינדערלעך פלעגען זי מוטשען, שלעפּען זי איינס צום אַנדערן און דאָס געפּילדער איז נאָך גרעסער געוואָרען. וויפיעל מאָל האָט שוין די מאַמע, די באָבע און דער דאָקטאָר אַליין אַרויסגעוואָרפען די קאַץ, נאָר עס געהט ניט אַוועק קיין טאָג, אַ קינד זאָל שוין ווידער ניט טראָגען די קאַץ און האַלזען און קושען זיך מיט איהר און די קולות פון שמחה אָדער אַ געוויין פון אַ „גראַבעל", וואָס די קאַץ האָט געגעבען, ווערט גרעסער. די אַלטע באָבע, דעם דאָקטאָרס שוויגער, פלעגט אויך אָפט פון יוצא זועגען אָנשרייען אויף די קינדערלעך.

ווער שמועסט נאָך אין דער צייט, ווען די מאַמע האָט געשלאָגען אַ קינד, אָדער עס איז געפאַלען און האָט זיך אַליין צעשלאָגען, האָט מען די קולות געהערט אין דער צעהנטער גאַס.

אַ מינוט איז ניט געווען שטיל אין דעם דאָקטאָרס וואָהנונג.

* * *

גאָר אַיין אַנדער פּנים האָט די וואָהנונג בעקומען, ווען דער דאָקטאָר האָט זיך „געזעצט שרייבען"... ניט די וואָהנונג, ניט די קינדער, ניט דאָס ווייב און אפילו די שוויגער וועט איהר נישט דערקענען; אַלעס האָט אין איין מינוט, ווען דער דאָקטאָר האָט זיך „געזעצט", זיך איבערגעביטען ווי דורך אַ „צויבער שטאָק"...

די קינדערלעך זענען אַלע געזעסען שטיל, די מאַמע איז פון זיי ניט אַוועקגעגאַנגען.

— שאַ, שטילער קינדערלעך... דער טאַטע שרייבט... שטילער ער שרר... רייבט...

די עלטערע קינדער, וועלכע פערשטעהען, וואָס די מאַמע בעט פון זיי, פאָלגען די מאַמע און זיצען שטיל און די קליינע שטופּט די מאַמע אין זייערע פיסקלעך אַ שטיקעל צוקער אָדער אַ לעקעכל שעפּטשענדיג דערביי אין דער שטיל.

— נאַט... נאָר שטילער... דער טאַטע שרר... רייבט...

און סמאָטשקענדיג דאָס לעקעכל אָדער זויגענדיג דאָס שטיקל צוקער,

קוקען זיך איבער עטליכע פאר קינדערשע גרויסע אויגען ערנסט און שטיל ווי ביי אלטע מענשען און שעפטשען אויך צווישען זיך אויף קינדער לשון:

— טיא־טיא... שייב...

די באבע פלעגט אין דער צייט, ווען ער פלעגט זיך „וועצען”, זיך פערדריקען ערגעץ אין א ווינקעל און ווי פערגליווערט, ווי פערשטיינערט, ווי א מומיע און מורא געהאט מאכען אפאר טריט איבער דער שטוב, זי זאל ניט „שקראבען” מיט איהרע שיך...

אפילו די קאץ פלעגט זיך דענסטמאל בעהאלטען אונטער דעם בעט און זיך לאנג ניט ארויסווייזען.

ווען די קינדערלעך פלעגען זיך פערקאפריזען און די מאמע האט שוין ניט געקאנט העלפען מיט איהר בעטען און מיט די שטיקלעך צוקער און לעקעכלעך, דענסטמאל פלעגט ער אליין ארויסגעהן צו זיי...

ער פלעגט אויף זיי ניט שרייען, ער פלעגט נאר א קוק טהון אויף זיי...

זיינע אויגען, וואס האבען ארויסגעקוקט פון זיין בלאס, פערייסורים׳דיג, פערדאגה׳ט פנים, פלעגען זיך אליין אהן ווערטער בעטען ביי די קינדער מיט רחמים, ווי א פערשולדיגטער פאר די שופטים, ווען ער זאגט זיך אב פון זיין „לעצטווארט”, נאר די ליידענדיגע אויגען בעטען זיך אליין ביי די שופטים חסד און רחמים.

און אפילו די קליינע קינדער האבען מיט זייערע הערצעלעך דערפיהלט, וואס דעם טאטענס ליידענדיגע אויגען בעטען פון זיי און פלעגען ווי די טייבעלעך שטיל בלייבען.

און אמאל פלעגט ער מיט א שוואך קרענקליך קול זיי זאגען:

— קינדער... לאזט מיך... האט רחמנות...

און עס פלעגט שטיל ווערען...

אפטמאל פלעגט ער אויך ארייגלויפען צו די קינדער מיט אזוינע שרעקליכע אויגען, אז זיי פלעגען זיך דערשרעקען פאר דעם טאטענס אויגען און באלד פערגליווערט ווערען פאר גרויס פחד.

און אמאל ווען ער איז ארויסגעגאנגען צו די קינדער מיט אזוינע אויגען פלעגען זיך ביי איהם ארויסהאפען געצעהלטע ווערטער, ווענדענדיג זיך צום ווייב.

— מיר וועלען... מיר וועלען... איינציגווייז אויסשטארבען... לאזט מיך ארבייטען...

די קינדער פלעגען זיך נאך מעהר דערשרעקען און לאנג, לאנג

פלעגען זיי זיצען שטיל, זיך ניט ריהרען מיט קיין אבר, נאָר די פער־גליווערטע, פערשטיינערטע באַבע אין פערדרוקטען ווינקעל פלעגט זיך אָנהויבען טרייסלען ווי אַ בלאַט אין אַ גרויסען שטורם ווינט...

נאָר די קאַץ פלעגט זיך בעת מעשה ניט דערשרעקען און פלעגט זיך אײַנהאָרבען און שטעהן אָנגעגערטעלט יעדען צו געבען אַ גראָבעל...

ווען דער דאָקטאָר פלעגט אויפשטעהן פון זײַן בענקעל, פערמאַכען אין קאָנווערטען זײַן שרײַבען און עס אַוועקשיקען אין די רעדאַקציעס, פלעגט זיך ווידער די גאַנצע שטוב ווי דורך אַ „צויבער שטאָק" אין איין מינוט זיך איבעראַנדערשען.

די קינדער האַבען אָנגעהויבען שפרינגען און טאַנצען, די באַבע פלעגט זיך אַרויסרוקען פון איהר ווינקעל און אָנגעהויבען שקראָבען מיט די שיך, די קאַץ פלעגט פון אונטער'ן בעט אַרײַנשפרינגען צווישען די קינדער, די מאַמע פלעגט אָנהויבען אויף זיי צו שרײַען, די קינדער פלעגען דערנאָך אַרײַנלויפען צום טאַטען אין צימער, אַרומ־קריכען איהם אויף די הענד, אויף דעם האַלז און אויף זײַן שרײַב־טיש...

אַלעס וואָס איז פריהער געווען פערגליווערט, טויט, האָט איצט אויפגעלעבט: אפילו די באָבע האָט עפּעס איצט אָנגעהויבען מאַכען מיט די ליפען.

און דער דאָקטאָר אַליין האָט זיך איצטער איבערגעטראָגען מיט די קינדער אויף דער „סאָפקע" און פיהלט זיך ווי נאָך אַ שווערע אָפּעראַציע און זעהט זיך איצטער ווידער מיט זײַן ווײַב און קינדער...

---

## III.

פאַר פסח... די פענסטער פון דעם דאָקטאָרס וואָהנונג זענען שוין אָפען, דער ווײַטער רעש פון גאַס שטערט אַביסעל דעם דאָקטאָר צום שרײַבען, נאָר דערפאַר שטערען איהם ווינציגער די קינדערלעך, זיי לויפען שוין צו ביסלעך אין דרויסען און שפילען זיך און וואַרעמען זיך אויף דער מחיה'דיגער פריהלינג־זון און דער דאָקטאָר שרײַבט און שרײַבט און רויכערט אַ פאַפּיראָס נאָך אַ פאַפּיראָס.

זײַן ווײַב שטעהט פאַר איהם אין אַ פאַרטוך מיט אַ טיכעל אויף דעם קאָפּ און מיט די עקען פערוואָרפען הינטער די אויערען. אין די הענד

איז זי אָנגעלאָדען מיט אַ בארשט, אין וועלכע עס שטעקט אַ לאַנגער שטעקען.

— מען דאַרף אָנהויבען בײַ דיר אין צימער אויפרוימען, דו וועסט זיך איבערטראָגען מיט דײַן שרײַבען אין עס־צימער.

— ווײַטער אויפרוימען, אַ גאַנץ יאָהר רוימסט דו נאָר, עס איז דאָ ריין.

— בײַ מײַנע שונאים זאָל אַזוי אויסגעהן ריין די נשמה, ווי בײַ דיר איז ריין, דו ווייסט גאָרנישט, אַז עס איז פאַר פסח? און אַזוי רעדענדיג מעהר ניט פרעגענדיג בײַ איהם, הויבט זי אָן מיט דער בארשט אָבקעהרען די סטעליע.

— פערנעהם דײַנע פּאַפּירען, וואָרום אַז ניט, וואַרף איך זיי גאָר אַרוים, זיי קריכען מיר שוין אין האַלז, אָט דאָס שטענדיגע מיסט. רבונו של עולם! ווען וועט איך שוין בעפרײַט פון דעם!

דער דאָקטאָר וויל פּראָטעסטירען, נאָר ער פיהלט, אַז זײַן פרוי איז איצט שטאַרקער פון איהם און ווי פון אַ שרפה האַפּט ער די נעטיגע פּאַפּירען מיט טינט און פעדער און לויפט אין עס־שטוב און זעצט זיך שרײַבען בײַ׳ם עס־טיש.

אין אַ שעה שפּעטער קומט די שוויגער פערבונדען דעם קאָפּ מיט אַ פּאַטשיילע און מיט אַ בעזים פון ריטלעך.

— משה, דו וועסט מוחל זײַן איבערגעהן אין ספּאַלנע שרײַבען מען דאַרף דאָ אויפרוימען.

— ווידער רוימען, הייבט ער אָן צו שרײַען, איך דאַרף שרײַבען די אַרטיקלען, איך בין אײַך מוחל אײַער אויפרוימען, איך דאַרף ניט...

דאָס ווײַב האָט דערהערט זײַן קול און איז אַרײַנגעקומען פער־פּאַראָשעט, פערשטויבט דאָס גאַנצע פנים און אָנגעהויבען אויף איהם שרײַען.

— וואָס מיינסט דו, עס איז דיר אַ גאַנץ יאָהר, וואָס דו וועסט יעדען משוגע מאַכען מיט דײַן שרײַבעכטס, מיט דײַנע פּאַמפּירען, לאָז די מאַמען אויפרוימען.

דער דאָקטאָר האָט געהאַפּט די פּאַפּירען מיט דעם טינטערל און איז אַוועק אין ספּאַלנע און זיך געזעצט נעבען קליינעם טישל, וואָס שטעהט צווישען ביידע בעטען און געשריבען.

פון עס־צימער הערט זיך קולות שבקולות, אפילו די שוויגער האָט בעקומען אַ קול, די קינדער שרײַען און לויפען פון דרויסען אין שטוב און פון שטוב אין דרויסען און דער דאָקטאָר שרײַבט.

אויף מאָרגען האָט מען איהם אַרויסגעטריבען פון דער ספּאַלניע, אין אַלע דריי צימער איז אַלעס איבערגעקעהרט. דאָס ווייב, די שוויגער און די דיענסט פון קיך האָבען אַלעס איבערגעקעהרט מיט דעם קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף. די טישען, די בענקלעך, זיין שרייבטיש געפינט זיך אין קיך, די שופלעדלעך אין פאָרהויז, די באַקדייזשע מיט דעם לאָקשען־ברעט אין זיין אַרבייט־צימער, די קיך־טעפּ אין עסצימער, אין ספּאַלניע די מולטער, די לאָפּעטע, די קאָטשערע און גלאַט אַזוי אָבגעבּרענטע שטעקענס.

— אָבער איך מוז שרייבען, בעט זיך דער דאָקטאָר מיט גוטען און מיט בייזען.... איך מוז ענדיגען די אַרטיקלען.

— ביי מיר איז פאַר פסח, טוה וואָס דו ווילסט און לאָז מיך צורוה, ענטפערט איהם דאָס ווייב שטרענג, פערנעהם דיר בעסער דיינע פּאַפּיערען, וואָס איך האָב דאָ אָנגעוואָרפען אין אַ ווינקעל, וואָרום מען וועט זיי דיר אַלע אַרויסוואַרפען, ביי קיין יודען איז ניט דאָ אַזוי פיעל מיסט ווי ביי מיר, נאָר מיך האָט גאָט געשטראָפט, אַז אפילו פסח קאָן ביי מיר ניט ריין זיין ווי ביי לייטען.

— דאָרטען ליגען מיינע אַרטיקלען... איך האָב אָנגעהויבען אַ גאַנץ ווערק, האָסט עס אפשר שוין אַרויסגעוואָרפען?

— איך האָב גאָר ניט אַרויסגעוואָרפען, נאָר פערנעהם דעם גאַנצען באַרג, איך זאָל עס אין מיינע אויגען ניט זעהן.

דער דאָקטאָר פערנעהמט די פּאַפּיערען און פּאַקט זיי אויף גיך אין אַ קעסטעל און דערנאָך זוכט ער ווידער איין אָרט, וואו צו שרייבען און מאַכט זיך אַ טיש אויף אַ דנאָ פון דער באַק־דייזשע און ער שרייבט.

נאָר אָט קומט די דיענסט און נעהמט ביי איהם צו די באַק־דייזשע און דער דאָקטאָר לעגט דאָס פּאַפּיער אויף דער קניע און שרייבט.

דערנאָך טראָגט מען אַרויס אַלע שטוהלען, ניט דאָ אפילו וואו צו זעצען זיך; נאָר דער דאָקטאָר שפּאַרט אָן דאָס פּאַפּיער אויף דער וואַנד און שרייבט שטעהענדיג, האַלטענדיג דעם טינטער אין דער קעשענע פון רעקל.

* *

*

ערב פסח.

בײַם דאָקטאָר פּילאָזאָף אין שטוב איז שוין אויפגערוימט, אויסגעפּוצט, די קינדערלעך אָבגעוואַשען, דאָס הײַב גרייט צו צום יום-טוב.

דער דאָקטאָר צעלעגט אויף זײַן שרײַב-טיש נײַע פּאַפּירען און פרישע גאַזעטען און וויל אָנהויבען שרײַבען.

— ווידער פּאַפּירען, ווידער שרײַבען! — לויפט צו דאָס הײַב.

— ביז אָבענד וועל איך נאָך מאַכען איין אַרטיקעל פאַר אַ צײַטונג, ענטפערט דער דאָקטאָר.

— איך וויל ניט, איך וועל ניט לאָזען! עס איז בײַ מיר אויך יום-טוב, גענוג אַ גאַנץ יאָהר, געגוג, איך וויל בײַ מיר זאָל אויך זײַן פּסח, ווי אויף דער גאַנצער וועלט, איך וויל ניט זעהן קיין פּאַפּירען.... קיינער אַרבייט שוין ניט איצטער... איך וועל ניט לאָזען...

דער דאָקטאָר האָט די פּאַפּירען פערשלאָסען אין קעסטעל און איז געגאַנגען קויפען פּאַפּיראָסען אויף יום-טוב.

דאָס קלייטעל, וואו דער דאָקטאָר איז אַרײַנגעגאַנגען קויפען פּאַפּיראָסען, איז שוין אויך געווען אויפגערוימט פּסח'דיג, די המצ'דיגע סחורות ליגען בעזונדער אין אַ ווינקעל פערדעקט מיט זעק און די סטאַקעס, הינטער וועלכע עס שטעהט דער קרעמער מיט זײַן „יונגעל", זענען פערשפּרייט מיט נײַע גרויסע בויגענס ביבולע פּאַפּיר, פערשידענע קונים און דאָס רוב האַלב אָנגעטהוענע דיענסט-מיידלעך, לויפען אַרײַן, לויפען אַרויס מיט פערשידענע גראָשענדיגע סחורות, ווי טיי, צוקער, אַ גלעזעל צו אַ לאָמפּ, שוועבעלעך א. ד. ג.

דער דאָקטאָר קויפט די פּאַפּיראָסען און פרעגט זײַן בעקאַנטען קרעמער:

— איהר וועט נאָך לאַנג זיצען אין קראָם?

— נאָך צוויי שעה, איצט איז פיער דער זייגער, וועל איך זיצען ביז זעכס, אַנטקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס?

— איך וואָלט געוואָלט איהר זאָלט מיר ערלויבען אייער טינט און פעדער, איך ברויך עפּיס אָנצושרײַבען.

דער קרעמער האָט איהם געגעבען זײַן טינט און פעדער און דער דאָקטאָר זעצענדיג זיך בײַ איין עק פון דער „סטאָיקע", האָט אָנגעהויבען שרײַבען אויף אַ געקויפטען בויגען פּאַפּיר, רויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס.

זעכס אַ זייגער, ווען מען האָט פֿערמאַכט דאָס קליײטיל, איז דער קרעמער געגאַנגען אַהיים מיט דעם היינטיגען פדיון, דאָס „יונגעל" מיט דעם שליסעל אין דער האַנד און דער דאָקטאָר מיט אַ פאַרטיג אַרטיקעל וועגען די קינסטלערישע אויסשטעלונג פון מאָדערנע מאַלערײַ אין דער בילדער-גאַלעריע.

געהענדיג אַזוי פון דעם קליײטעל, האָט דער קרעמער אויף דעם קאָפּ גערעכענט דעם מאָרגענדיגען פדיון און דער דאָקטאָר — די שורות פון זײַן אַרטיקעל.



# וועלוועל דער שיבער.

## I.

שוין פון ראש־חודש אדר אָן פלעגען אַלע מצות־בעקער יאָגען זיך נאָך וועלוול'ען דעם שיבער, און ווער עס האָט איהם „געפּאַקט", דער איז זיכער געווען, אַז אַלע שענסטע שטאָדטס־בעל־הבית'טעס וועלען באַקען ביי איהם זייערע מצות, אַלע וועלען באַקען זייערע מצות, וואו וועלוועל געפינט זיך, און געוועהנליכע בעל־הבית'טעס וועלען זיך אַליין אָנבעטען, מען זאָל זיי באַקען מצות. — דער דאָזיגער בעקער איז אויך זיכער געווען, אַז אַלע „העלפּערינס" און „העלפּערס", ווי קאַטשערקעס, קנעטערס, רעדלערס, טרעגערס און אַלע אַנדערע נויטיגע מענשען, וואָס מען ברויכט האָבען ביי מצות באַקען, וועלען גיכער געהן צו איהם אַרבייטען, וואו וועלוועל געפינט זיך, ווייל ערשטענס, פון די שענסטע בעל־הבית'טעס בעקומט מען שענערן „יום־טוב־געלד", און צווייטענס, איז פרעהליכער און לעבעדיגער צו אַרבייטען מיט וועלוול'ען, „מיט וועלוול'ען געהט גאָר די אַרבייט פון זיך אַליין" — פלעגען אַלע „העלפּערינס" און „העלפּערס" זאָגען.

מעהר פון אַלע האָט דאָס יונגוואַרג ליעב געהאַט צו אַרבייטען ביי די מצות מיט וועלוול'ען ביי איין בעקער.

אַ פערגניגען איז געוועזען צו קוקען, ווי וועלוועל פלעגט שטעהן פאַר דעם אויווען מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און פון ביידע זייטען אַרומגעשטעלט מיט נייאינקע, דינע און דיקליכע לאַנגע לאָפּעטעס און זעצען איין מצה נאָך דער אַנדערער, איבערקעהרען איין מצה נאָך דער אַנדערער און אַרויסשאַרען פאַרטיגע מצות איינע נאָך די אַנדערע און קיין איינציגע נישט קיין פערברענטע.

און דערפאַר האָבען אַלע בעל־הבית'טעס ליעב געהאַט צו באַקען

מצות ביי דעם בעקער, וואו וועלוועל האָט זיך געפונען, דערפאַר האָ-בען אַלע בעקער נאָך פון ראש-חודש אדר אָן אָנגעהויבען זיך צו יאָגען נאָך וועלוול'ען דעם שיבער און יעדער האָט איהם געוואָלט איבעררעדען צו זיך, איהם צוזאָגען גילדענע בערג, אַבי „פּאַקען" איהם צו זיך אויף שיבען מצות.

קיינער האָט אַזוי גרינג און פלינק נישט געקאָנט אַרבייטען מיט די לאָפּעטעס ווי וועלוועל, וועלכער האָט בעת מעשה נישט אויפגעהערט זינגען טרויעריגע ליעדער מיט הערצרייסענדיגע נגונים אָדער פרעהליכע ליעדלעך מיט ששון ושמחה'דיגע צווינגעכטסען, און אַלע מיידלעך און ווייבלעך, וואָס האָבען געקאַטשעט די מצות ביי די פּיעל טישען, האָבען פון וועלוועל'ס טרויעריגען זינגען געוויינט מיט ביטערע טרעהרען אָדער פון זיינע פרעהליכע ליעדלעך — געפּלאַצט פאַר געלעכטער. און אַז ער האָט נישט געזונגען, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שיטען מיט ווערטלעך און שטעכווערטלעך, אַז אַלע האָבען זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון גרויס געלעכטער.

אַ מינוט האָט ער נישט גערוהט בעת'ן מצה באַקען, אַ רוה האָט אין איהם געאַרבייט, די הענד האָבען איהם נישט וועה געטהון פון אַרבייטען און דאָס מויל — פון זינגען אָדער שיטען ווערטלעך. קיין שלאָף האָט איהם נישט גענומען, די גאַנצע דריי וואָכען פאַר פסח האָט ער טאָג מיט נאַכט געאַרבייט, נאָר פאַרטאָג פלעגט ער אויף אַ פּאָר שעה האַפּען אַ דרעמעל, ווי זאָגט מען — שטעהענדיג, און ביי דעם אַלעמען איז ביי איהם קיין איינציגע מצה נישט פערברענט געוואָרען.

דעם גאַנצען פורים-שפּיעל" האָט וועלוועל געקענט אויסווענינג, און שטעהענדיג אַזוי אַרומגעשטעלט מיט זיינע לאָפּעטעס און זעצען און אַרויסנעהמען די מצות, פלעגט ער דאָס גאַנצע שפּיעל אויסזאָגען:

דו המן האָסט געוואָלט מיין מלכה אֶסתר בעצווינגען זאָלסטו
מיר דאָס פינגערל צוריק אָבגעבען
און דו האָסט געוואָלט מיין מלכה אֶסתר מיט איהר פאָלק
פון דער וועלט אומברענגען
וועט עס דיר ניט זיין געשענקען
און איך היים אויף מאָרגען זאָל מען דיר אויף דער תליה
אויפהענגען
און דיר ,מרדכי, גיב איך דאָס פינגערל אויף דיין האַנד
אויסצושרייען און אויסצורופען איבער גאָר דאָס לאַנד

אַז זיי זאָלען זיך בעמיהען און בעוואָרענען
אַז מען זאָל די אַלע בריעף אומקערען
אַז קיינער טאָר קיין יודען קיין האָר ניט אָנרירען.

אַ מינוט שפּעטער האָט שוין וועלוועל געזונגען „מרדכי׳ס“ אָדער „אסתר׳ס ליעד“, ווי זי בעט פאַר איהר פאָלק. זיין ברייט קול האָט זיך געהערט איבער אַלע גרויסע שטיבער, וועלכע זענען געווען פול מיט די קאַטשערקעס, און גענוג טרעהרען פלעגען זיך ביי די הילפערענס אויס=גיסען הערענדיג זיינע טרויעריגע ליעדער. אפילו ווען ער האָט געזונגען המן׳ס טרויעריג ליעד, ווען ער געהט צו דער תליה, האָט מען אויך ביטער געוויינט.

גענוג אָנגעאַרבייט און אָנגעזונגען האָט זיך וועלוועל ביי די מצות באַקען.

דערפאַר אויף פסח פלעגט וועלוועל אַרויסגעהן אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג ווי אַ טאָק. אַ נייעם קאָסטיום, אַ ווייסע מאַנישקע מיט אויסגעפּרעסטע „קרוישלעך“, אַ העל קולירענדיגען זיידענעם שניפּס, אַ ניי קאַפּעלושעל, נייע וואַרשעווער שטיבלעטען און אין דער האַנד אַ ניי שען שוואַרץ שטעקעל פון שמעקעדיגע האָלץ. דערצו פלעגט ער זיך צו יום טוב קויפען אַ טייער שטיקעל שמעקעדיגע זייף און אַ שען פלעשעל אָ=דע=קאָלאָן מיט וועלכע ער פלעגט זיך וואַשען אַ גאַנץ יום טוב יעדען טאָג.

אויסער דעם אַלעם, פלעגט ער זיך אויף פסח האָבען אַ ניי שען בייטעלע, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען אַ פּאָר גאָלד שטיקלעך און עס האָט דאָרטען געקלונגען עטליכע זילבערנע און קופּערנע מטבעות.

אַלע דיענסט מיידלעך פלעגען יום טוב זוכען זיין בעקאַנטשאַפט כדי איהם צו קריגען פאַר אַ חתן, הול המועד פלעגט ער טאַקע ווערען אַ חתן פאַר איינער פון זיי און די צווייטע טעג יום=טוב פלעגט ער זיך אַרומ׳הרג׳ענען מיט אַנדערע בחורים, אויף וועלכע עס פלעגט זיך איהם אויסוויזען, אַז זיי ווילען ביי איהם אָבשלאָגען זיין כלה.

און די אַלע געשלעג פלעגט זיך אָפט ענדיגען מיט דעם, אַז מען האָט צוריסען אויף איהם זיין נייעם קאָסטיום, צובראָכען זיין נייעם שטעקען און צוקנייטשט זיין נייעם קאַפּעליושעל, דערפאַר פלעגט ער זיינע געגנערס אונטערשלאָגען די אויגען אָדער די זייטען ביז צו בלוט, אַז זיי פלעגען וועלוועל שיעבר געדענקען עטליכע וואָכען, ביז עס האָבען זיך פערהיילט זייערע וואונדען, וועלכע זיי פלעגען בעקומען פון איהם בעת׳ן נעשלעג.

עטליכע וואָכען נאָך פסח איז שוין וועלוועל אַרומגעגאַנגען אָבגע=

ריסען, געטראָגען האָט ער די אייגענע קליידער ווי פריהער, נאָר דער קאָסטיום איז געוועזען ערטערווייז צוריסען, דאָס שווארצע קאַפּעליושעל איז געוואָרען גרין און צעקנייטשט, די ווארשעווער שטיבלעטען, זענען שוין געוועזען מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, און פון דעם שענעם ביי־טעלע מיט די פּאָר גילדענע, זילבערנע און עטליכע קופּערנע מטבעות איז שוין קיין זכר נישט געבליבען. וואו צו פּערד׳ענען האָט ער ניט געהאַט, מצות באַקט מען נאָר איינמאָל אין יאָהר און וועלוועל פלעגט לעבען דערפון, וואָס זיין כלה האָט איהם אוועקגעגעבען דאָס חודש געלד, וואָס זי פלעגט בעקומען ביי איהר בעל־הבית׳טע.

שבועות אָדער באַלד נאָך שבועות פלעגט ער זיך צופּאַטשען מיט דער כלה און ווערען אויס חתן.

און דענסטמאָל פלעגט ער אַרומגעהן צווישען די מצה־בעקערס צו־זאָגען, אַז באַלד נאָך פּורים, אי״ה, שטעלט ער זיך ביי זיין אויבען, נאָר ביי איהם און ניט ביי קיין אנדער בעקער און דערביי געבעטען פון אַלע בעקערס אוואנסען, ביי דעם אַ מיטאָג, ביי דעם אַ פּאָר אַלטע שטיוועל און ביי דעם עטליכע גראָשען אין קעשענע.

וואָס נעהנטער צו ווינטער איז וועלוועלס לאַגע ערגער געוואָרען, חול המועד סכות פלעגט זיך וועלוועל פריווען אָבשלאָגען אַ כלה ביי עמיצען פון זיינע חברים און אַ חתן ווערען אָבער עס האָט איהם ניט געהאָלפען, קיין מיידעל האָט איהם פאַר קיין חתן ניט געוואָלט נעהמען.

און שרעקליך איז דענסטמאָל געוועזען זיין לאַגע, ווען דער אָסיען פלעגט זיך אָנהויבען. קאַלט, נאַס, אַליין אין זומערדיגע לעכערדיגע קליי־דער און אָהן אַ קאָפּיקע ביי דער נשמה.

וועלוועל פלעגט זיך דענסטמאָל אַריינהאַפּען צו די בעקערס און דאָר־טען ביים אויבען זיך וואַלגערן, אָבשלאָפען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט און אַז ער פלעגט זיך אויפהאַפּען פלעגט ער אַמאָל בעקומען פון די בעּ־קער־יונגלעך אַ פרישען בייגעל אָדער אַ ברייטעל און זיך אָנעסען.

— זינג אונז עפּיס אַ שען ליעד, וועסטו בעקומען נאָך אַ בייגעל, פלעגען איהם בעטען די בעקער־יונגען אָדער דעם בעקרס קינדער און ער פלעגט זינגען זיינע טרויעריגע אָדער פרעהליכע ליעדער.

פלעגט איהם נמאס ווערען זיך וואַלגערן ביי איין אויבען פלעגט ער איבערגעהן אויף עטליכע וואָכען צו איין אנדער בעקער זיך וואַלגערן ביי אַ נייעם אויבען, שלאָפען, זינגען און עסען פרישע בייגעל אָדער ברייטלעך.

טהון עפּיס איין אַרבייט, אָדער זיך אויסלערנען באַקען ברויט האָט ער ניט געוואָלט.

— מצות, פלעגט ער זאָגען, איז איין אנדער ארבייט, אַ פרעהליכע יום־טוב׳דיגע אַרבייט, מצות האָב איך ליעב צו באַקען.

וואָס נעהנטער צו פורים האָט זיך זיין לאַגע פערבעסערט, די בעקער האָבען אָנגעהויבען קוקען אויף איהם ווי אויף אַ גוטען אַרבייטער, זיינע אוואַנסען האָבען זיך פערגרעסערט און ער האָט שוין געהאַט צו עסען צו זאַט.

און באַלד ווי מען האָט אָנגעהויבען צו באַקען מצות, האָט ער פון זיך אַראָבגעוואָרפען זיינע אַלטע שמאַטעס, אַריין אין בעקערישען קאָסטיום פון ווייסע לייווינט, וואָס דער בעקער, ביי וועלכען ער איז געבליבען אַר־בייטען, פלעגט פאַר איהם אָנגרעטען און וועלוועל האָט וויעדער ווי יעדען פאַר פסח אָנגעהויבען אַרבייטען מיט זיינע לאָפּעטעס ביים באַקען מצות און זינגען ליעדלעך מיט וועלכע אַלע העלפערינס האָבען זיך שטאַרק געפרעהט.

פסח איז וועלוועל געגאַנגען, ווי אַלע יאָהר, אויסגעפוצט ווי אַ טאָק אין עסיג און אין האָניג, אַז אַלע דיענסט־מיידלעך פלעגען איהם וויעדער זוכען פאַר אַ חתן.

---

## II.

אויף היינטיגעס יאָהר, ווי יעדעס יאָהר, אַז מען האָט זיך בעַ־דאַרפט שטעלען צו די מצות באַקען, האָבען זיך די בעקערס אויך געיאָגט נאָך וועלוועלען איהם צו פאַקען.

און גרינג און פלינק האָט וועלוועל אָנגעהויבען צו אַרבייטען מיט זיינע נייע דינגע און דיקע לאָפּעטעס און אַלע מינוט אַרויסגעוואָרפען גוטע אויסגעבאַקענע ניט פערברענטע מצות, ער האָט ניט אויפגעהערט צו זינגען און ווערטלעך צו שיטען. פלוצים אין דעם ערשטען טאָג, ווי ער האָט זיך געשטעלט ביים אויבען, האָט ער דערהערט אַ זיס קול פון אַ העלפערקע, וועלכע האָט אויך אָנגעהויבען זינגען ביים קאַטשען די מצות, ער האָט זיך אומגעקוקט און געזעהן, ווי ביי איין לאַנגען טיש צווישען די פיעל טישען ביי וועלכע עס זענען געשטאַנען די העל־פערקעס און געקאַטשעט מצות איז אויך געשטאַנען אַ שוואַרץ מיידעל כמעט מיט אַ האַלבען קאָפּ העכער פון אַלע אַנדערע העלפערקעס. די

שטעהט מיט פערקאַטשעטע נאַקעטע געזונטע הענד און קאַטשעט פלינק די מצה, איהר פול האַרץ וואַרפט זיך, די שוואַרצע געדיכטע לאָקען פאַלען איבער איהרע שוואַרצע קאַרשענע אויגען, וועלכע רינגלען אַרום שוואַרצע זיידענע ברעמען. זי וואַרפט אַלע מאָל מיט דעם קאָפּ צוריק הינטער זיך די האָר, זיי זאָלען איהר ניט פערשטעלען די אויגען, אָבער די שייגעצעוואַטע לאָקען ווילען לאַנג ניט ליגען אויף זייערע ערטער און לויפען ווידער צו די שענע אויגען. און דאָס שוואַרצע מיידעל קאַטשעט און קאַטשעט די מצה און זינגט אַ טרויעריג ליעד פון „פורים־שפּיעל" ווי ושתי זאָגט ודוי פאַר איהר טויט:

אין יודישען שבת און אין יודישען יום טוב
האָב איך געטהון מיט יודישע מיידלעך האָליץ האַקען
און שפּענער קלויבען און פייער לעגען
היינט איז מיר די אַלע זאַכען צו מיינע אויגען געקומען ענטקעגען,
אין יודישען שבת און אין יודישען יום־טוב
האָב איך געטהון מיט יודישע מיידלעך אַרבייטען און שאַפען
היינט איז מיר אויסגעקומען אויפ'ן שטערען איין האָרן.
אין יודישען שבת און אין יודישען יום־טוב
האָב איך געטהון מיט יודישע מיידלעך שפּינען און טווינען
היינט האָב איך ביים פאָטער־קעניג קיין גערעכטיגקייט ניט געפינען.
וואָס פאַר אַ שלעכטס און וואָס פאַר אַ בייז האָסטו, פרינץ המן,
פון מיר געקענט הערען
איך בין דאָך נאָך אַ יונגע פרוי קיין 18 יאָהר ניט אַלט זאָל איך
פון דער וועלט אומגעבראַכט ווערען!?

דעם שוואַרצען מיידעלס זיס קול פון דעם טרויעריגען ליעד גיסט זיך וועלוועלען אַריין אין זיין טיעפען האַרצען און פון דאָרטען צוגיסט עס זיך מהיה'דיג אין אַלע זיינע אברים און וועלוועל צווינגט זיך אויף זיין ברייט ווייכהאַרציג קול מיט המנ'ס ווערטער, וואָס ער ענטפערט ושתי'ן אין „פורים־שפּיעל":

פאַר דעם פאָטער־קעניג וועל איך לויפען טרעטען
און וויינען און בעטען
נאָר גאָט ווייסט צי דו וועסט דיין לעבען
אויסוויינען אָדער אויסבעטען.

וועלוועל זעצט אין אויבען אַ מצה נאָך אַ מצה, ער קערט איבער אַ מצה נאָך אַ מצה און בעמערקט ניט ווי צווישען די מצות, וואָס ער

שאַרט אַרויס פון אויבען געפינען זיך עטליכע פערברענטע און ער זינגט שוין ווייטער פון זיינע ליעדלעך:

שוואַרץ ביזטו שוואַרץ,
אָבער מיט חן
פאַר וועמען דו ביזט מאוס
פאַר מיר ביזטו שען.

און ווידער איז ביי וועלוועלען אַ פּאָר מצות פערברענט געוואָרען.

און וואָס אַ טאָג ווייטער האָט אָנגעהויבען ביי וועלוועלען מעהר פער־ברענט ווערען די מצות. בעל־הבית׳טעס האָבען זיך אָנגעהויבען קלאָגען אויף דעם בעקער, אַז די מצות וועט מען אין מויל ניט קענען נעהמען מעהר ווי האַלב פערברענטע, דער בעקער האָט אָנגעהויבען שרייען אויף וועלוועלען.

וועלוועל האָט זיך אָנגעהויבען פערשילטען די יאָהר און טעג פאַר וואָס די מצות ברענען ביי איהם, אָט דאַכט זיך קוקט ער גלייך אין אויבען און גיט אַכטונג די מצות זאָלען ניט צו ברענען, נאָר ער פיהלט ווי ניט ווייט פון איהם שטעהט דאָס שוואַרצע מיידעל מיט די קאַרשענע אויגען און ווידער ווערט אַ מצה פערברענט, אָט פערהערט ער זיך אין איהר זינגען און פערגעסט אַרויסצוהאַפּען אַ גאַנצע שורה מצות אין דער צייט און זיי ווערען פער׳שרפ׳ט.

די בעל־הבית׳טעס האָבען נאָך מעהר געשריען און אַ טהייל פון זיי האָבען געהאַפּט זייערע זעקלעך מעהל און אַוועקגעטראָגען צו איין אַנדער בעקער.

דער בעקער האָט אָנגעהויבען וועלוועלען שילטען, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען, די מצות האָבען ביי וועלוועלען ניט אויפגעהערט צו ברע־נען און ברענען ביז דער בעל־הבית איז אין כעס געוואָרען, אויסגעפּאַטשט וועלוועלען און איהם מיט זיינע שמאַטעס אַרויסגעוואָרפען און אויף וועל־וועלס אָרט געשטעלט איין אַנדער שיבער.

קיין אַנדער בעקער האָט וועלוועלען מעהר ניט געוואָלט צונעהמען און צו קיין אַנדער בעקער, וואו דאָס שוואַרצע מיידעל קאַטשעט ניט קיין מצות האָט וועלוועל ניט געוואָלט געהן, נאָר ער איז געשטאַנען פון דרויסען און געקוקט אין פענסטער, וואו דאָס שוואַרצע מיידעל איז געשטאַנען און געקאַטשעט מצות.

עס איז געקומען דער ליעבער יום־טוב פסח און אַלע זענען געגאַנגען יום־טוב׳דיג אָנגעטהון, נאָר וועלוועל איז אין דעם דאָזיגען יום־טוב גע־גאַנגען אין זיינע אַלטע צוריסענע קליידער, מיט אַלטע געלאַטעטע הינטער־

דיגע שטיוועל און מיט זיין אָבגעקראָכענעם קאַפּעליושעל אויף דעם קאָפּ.

אַ סך בעל־הבית'טעם האָבען דעם דאָזיגען פּסח געהאַט מעהר ווי אַ האַלב פערברענטע מצות און געשאָלטען וועלוולען, און וועלוועל האָט זיך אַליין אויך געשאָלטען די יאָהר און טעג, וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען אויף דער וועלט, וואָס טויג איהם זיין וועלט, אַז זיין האַרץ איז פערברענט נאָך דעם שוואַרצען מיידעל, וואָס ער זעהט שוין מעהר ניט איהרע קאַרשענע אויגען מיט איהרע שוואַרצע לאָקען און הערט זי שוין ניט מיט איהר זיס צוקערדיג מהיה'דיג קול, וואָס פלעגט דער־קוויקען אַלע זיינע אברים.

# ל״ג בעומר.

# אינהאלט:

ל״ג בעומר זײַט 101.

# ל"ג בעומר.

משה'לע איז נאָך זייט ער לעבּט ניט געווען אין גרינעם וועלדעל! זיצענדיג אויף דער פּריזבּע פון זיינע עלטערנס שטיבּעל, אָדער געהענדיג שבּת אין שוהל מיט דעם טאַטען, קוקט ער גאָר אין דער זייט, וואו דאָס שוואַרצע וועלדעל געפינט זיך אויף אַ בּאַרג, ניט ווייט פון שטעדטיל.

אַ צייט האָט ער גאָר ניט געוואוסט, וואָס די גרויסע שוואַרצע זאַך איז אַזוינס, נאָר איינמאָל, זומער פאַרנאַכט, זיצענדיג מיט זיין עלטער שוועסטערל געבּען דער שטוב, האָט ער זיך אויפגעהערט צו שפּיעלען, פערטראַכט זיך, קוקענדיג אויף דעם זומערדיגען הימעל, און דערנאָך זי געפרעגט: „וואָס זענען עס די פייערלעך, וואָס בּלישטשען איבער אונז?" „דאָס זענען שטערען" — האָט איהם די שוועסטער געענטפערט. די אייגענע שוועסטער האָט איהם אַמאָל אויך אָנגעוויזען אויף דער „לבנה" און אויף דער „זון".

— און אָט יענץ גרויס, שוואַרץ שטיק... העט, ווייט, ווייט — וואו דער הימעל ענדיגט זיך, וואָס איז? — האָט משה'לע אויך אַמאָל געפרעגט זיין שוועסטערל, אָנווייזענדיג מיט'ן פינגערל אין דער זייט פון וואַלד.

און זי האָט איהם דערצעהלט, אַז דאָס איז אַ שענער געדיכטער וואַלד, מיט אַסך גרינע בּוימער, אַז ער איז אינגאַנצען גרין; שוואַרץ זעהט ער נאָר אויס פון ווייטענס.

— זומער איז ער גרין, ווי דער מאַמעס גרינער שאַל, און ווינטער איז ער ווייס־גראָה, ווי דעם זיידענס לאַנגע בּאָרד, — האָט איהם די שוועסטער פערטייטשט.

פון דענסטמאָל אָן האָט זיך משה'לע אָפּטער און בּעסער צוגע-

קוקט צו דער זײַט, וואו דאָס וועלדעל געפינט זיך. פאַרנאַכט האָט ער אָפט געזעהן, ווי דאָרט צווישען די בוימער האָט געברענט אַ פײַער פון אַלערליי קאָליערען: רויט, בלוי און אַמאָל גרין. און אויף דעם גרויסען שטיק הימעל, וואָס בעדעקט דעם וואַלד, ברענט נאָך אַ גרע־סער פײַער. נאָר — אַזוי שען, אַזוי שען, מיט אַזוינע לאַנגע, ברייטע, פײַערדיגע פאַסען... און דער וואונדערליכער שענער וואַלד ווערט קיינ־מאָל ניט פערברענט! אַז עס ווערט נאַכט, ווערט ער שוואַרץ, ווי אַנ־אָבגעברענט שטיק האָלץ און מאָרגען איז ער ווייטער גרין, ווי אַלע טעג.

צו זיין גרויס פערוואונדערונג האָט איהם די שוועסטער ערקלערט, אַז דער וואַלד ברענט גאָר קיינמאָל ניט, אַז עס איז דאָרט גאָר קיין פײַער נישטאָ, נאָר די זון זעצט זיך דאָרט. משה׳לע האָט איהר אַזאַ זאַך נישט געוואָלט גלויבען, כל־זמן ער וועט אַליין ניט זיין בײַ׳ם וועל־דעל, און דאָס אַליין מיט זיינע אויגען נישט זעהן, און זיין יונג האַרץ האָט אָנגעהויבען צאַפּלען און ציהען זיך צום וועלדעל!

און וויפיעל מאָל ער האָט זיך אַלץ נישט געבעטען, מען זאָל איהם צו׳ם וועלדעל פיהרען, האָט ער בעקומען אַלץ איין ענטפער, אַז אם־ירצה־השם נאָך פסח, ווען ער וועט אָנהויבען געהן אין חדר אַרײַן, וועט ער ל״ג בעומר אַהין פאָהרען מיט אַלע יונגלעך...

האָטש „אין חדר געהן" האָט איהם גאָרנישט געשמעקט, פונדעסט־וועגען, האָט ער קוים דערלעבט דעם „נאָך־פסח", ווען דער בעהעלפער איז געקומען און איהם דאָס ערשטע מאָל געפיהרט אין חדר אַרײַן.

אין חדר איז איהם געווען דושנע, ענג, היים; דאָרט איז געוועזען אַ בעזער רבי, וואָס שלאָגט; אַ רביצין, וואָס שעלט; אַ „בעלפער", וואָס קנײַפּט אין דער שטיל... עס איז ניט אַזוי גוט געווען. עס זענען געווען טעג, ווען ער האָט שוין מעהר נישט געוואָלט געהן, נאָר עס האָט שוין ניט געהאָלפען; מען האָט איהם שוין מיט געוואַלט געשלעפּט. איין איינ־ציגע טרייסט, איין האָפנונג איז געווען, וואָס באַלד וועט זיין ל״ג בעומר.

די עלטערע חדר־קינדער האָבען איהם שוין עטליכע מאָל דערצעהלט, אַז פאַר־אַ־יאָהרען זענען זיי אַלע צוזאַמען מיט דעם רבי׳ן און מיט דעם „בעלפער" אויף איין וואָגען געפאָהרען צו׳ם וועלדעל „אויף ל״ג בעומר". יעדען האָט דער „בעלפער" געגעבען אַ פײַל־און־בויגען צו׳ם שיעסען, און אַז דאָרט איז אַזוי שען און גוט! מען לויפט אַרום פרײַ, מען קאָלערט זיך אין הויכען גראָז, מען האַלט מלחמה, מען האַפּט „משה רבינו׳ס פערדלעך"; מען טהוט, וואָס מען וויל; דער רבי שרײַט ניט, דער „בעלפער" שלאָגט ניט, קיינער שטערט ניט — מען איז פרײַ!...

און מען עסט נאָך אַרבעס מיט אייער און מען טרינקט עפּעל־קוואַס.

---

און משה׳לע האָט נישט געהאַפּט אומזיסט: ל״ג בעומר אין דער־פריה איז טאַקי דער בעהעלפער געקומען מיט עטליכע פייל־און־בויגענס, געגעבען איהם איינעם, די מאַמע האָט מיטגעגעבען צוויי אייער, אַ פלאַש קוואַס און אַ פולען טעלער אַרבעס. דער בעהעלפער איז געוועזען זעהר גוט צו איהם, און, פיהרענדיג איהם אין חדר אַריין, האָט ער איהם עטליכע מאָל מיט אַ וויך קול געזאָגט: „משה׳לע, היינט וועלען מיר פאָהרען אויף „ל״ג בעומר״.

אין צוויי שעה אַרום, ווען די קינדער מיט די פלעשער קוואַס און די בינטלעך עסען אין די הענד, זענען שוין אַלע געווען אין חדר, איז מיט אַ רעש, מיט אַ הילעכערייַ און אַ געקלאַפּערייַ צוגעפאָהרען בעלם וועגעלע מיט זיין הינקענדיגער ווייסער שקאַפּע, מיט וועלכער ער פיהרט אַ גאַנץ יאָהר ווייץ און מעהל. די קינדער האָבען זיך ווי די פליעגען צוגעהאַפּט צו׳ם וועגעלע, אַלע ווילען זיצען נעהענטער צו דער קעלניע, ווייל זיצענדיג נאָהענט צו דער שקאַפּע, וועט מען קענען האַלטען אַביסעל די לייצען אָדער די בייטש. נאָר די קעלניע האָט פערהאַפּט דער בעהעלפער אַליין, מיט צוויי דרייַ עלטער־געוואַקסענע קינדער, און די שוואַכע זענען געבליבען געפּאַקט אין וואָגען, ווי הערינג אין אַ פּעסעל, אַזוי, אַז אַסך פיסלעך זענען אַראָבגעהאַנגען פון וואָגען. עס האָט געקוועטשט און געבראָכען די יונגע ביינדעלעך פון אַלע זייטען, נאָר עס איז פאָרט געווען גוט און פרעהליך. צו דער גרויסער ענגשאַפט האָט זיך נאָך דער רבי אַרייַנגעזעצט אין מיטען, און עס איז געוואָרען נאָך פרעהליכער, האָטש דעם רבי׳נס צופלאָנטעטע באָרד האָט אַלע קינדער אַרום געשטאָכען אין די אייגעלעך.

נאָך דעם, אַז בערעל האָט איבערגעבונדען די שמאַטעס אויף די פאָדער־פיס פון דער שקאַפּע, האָט ער איבערגענומען אין זיין רשות אַלע פלעשער קוואַס מיט דעם גאַנצען עסענוואַרג. קיין פּלאַץ איז פאַר איהם אויף דער פוהר ניט געבליבען, און ער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן דרענגעל ביי דער אונטערשטער אַקס, מיט די פלייצעס צו די פאַרשוינען.

— פאָהר! האָט בערעל קאָמאַנדירט און באַלד זיך גענומען עסען פון די פעקלעך און טרינקען פון די פלעשער.

— וויאַ! — האָט אַ געשריי געטהון דער בעהעלפער מיט די קינדער אין איין קול. דאָס וועגעלע האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען און משה'לע דער יונגסטער, דער שוואַכסטער צווישען אַלע, איז געזעסען ווי דער-שטיקט געבען רבי'ן און ביי יעדען טרייסעל פון וועגעלע האָט זיך זיין קאָפּעל געשאָקעלט, אַ צייהנדעל אויף אַ צייהנדעל האָט געקלאַפּט; אַנ-דערע איז אויך נישט פיעל בעסער געווען; עס האָט זיך אַלע רגע געהערט אַנ'אַנדער „אוי", נאָר מען איז באַלד דערצו געוואָהנט געוואָרען און פרעהליך מיט אַ געפּילדער, ווי פון אַ וואָגען מיט גענז, האָט מען זיך ווייטער געטרייסעלט, מיט דעם געדאַנק, אַז מען וועט פאָרט אַמאָל קומען צום טייערען וועלדעל, וואו עס איז אַזוי שען, גרין, פריי, און דער רבי מיט דעם בעהעלפער וועלען ניט זיין בייז און גאָר ניט זאָגען — ניט שטערען די פרייהייט. —

און האָטש פון יעדען טרייסעל האָט דעם רבי'נס באָרד גלייך גע-טראָפען אין משה'לעס פּנים, אַמאָל אין די אויגען און געשטאָכען, האָט ער דענסטמאָל דעם רבי'ן אַזוי ליעב בעקומען, אַז ער האָט זיך געטוליעט צו איהם וואָס נעהענטער — אַזוי איז דער רבי גוט געווען צו איהם און צו אַלע קינדער.

* *
*

מען איז שוין דורכגעפאָהרען דעם מאַרק, די גאַס, וואו די שוהל געפינט זיך; אָט איז מען שוין ביי'ם מרחץ, און אָט איז מען שוין אויף דער וויינער בריק. עס טרייסעלט ווינציגער, עס ווערט אַלע מאָל בעסער און נעהענטער צום וועלדעל; מען איז שוין אויף יענער זייט טייך, מען זעהט שוין אַרוים דעם בית-עולם מיט די מצבות און אַביסעל ווייטער — דאָס וועלדעל. נאָר... פּלוצלונג האָט זיך די זון בעהאַלטען: מיט גרוים שרעק האָבען די יונגע פאַרשוינען ערשט איצטער בעמערקט דעם פערוואָלקענטען הימעל, און נאָך איידער זיי זענען אַריבער דעם בית-עולם, האָט אָנגעהויבען בליצען און גיסען אַ שלאַגס-רעגען.

* *
*

קוים לעבענדיגע, ווי אָבגעצוואָגענע קעצלעך, האָבען זיך אַלע אַריינ-געהאַפּט אין שטיבעל פון קברות-יוד, איבערצוואַרטען דעם רעגען. מען

ווארט און מען ווארט און מען קאן זיך נישט דערווארטען, דער שלאגס־רעגען הערט נישט אויף.

בערעל האט זיין שקאפע אינגאנצען געלאזט אויף הפקר, און, זייענדיג אין א ווינקעל, איז ער אליין געווען פערנומען מיט די קינדערס פעקלעך עסען און טרינקען. דער בעהעלפער האט זיך אויך צוגערוקט צו איהם.

— קינדער! טאמער ווילט איהר עפעס עסען? — האט געפרעגט דער רבי.

אייניגע האבען געענטפערט שטיל און טרויריג: „ניין", אנדערע האבען גאר געשוויגען; די מיילעכלעך האבען זיך ביי זיי ניט געעפענט צום עסען.

א פאר עלטערע קינדער צוזאמען מיט דעם רבי'ן האבען זיך דאך צוגערוקט צו בערלען מיט דעם בעהעלפער, נאר משה'לע מיט די איבריגע, קלענערע קינדער האבען זיך ניט אבגעריסען פון פענסטער, קוקענדיג מיט טרויריגע פנימ'לעך, ווי דער רעגען גיסט און גיסט, און פאטשט אין קליינעם פענסטער'ל פון קברות־יוד'ס שטיבעל.

ערשט שפעט פארנאכט האט דער רעגען אויפגעהערט, אין דרויסען איז געווען נאס און טונקעל, מען האט צוריק איינגעפאקט די קינדער אין בערעלס וועגעלע און שטיל שוין, אהן געפילדער, האט די מידע שקאפע קוים דערשלעפט די מידע, האלב־פערשלאפענע קינדער דורך דער בלאטע אין שטעדטיל אריין.

* *
*

אין דערפריה, ווען משה'לע האט זיך אויפגעהאפט פון שלאף, האבען שוין די שטראהלען פון דער זון געשפיעלט זיך אויף זיין בעטעל, ער האט זיך פרעהליך און לעבענדיג א ווארף געטהון צום פענסטער און ווייטער דערזעהן דאס וועלדעל.

— אה, איצטער, איצטער איז דארט אזוי שען! עס וואלט ציינדערט דארטען געווען אזוי גוט, אזוי פריי, — האט ער מיט פרייד אויסגעשריגען. נאר באלד איז אנגעקומען דער בעהעלפער, בייז, ווי א גאנץ יאהר, און, ניט פרעגענדיג ביי איהם, האט ער איהם מיט געוואלד אנגעטהון.

משה'לען האבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, אין האלז

האָט איהם אָנגעהויבען שטיקען, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געוויין.

— וואָס האָסט דו זיך צוהליפּעט? — האָט דער בעהעלפער אַ געשריי געטהון — האָסט נעכטען נאָך קאַרג געהוליעט? און שוין ווילסט דו ווייטער ניט געהן אין חדר?

און משה׳לע איז שוין ווייטער אין חדר, וואו דער רבי איז שוין ווידער בייז, די רבי׳צין שעלט, דער בעהעלפער קנייפּט און צו „ל״ג בעומר” איז נאָך אַזוי ווייט... עס איז אַזוי לאַנג צו וואַרטען צו דער גוטער, פרייער מינוט!

---



# שבועות.

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| גרינם אַלם שדכן | זייט 109. |
| אַביסעלע גרינם | " 113. |
| אַ יום־טוב'דיגער שפּאַציר | " 120. |
| נאָך גרינם | " 126. |
| אַ מילכיגע סעודה | " 132. |



# גרינם אלם שדכן.

הירשעלע, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר 20, איז בײַ ר' לײבוש פּעסע'ס אין הויז אַ היימישער. מען האָט איהם דאָרטען ליעב, ווי אַן אײגענעם קינד און פּעסע'ס טאָכטער — אַ פרײלין פון אַ יאָהר 19 — האָט'ן ליעב, ווי „אַן'אײגענעם ברודער". זי זאָגט עס איהם גאַנץ אָפט און אָפענהערציג, און דאָך איז הירשעלע שוין אַ יאָהר צײַט שטענדיג טרויריג און פערזאָרגט. ער זעהט אויס קרענקליך און בלאַס.

און אַז זי פרעגט איהם, פאַרוואָס ער זעהט אויס אַזוי שלעכט, פאַרוואָס איז ער שטענדיג אַזוי פערטראַכט און דערווײַטערט זיך פון מענשען, פאַרוואָס ער רעדט נישט מיט איהר אַזוי פרעהליך, ווי אַמאָל, ווי ערשט מיט אַ יאָהר צוריק? — ענטפערט ער איהר, אַז דאָס טאַקי איז דערפאַר, ווײַל זי, פײגעלע, האָט איהם ליעב ווי אַ ברודער.

— האַ-האַ-האַ! — צולאַכט זיך פײגעלע — וואָס דען ווילסט דו — איך זאָל דיך פײַנד האָבען?

— ניין! איך וויל, דו זאָלסט מיך ליעב האָבען, נאָר נישט ווי אַ ברודער!

ווי אַזוי דען? — צולאַכט זיך פײגעלע נאָך שטאַרקער.

— ווי אַ חתן — ענטפערט ער ערנסט און ווי אַ ביסעל פערטראַכט — ווײַל איך האָב דיך ליעב, ווי אַ כלה!

אײנמאָל האָט ער איהר דערצעהלט, אַז זײַנע עלטערן האָבען איהם געהײסען רעדען שדוכים, און מען רעדט איהם; נאָר ער וויל נישט הערען און ווייסען; נאָר ווען זי, פײגעלע, זאָל איהם זאָגען, אַז זי האָט איהם

ליעב נישט ווי קיין ברודער, וואלט ער געבעטען א שדכן, ער זאל אנ־שלאגען א שדוך מיט איהר.

פייגעלע האט זיך ווייטער צולאכט. זי האט איהם געזאגט, אז ער איז „א נארעלע“, און הירשעל איז אוועקגעגאנגען פון איהר מיט אנ׳א־ראבגעלאזטען קאפ און אנ׳אומגליקליך, צובראכען הארץ. און, הגם ער האט נישט אויפגעהערט צו זיין א היימישער אין הויז, רעדט ער שוין מעהר ניט דערפון, און ווערט אלץ טרויעריגער און שווייגענדיגער.

זי האט איהם דאך נישט געקענט אנדערש ענטפערן. איהר האט מען שוין אויך גערעדט שדוכים און מיט אסך בעסערע התנים. און, ווי שדכנים זאגען, איז איינער גאר וואויל! „ער איז שען און געלערנט, ווי די וועלט! ער רעדט און שרייבט אויף עטליכע שפראך: אפילו דייטש און פראנצעזיש! אין יודישע זאכען איז ער אדאי געלערנט! ער האט שוין אפילו אמאל געשריבען אין א גאזעטע; זיין נאמען איז געדרוקט אין א בלאט! אז ווען מען וועט זיך, אם־ירצה־השם, אויסגלייכען וועגען נדן, וועט מען זיך צוזאמענפאהרען אויף דער סטאנציע קאזאטין, וואו אלע באהנען קומען זיך צוזאמען. מען זאגט, אז דער קאזאטינער וואגזאל איז זעלטען שען! בעלייכט איז ער מיט עלעקטריש פייער, און — אויב עס איז מן־השמים, און חתן־כלה וועלען זיך געפעלען, וועט דער חתן מיט די מחותנים קומען אהער און מען וועט מאכען תנאים“.

זי שטעלט זיך פאר, ווי אזוי דאס שטעדטיל וועט קאכען, אז איהר חתן וועט אנקומען מיט א פאראד! אלע וועלען לויפען, איינער דעם אנדערן וועט איבעריאגען, יעדערער וויל פריהער זעהן פייגעלע׳ס חתן, און יעדערער וועט סמאטשקען מיט די ליפען פון גרויס פערוואונדערונג: „נו, א חתן — א חתן! האט עס אונזער פייגעלע בעקומען א חתן! פראסט א גליק!“

דערנאך, אויף יום־טוב, וועט מען די כלה נעהמען אויף די „צווייטע טעג“ אהין, צום חתן, אין שטעדטיל אריין! הײנט, וואס וועט זיך דארט טהון, אז זי וועט קומען!

איהר פאנטאזיע האט נישט אויפגעהערט צו שפיעלען! זי וועט א כלה ווערען; מען וועט פאהרען אהין, מען וועט פאהרען אהער, דער חתן וועט בעגלייטען! נייע מענשען, א נייע וועלט, מען וועט זי בע־געגנען... אפשר מיט מוזיק! און זי וועט זיין אנ׳אמת׳ע, גליקליכע כלה! הײנט — אז זי וועט התונה האבען! אז זי וועט זיין א שנור אין א נייע שטאדט! וואס וועט זיך דענסטמאל טהון!

— און דא קומט פלוצלונג הירשעל! א געלעכטער כ׳לעבען! וואס

איז הירשעלע? אמת, זיינע עלטערן זענען אויך בעלי־בתים, איהרע עלטערן וואָלט אָנשטעהן דער שדוך; דאָס איז אויך אמת, אז הירשעל איז א וואוילער יונגער מאַן. אָבער, וואָס איז הירשעל? ווער קען נישט הירשעלען אין גאַנצען שטעדטיל? „פאַר וועמען איז פייגעלע א כלה געוואָרען?" — „פאַר הירשלען!" האַ־האַ־האַ! קיין קאַטאָוועס נישט! מען דאַרף אפילו נישט געהן פייגעלע'ס חתן אָנקוקען, וואָרום — ווער קען איהם נישט? דאַכט זיך, אז אפילו אַ קינד אין וויעג! נו — און נאָך דעם וואָס וועט זיין? נאָך די תנאים, מיין איך? — גאָרנישט! און נאָך דער חתונה? — ווייטער גאָרנישט! דער אייגענער הירשעלע, דאָס אייגענע שטעדטיל, די אייגענע טאַטע־מאַמע, אַלץ דאָס אייגענע, ווי מיידעלוויין! קיין שום פערענדערונג! היינט צו וואָס טויג מיר אזא כלה־ווערען? נאָך וואָס חתונה האָבען? איז נישט אַ געלעכטער? אַ פראָסט נאַרעלע איז אָט דער הירשעל, אַז ער וויל, איך זאָל זיין כלה ווערען!

* *
*

עס איז אַוועק אַ זומער, אַ ווינטער, עס איז ווייטער זומער; פסח איז אַריבער, און אָט איז ערב־שבועות! — מענער קויפען תקונים'לעך, ווייבער באַקען פוטער־געבעקס און יונגע־לייט זוכען לכבוד יום־טוב אויסצופוצען די „סטעליעס" מיט די פענסטער.

הירשעל איז אויך פערנומען מיט גרינס. זיין היים איז שוין פערזאָרגט, נאָר ער דאַרף נאָך ר' לייבוש פעסע'ס הויז פערפוצען. עס זענען דאָרט קיין יונגע לייט נישטאָ, און ער איז דאָך אַ היימישער! און פייגעלע — ווייסט ער — האָט זעהר ליעב גרינס און נאָך מעהר — פרישע שמעקענדיגע בלומען.

היינט האָט ער כמעט פערגעסען, „ווי אַזוי פייגעלע האָט איהם ליעב"; ער האָט קיין צייט נישט געהאַט וועגען דעם צו טראַכטען. ער האָט נאָר געדענקט, אַז עס געהט אַ יום־טוב, און ער וועט מעהר צייט האָבען צו רעדען מיט איהר, צו קוקען אויף איהר!

באַלד פריה־מאָרגען איז ער אַריין צו ר' לייבוש פעסע'ס אין שטוב מיט אַ פול קיישעל גרינס און בלומען.

דערזעהענדיג הירשלען מיט'ן קיישעל גרינס און בלומען איז פייגעלע אַנגענעהם איבערראַשט געוואָרען און האָט איהם בעגריסט מיט אַ זעהר ליעבליכען שמייכעל, אַז איהם איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען.

— אַח בלומען! האָט פּייגעלע געפּאַטשט מיט איהרע ווייסע הענדטלעך, און איהרע אויגען זענען פון פרייד גרעסער און שטראַהלענדיגער גע-וואָרען, אַח, וואָס פאַר אַ וואוילער ביסט דו, הירשעלע!

און הירשעלע האָט זיך מיט אַ בעזונדערן פלייס און לוסט גענומען צו בעפּוצען מיט גרינס דאָס צימער. ער האָט געאַרבייט בעגייסטערט, ווי אַן אֶמת'ער קינסטלער, די אויגען האָבען איהם מאָדנע שען געבליש-טשעט, אויף די בלאַסע באַקען האָבען זיך בעוויזען צוויי רויטליכע רוי-זען, און פלעכטענדיג דעם „מגן-דוד", האָט ער זיך צוגעזונגען אַ זיס פרעהליך נגונ'דעל.

פּייגעלע האָט די גאַנצע צייט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער אַרבייט און פון דעם קינסטלער זעלבסט.

אַז ער האָט געענדיגט, האָבען זיי זיך ביידע אַנידערגעשטעלט פון ווייטענס בעטראַכטען דעם שען אויסגעציערטען ריזיגען מגן-דוד, פון וועל-כען פּייגעלע איז אַזוי בעגייסטערט געוואָרען, אַז זי האָט אומגעטראַכט, שווייגענדיג, אַרומגענומען הירשעלען און צוגעדריקט צו זיך...

— מיין וואוילער, גוטער, שענער הירשעל! — האָט זי מיט פרייד אויסגעשריגען!

הירשעלע האָט אַ ציטער געטהון, און דער ערשטער קוש האָט אויסגעשאָסען...

---

פון דענסטמאָל אָן האָט זי איהם ליעב געקריגען אַ נ ד ע ר ש ווי אַ ברודער.



# א ביסעלע גרינס.

## I.

יעדעם מאל ארום שבועות־צייט, ווען איך פאהר ארויס פון שטאדט און איך זעה פאר מיר ווי די פעלדער און וועלדער זענען גרין און עס ווייזט זיך מיר אויס, אז איך שווים אין א ים גרינס, — דערמאן איך זיך, וויפיעל לעבען און געזונד פלעגט מיך אבקאסטען א ביסעלע גרינס, וואס איך האב בעדארפט האבען אויף שבועות! ווי טייער פלעג איך בעצאהלען פאר אט דעם גרינס.

ביי אונז אין שטעדטיל איז קיין גרינס נישטא, אחוץ דעם קסיאנדז'ס גרויסען גארטען, וועלכער איז געוועזען ארומגענומען מיט אזא הויכען שטיינערנעם פארקאן, אז עס איז אונמעגליך געוועזען אין איהם אריינ־צוקריכען, נאר די גרינע קעפלעך פון די בוימער פלעגען ווי לאכענדיגע שענע מיידלעך אראבקוקען צו אונז פון דער הויך און זיך גערייצט מיט אונז, אז דאס הארץ פלעגט צופיקעט ווערען, קוקענדיג אויף זייער שענ־קייט און פיהלענדיג זייער גוטען ריח.

אחוץ דעם קסיאנדז'ס גארטען, האט זיך ניט וויט פון אונזער הדר אויפ'ן פלאץ געפונען אנ'אלטער בוים, וועלכער איז מיט קיין זאך ניט געוועזען ארומגעצוימט.

ער איז זיך געשטאנען איינער אליין פראנק און פריי און יעדער האט געקאנט צו איהם צוגעהן.

ער איז געוועזען שטארקער פון אייזען, אז ער האט פון אונז, הדר־יונגלעך, געקאנט אויסהאלטען. גליעדער־ווייז האבען מיר איהם געריסען

ביז־וואַנען אונזערע הענגטלעך האָבען נאָר געקאָנט דערלאַנגען, ביז־וואַנען מיר האָבען זיך נאָר געקאָנט אויף איהם אַרויפדראַפּען... אַחוץ אונז האָבען איהם געלעקט די ציגען און אַלערליי בהמות און פערד פלעגען זיך רייבען אָן זיין רוקען.

קיין גיהנום האָט דער בוים שוין ניט בעדאַרפט אויסשטעהן, אַווי פיעל אים ער פון אונז אַלע אויסגעשטאַנען!

אַ ל ײ ן איז ער געשטאַנען, ווי אַנ׳אָבגעפליקטע כפרה מיט אויס־געריסענע שטיקער ביז אין זיין האַרצ׳ען, זיינע עטליכע צווייגען, וואָס האָבען זיך געצויגען פון איהם גאַנץ הויך, האָבען אויסגעזעהן, ווי אַ צושויבערטע יודישע דיענסט ערב־שבת, ווען זי איז פערנומען מיט דעם טשאָלענט־ריקען און מיט דעם אויפרוימען לכבוד־שבת...

קיין גאַנץ אבר האָט זיך אין איהם ניט געפונען און ער האָט אויס־געזעהן ווי אַנ׳אַלטער־מאַן, וועלכער האָט שוין ניט איין האָר אויפ׳ן קאָפּ. און קוקענדיג אויף זיינע געצעהלטע אויבערשטע צווייגען פלעגט זיך אויס־ווייזען, אַז קיינמאָל וועט אויף זיי ניט אויסוואַקסען קיין גרין בלעטעל.

ווי עס האָט זיך, אָבער, נאָר אָנגעהויבען דער נאָך־פסח, איידער וואָס, איידער ווען, איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, פלעגט זיך דער אַלטעטשקער אויספוצען, ווי איינער, וואָס קלויבט זיך אויף דער עלטער התונה־האָבען פאַר אַ יונג מיידעל...

אויף זיינע פערטריקענטע, אומגעלומפערטע, צעשויבערטע צווייגען פלעגען זיך בעווייזען יונגע בלעטלעך און אין די הייסע שבת׳דיגע טעג פלעגט מען פון די נאָהענטע הייזלעך קומען מיט קישענס זיך צולעגען געבען זיינע פיס און קיהלען זיך אונטער זיינע דריטהאַלבען צווייגען.

ווי עס איז, אָבער, געקומען נאָהענט צו ש ב ו ע ו ת, האָט זיך שוין אויף איהם קיין בלעטעל ניט געפונען. עס זענען געווען גרעסערע בריות פון מיר און האָבען זיך אַרויפגעדראַפּעט העכער ווי איך האָב געקאָנט, און מיר איז ניט געבליבען קיין גאַנץ גרין בלעטעל איך זאָל האָבען מיט וואָס אויסצוקלעפּען אויף שבועות די פענסטער פון אונזער שטוב.

---

## II.

איך האָב געוואוסט, אַז אַחוץ דעם בוים, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון מיין חדר, איז נאָך דאָ אויף דער וועלט אַסך ביימער

מיט אַסך גרינע בלעטער, נאָר אַהין „אויף דער וועלט״, דאָס הייסט הינטערן שטאָדט, וואו נעבען יעדען שטיבעל איז דאָ אַסך בוימער מיט אַסך גרינס, האָב איך מורא געהאַט צו געהן: דאָרטען איז דאָ אַסך שקצים׳לעך און אַסך הינד, און איך אַליין בין אַזאַ קליינינקער, אַזאַ שוואַכער, ווי אַזוי קען איך זיך ראַנגלען מיט זיי אַלע? און איך פלעג זיך טראַכטען: רבונו של עולם! ווען דו זאָלסט מיך מאַכען אַזוי שטאַרק ווי שמשון הגבור אָדער אַ בר־כוכבא — וואָלט איך אַוועק הינטערן שטאָדט און וואָלט זיך אַיינער אַליין געשלאָגען מיט דער גאַנצער מחנה שקצים און הינד, איך וואָלט זיי גובר געוועזען און מיט אַפולע פאָלע גרינס און מיט בלומען וואָלט איך געקומען אַהיים און וואָלט אויף שבועות אויסגעפּוצט די פענסטער, דעם סופיט און די וועגד מיט אַזוי פיעל גרינס, אַזוי פיעל, אַז אַלע וואָלטען זיך געוואונדערט אויף מיין בריה׳שאַפט.

נאָר גאָט האָט ניט געוואָלט צוהערען מיין געבעט און איך פיהל מיך אַזוי שוואַך ווי פריהער, נאָר מיין האַרץ, מיין האַרץ ציהט מיך ווי מיט צוואַנגען אַהין, אַהין, — הינטער דער שטאָדט, וואו ס׳איז דאָ אַזוי פיעל גרינס; און וואָס אַרט עס ווען, אַז איך וועל אויך נעהמען אַ ביסעלע, האָטש אַ קליין ביסעלע איינמאָל אין יאָהר אויף שבועות?

איך וועל נעהמען, טראַכט איך זיך, מיין קליין שטעקעלע.

און אַזוי טראַכטענדיג, נעהם איך מיין שטעקעלע, מאַך מיט דעם פּראָבעס. איך ביג עס, עס צובּרעכט זיך ניט, עס ביגט זיך נאָר אַזוי, ווייל עס איז אַ גוט שטעקעלע, אַ שטאַרק שטעקעלע! איך וועל געהן, טראַכט איך זיך ווייטער, הינטערן שטאָדט, איך וועל זיי בעטען מיט גוטען, איך וועל זיי דערצעהלען, אַז ביי אונז איז אַ יום־טוב, וואָס מען דאַרף צו איהם האָבען גרינס, האָטש אַ ביסעלע וועל איך בעטען ביי זיי, זיי וועלען מיר ניט אָבזאָגען, וואָס אַרט עס זיי? קאַרג גרינס האָבען זיי?

נאָר באַלד שטעלט זיך מיר פאָר, ווי די שקצים מיט די גרויסע הינד פאַלען אָן אויף מיר באַלד ווי מען דערזעהט מיך נאָר פון דערווייטענס.

און איך האָב אַזוי מורא פאַר הינד און פאַר אַ שייגעצעל.

און אַז איך דערמאַן זיך נאָר אָן זיי, ווער איך בלאַס און הויב אָן צו ציטערען. וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? באַלד איז שבועות און קיין איינציג גרין בלעטעל האָב איך ניט. אַלע אין שטוב וועלען נאָר פון מיר לאַכען. ביי אַלע יונגלעך אין שטוב וועט זיין גרינס און ביי אונז ניט.

— אַ שען יונגעל, אַפילו קיין גרינס אויף שבועות האָט ער ניט געקענט

ברענגגען!— וועלען מיינע שוועסטערלעך פון מיר לאכען.

— א שענער מאנסביל אין שטוב!— וועט די מאמע פון מיר הוזק מאכען — דער טאטע, וואס איז אזוי שטענדיג פערנומען, זאל זיך אפשר אבגעבען מיט דעם גרינם?

עס איז ביי מיר געבליבען, געהן מיט מיין שטארק שטעקעלע הינטער'ן שטאדט.

— ניש-קשה,— טראכט איך מיר, מיין שטעקעל איז שטארק, אז איך וועל געבען מיט דעם א קלאפ א הונד, וועט ער גוט פיהלען, ער וועט זיך— הא, הא— צוקוויטשען און ענטלויפען, און די שקצים'לעך וועלען אויך מורא האבען פאר מיין שטעקעלע, און אז זיי וועלען אנפאלען אויף מיר וועל איך זיי געבען אזא קלאפ, אזא קלאפ, אז זיי וועלען מיך געדענקען.

איך האב אנגעהויבען אין דער לופט צו פאכען מיט מיין שטעקעלע.— א טייער שטעקעלע, א שטארקס.

און איך האב זיך בעת מעשה געפיהלט אזוי מוטיג און שטארק. איך האב זיך דערמאנט אין דוד המלך ווען ער איז נאך יונג און א קליינינקער געוועזען און פונדעסטוועגען האט ער קיין מורא ניט געהאט פאר דעם גרויסען יארגעלעס גלית הפלשתי און האט איהם ביינעקומען.

---

### III.

שטאלץ און שטארק ביי זיך, האב איך זיך געלאזט ארויסגעהן הינטער דער שטאדט. אין דער האנד האב איך פעסט געהאלטען מיין שטע-קעלע און טראכט מיר: אנו, זאל זיך מיר נאר איצטער אונטער דער האנד א דרעה טהון א הונד, אדער א שייגעצעל, איך וועל זיי שוין געבען, זיי וואלטען שוין דערפיהלט!...

וואס ווייטער האב איך זיך געפיהלט שטארקער און עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז א גאנצע מהנה מיט הינד און שקצים'לעך וואלט איך איצט אוועקגעלעגט, איך וואלט מיט מיין שטעקעלע דערלאנג רעכטס, לינקס, פון פארענט און פון הינטען, און בעת מעשה האב איך געפאכט מיט מיין שטעקעלע אויף אלע פיער זייטען.

באלד אבער ווי איך האב שוין דאס שטעדטעל איבערגעלאזט הינטער זיך, איבערגעגאנגען שוין דאס בריקעל, וואס האט זיך געצויגען איבער אונזער

טײַכעל, און האָב פֿון דערװײַטען דערזעהן די גױישע שטיבלעך, װעלכע זענען אײַנגעטונקען אין גרינס, האָב איך אָנגעהױבען פֿיהלען, װי מײַן שטעקעלע האַלט זיך שװאַך אין מײַן האַנד, דאָס האַרץ האָט אָנגעהױבען קלאַפּען װי אַ זײגער, און אַ קאַלטער שװײס האָט אָנגעהױבען בּעדעקען מײַן פּנים.

אין מײַן קאָפּ האָט זיך שױן אָנגעהױבען דרעהען מחשבות: אפשר װאָלט איך געגאַנגען צוריק אײדער אַ הונד אָדער אַ שײגעצעל האָט מיך דערזעהן, נאָר נײן, װער טשעפּעט מיך דען? עס איז דאָ אַזױ שטיל, אַזױ שען, אַזױ פֿיעל גרינס, איך װעל נאָר פֿון ערגעץ אָפּרײַסען אַבּיסעלע און װעל געהן אַהײם.

און אַזױ װי איך טראַכט, איז אַרױסגעשפּרונגען פֿון אונטער אַ פּלאָט אַ קלײן שײגעצעל, נאָך קלענער פֿון מיר, מיט אַ לאַנגען פּרוט אין דער האַנד און נאָך איהם אַ הונד.

— אַ־הו, אַ־הו זשידעק, אַ־הו, אַ־הו! האָט ער אָנגעהױבען רײצען אױף מיר דעם הונד.

איך האָב אָנגעהױבען שרײַען געװאַלד און איך האָב זיך אַזױ דער־שראָקען, אַז איך בּין געבּליבען שטעהן װי אַ געלעהמטער אױף אײן אָרט, נאָר װען דער הונד האָט מיך אָנגעהאַפּט בּײַ דער פּאָלע, האָב איך איהם געגעבען אַ קלאַפּ מיט מײַן שטעקעלע, ער האָט געגעבען אַ קװיטש און איך האָב אָנגעהױבען לױפֿען.

דאָס שײגעצעל איז מיר נאָכגעלאָפֿען און אױסגעהאַפּט בּײַ מיר דאָס שטעקעלע... בּאַלד נאָך איהם זענען אַרױסגעלאָפֿען נאָך הינד מיט שקצים. איך האָב שרעקליך אָנגעהױבען שרײַען, די פֿיס האָבען זיך מיר אונטערגעהאַקט און איך בּין געפֿאַלען אױף דער ערד...

פּלוצים האָב איך צװישען די שקצים דערזעהן מײַנעם אַ בּעקאַנטען שײגעצעל, יאַשקע, װאָס פּלעגט װינטער־צײַט אַ מאָל קומען צו אונז מיט זײַן מאַמען הײצען בּײַ אונז דעם אױװען. און איך פּלעג איהם אַ מאָל געבען אַ שטיקעל חלה פֿון מײַן איבּערבּײַסען.

— יאַשקע! — האָב איך אָנגעהױבען שרײַען ניט מיט מײַן קול — יאַשקע! שלאָג מיך ניט, פֿערטרײַב די הינד, איך װיל דיר נאָר עפּעס זאָגען: אײן װאָרט װיל איך דיר נאָר זאָגען...

יאַשקע האָט אײַנגעשטילט די הינד און אָבּגעהאַלטען די שקצים.

— נו, זשידעק, זאָג!

— פֿערטרײַב די הינד מיט די שקצים װעל איך דיר מאָרגען אין דער פֿריה אַװעקגעבען אַלע קנישעס װאָס די מאַמע װעט מיר געבען.

— מיט קעז?

— מיט קעז און מיט פוטער, יאשקע! אזוי ווי איך בין א יוד, יאשקע, אז איך וועל דיר געבען, קום נאר מארגען פריה.

יאשקע איז בעשטאנען; ער האט מיך אויפגעהויבען פון דער ערד.

— יאשקע! לאז מיך אנרייסען א ביסעל גרינס, האב איך איהם געבעטען.

— וועסט מיר מארגען געבען קנישעס.

— אזוי ווי איך בין א יוד, אז איך וועל דיר אלץ אוועקגעבען און די פאלירטשיקעס און הרעמזלעך.

— וואס איז דאס אזוינס? מען קען דאס אויך עסען?

— אודאי, עס איז דאך אויך מיט קעז און מיט פוטער. עס איז נאך בעסער ווי קנישעס.

— נו, גוט, מארגען פריה וועל איך קומען.

און יאשקע איז מיט מיר מיטגעגאנגען און מיך אבגעהיט.

איך האב אנגעריסען גרינס א פולע פאלע און יאשקע האט מיר געהאלפען.

---

## IV.

אהן מיין שטעקעלע נאר מיט א פולער פאלע גרינס בין איך גע-גאנגען צוריק אין שטאדט.

אין דערהיים האבען מיר אלע בעגעגענט מיט א שמחה.

— אזוי פיעל גרינס, אזוי פיעל גרינס! אך ווי עס שמעקט! ווי שען! וואו האסטו דאס גענומען?

— איך בין געווען הינטער'ן שטאדט און האב אנגעריסען — האב איך געענטפערט מיט שטאלץ.

די שכנים פון אונזער הויז זענען זיך אנגעלאפען און געבעטען האטש צו שטיקלעך צווייגעלעך.

און איך האב מיט גרויסקייט יעדען געגעבען צו קליינע צווייגעלעך.

און מיידלעך און יונגלעך האבען מיך מקנא געווען.

דער גליקליכסטער בין איך דעם טאג געווען.

דעם גאַנצען טאָג בין איך מיט מיינע שוועסטערלעך געוועזען פער־נומען מיט אויספוצען די שטוב מיט גרינס און וואָס איך האָב געזאָגט און ווי אַזוי איך האָב געפּלאַנעוועט— האָבען מיך די שוועסטערלעך געפאָלגט...

---

## V.

דעם שבועות האָט די מילכיגע קנישעס געגעסען יאַשקע, און איך בין געוועזען זאַט— מיט'ן גרינס אויף שבועות.

---

# אַ יום־טוב'דיגער שפּאַציר.

## I.

— וואו זענט איהר עס פערפאַלען געוואָרען אויף אַ גאַנצע שעה, אַז מען דאַרף אויף אייך וואַרטען מיט דעם עסען?

— מיר זענען געגאַנגען אַ ביסעל שפּאַצירען, האַפּען אַ ביסעל פרישע לופט.

— נאַרישקייטען, בלאָטע... פּוסטאָפּאַסניקעס האָבען אויסגעטראַכט דאָס שפּאַצירען געהן, מיט דער פרישער לופט... נאָר עס קען ניט איינזיצען אויף איין אָרט, נאָר עס לויפט אַרום...

אָט אַזוי פלעגט מיין רבי ר' שמואל־זאַנוויל אָנשרייען אויף זיינע טעכטער, וועלכע האָבען אין פרייע צייט, און ווער שמועסט שבת אָדער יום־טוב, ניט ליעב געהאַט זיצען אין דער היים און פלעגען געהן שפּאַצירען.

מיין רבי האָט באמת ניט געהאַלטען פון שפּאַצירען און פון פרישע לופט,— די אַלע זאַכען האָט ער געהאַלטען פאַר אַ מין נייע מאָדע, פאַר אַ לוקסוס, וואָס די היינט־וועלטיגע האָבען אויסגעטראַכט. וועלכער ליי־טישער מענש האָט דאָס צייט אויף אַזעלכע פּוסטע זאַכען, — נעהמען און זיך דרעהען גאַנצע צוויי שעה נעבען „קסיאָנדז'ס גאָרטען" אָדער אונטער'ן שטאָדט!

ווען־ווען, נאָר מיין רבי'ן איז דאָס שפּאַצירען מיט דער פרישער לופט קיינמאָל ניט אָבגעגאַנגען, עס האָט איהם ניט געפעהלט. זיין גאַנצע בעוועגונג איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט מנחה און מעריב געהן דאַווענען אין גרויסען בית־המדרש, וועלכער האָט זיך געפונען אויף איין

געסעל מיט דעם הדר, וואו מיר האָבען געלערנט. אַז אויף דעם ענגען געסעל פעהלט פרישע לופט, האָט זיך מיין רבי קיינמאָל ניט געקלאָגט; ערשטענס, האָט ער ניט געהאַט קיין גרויסען חוש הריה, און צווייטענס, האָט דער טאַבאַק, וועלכען ער פלעגט שמעקען, פערשלאָגען אַלע מיאוס׳ע ריחות פון דעם געסעל, אַזוי אַז מיין רבי פלעגט זיך קיינמאָל ניט קלאָגען אויף קיין שלעכטע לופט.

— אַ שמעק טאַבאַק, פלעגט ער זאָגען, איז אַ ריח גן-עדן; ווי עס זאָל מיר ניט זיין אויף דעם האַרצען, נעהם איך אַ שמעק טאַבאַק, ווערט מיר ליכטיג אין די אויגען און גרינג אויף דעם האַרצען.

און מיין רבי פלעגט ניט שמעקען טאַבאַק, ווי אַלע אַנדערע יודען, — אויף גיך אַ שמעק געטהון און פטור. מיין רבי ר׳ שמואל-זאַנוויל האָט אַנדערש געשמעקט. אַזוי איז ער געוועזען אַ טרויעריגער, פערזאָרגטער יוד מיט אַ סך גראָבע קנייטשען אויף זיין גרויסען שטערען; נאָר ווי ער פלעגט אַריינלעגען די האַנד אין זיין הינטערשטער קעשענע אַרויסצונעהמען דאָס „קאָרענע פושקעלע“, פלעגט שוין זיין שטענדיגער טרויער מיט אַמאָל אַראָב פון זיין פנים, דערנאָך האָט ער מיט די צוויי פינגער קונציג און קנאַקענדיג דריי מאָל אָנגעקלאַפט אין פושקעלע, פּאַוואָליע אַרויסגע-צויגען דאָס דעקעל, ווידער אַ קלאַפּ געטהון אין פושקעלע און מיט די צוויי פינגער אַרויסנעהמענדיג אַ היבשע פאָרציע טאַבאַק, פלעגט ער עס מיט הכנות צוטראָגען צו זיינע נאָזלעכער און מיט גרויס רחבות אין איין מאָל אַריינציהען די גאַנצע פאָרציע, און בעת מעשה האָבען זיך זיינע גרויסע קנייטשען פון שטערען אויסגעגלייכט און באַלד דערנאָך זיך ווידער איינגעקנייטשט.

און דאָס פלעגט ער טהון כמעט אַלע מינוט, שבת, יום-טוב פלעגט ער חוץ דער געוועהנליכער פאָרציע צוגעבען נאָך אַ האַלבע פאָרציע, וועלכע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט קונציג פון פושקעלע אויסשיטען אַ ביסעל טאַבאַק אויף דעם שפיץ פון גראָבען פינגער און צו ביסלעך שמעקען.

אַ גרויסער זולל וסובא, אַ גרויסער אויסברענגער איז מיין רבי געוועזען אויף טאַבאַק; און די רביצין פלעגט זיך שטאַרק דערויף קלאָגען, אַז ער איז אַ גרויסער עולם-הזה׳ניק, ער גיט נאָך דעם יצר-הרע און ברענגט אויס אַ סך געלד אויף טאַבאַק, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען.

# II.

אין אונזער שטעדטעל איז איין אלטער מנהג, אז שבועות בענוגענט מען זיך ניט מיט די מגן-דוד'ס פון גרינע בלעטער, וואס מען קלעפט אויס אויף די פענסטער און אין שטוב אויף דער סטעליע, נאר נאך דער מילכיגער סעודה געהט מען שפאצירען אין גארטען אדער אונטער דער שטאדט, וואו עס גרינט אלעס, דאס פעלד און די בוימער, וואו אלעס איז בעדעקט מיט גרינס. אפילו אונזער רב, וועלכער היט זיך אב פון אלעם, ער זאל חס ושלום ניט הנאה האבען פון דער וועלט און אין דעם בעסטען מאכל שיט ער אן זאלץ מיט פעפער, ער זאל קיין הנאה ניט האבען, — אפילו ער געהט אויך שבועות נאך דער מילכיגער סעודה שפאצירען אין זיין אטלאסענער זשופעצע אין גארטען אדער אונטער דער שטאדט.

מען דערצעהלט, אז ווען דער אפטער, דער גרויסער צדיק ז"ל, וועלכער האט אין זיין לעבען ניט געוואוסט פון קיין שום עולם הזה, אז ער האט געהאלטען ביי אונז אין שטאדט שבועות, האט ער מיט זיינע חסידים נאך דער מילכיגער סעודה געשפאצירט אין „קסיאנדז'ס גארטען", וועלכער געפינט זיך ביי אונז אין שטאדט און קיין יוד האט ביז דעם אפטער דארטען ניט געשפאצירט, ווייל דער קסיאנדז האלט דארטען א סך בייזע הינד, און אז א יוד געהט דריי קלאפטער ווייט פון פארקען, שטעקען זיי ארויס די מארדעס פון צווישען די שטאהעטען און האוקען ביז דער יוד געהט פארביי; נאר אז דער אפטער ז"ל איז שבועות נאך דער מילכיגער סעודה געקומען אין גארטען שפאצירען, זענען דעם קסיאנדז'ס אלע בייזע הינט געלעגען רוהיג, שטיל און געדרעהט מיט די עקען, ווי די לייבען אין גרוב, אין וועלכען מען האט דניאל הצדיק אריינגעווארפען. ווי אבער דער צדיק איז ארויס פון גארטען, האבען זיי ווידער אנגעהויבען האוקען עד היום הזה אויף יעדען יודען, וואס געהט פארביי נעבען פארקען פון גארטען.

*   *
*

מיין רבי, וואס א גאנץ יאהר האלט ער ניט פון שפאצירען און פון פרישע לופט, געהט אויך יעדען שבועות נאך דער מילכיגער סעודה שפאצירען אונטער דער שטאדט, וואו אלעס איז אזוי שען מיט גרינס בעוואקסען.

און ער געהט ניט אַליין, נאָר ערב יום־טוב קלויבט ער אויס איינעם פון די עלטערע חדר־יונגלעך.

— קום מאָרגען נאָך דער סעודה, וועלען מיר געהן שפּאַצירען...

און ווי גליקליך בין איך געוועזען, ווען עס איז געקומען אַזאַ שבועות ווען איך האָב זיך גערעכענט פון די עלטערע — איך בין געווען דער אויסגעקליבענער וואָס וועט מאָרגען יום־טוב געהן מיט דעם רבי'ן שפּאַצירען אונטער דער שטאָדט.

און דאָרטען, אונטער דער שטאָדט, האָב איך געהאַט אַ בעקאַנט יונג סאָסנאָווע וועלדעל, וואָס גרינט סיי זומער סיי ווינטער און מיט וועלכען איך האָב געפיהרט אַ ליבע אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָהר.

מיין אייביג גרין וועלדעל איז געשטאַנען ניט ווייט אונטערן שטעדטעל אויף אַ בּאַרג און האָט אַריינגעקוקט אין שטעדטעל; און וואו איך בין נאָר געגאַנגען: אין חדר לערנען, אין בית־המדרש דאַווענען, צי איך בין אַזוי געשטאַנען נעבען אונזער קלייט אין מאַרק, אָדער נעבען אונזער שטוב אויף דעם מאַרק־פּלאַץ, — האָב איך אַלץ געזעהן דאָס גרינע וועלדעל, אומעטום האָט עס געקוקט אויף מיר. און שטענדיג, ווען איך בין ניט געוועזען צופריעדען, דער רבי האָט מיך געשלאָגען אָדער דער טאַטע האָט מיך פון קלייט אַרויסגעוואָרפען, איך זאָל זיך ניט פּלאָנטען אונטער די פיס, אָדער ווען איך פלעג זיך מיט מיינע שוועסטערלעך צופּאַטשען און בלייבען אַליין מיט מיינע טרויעריגע געדאַנקען, פלעג איך אַלץ מעהר קוקען אויף דעם וועלדעל, וואָס האָט מיך געצויגען צו זיך. ווער שמועסט נאָך אין די זומערדיגע טעג, ווען אין דרויסען איז וואַרים, פלעג איך שעות־ווייז איבערזיצען אויף דער פריזבע פון אונזער שטוב און קוקען אויף מיין ליעב וועלדעל און טראַכטען — ווי אַזוי קומט מען אַהין, ווי אַזוי פליהט מען, טאַטע־מאַמע זאָלען ניט שרייען, דער רבי זאָל ניט שלאָגען. איך האָב געפיהלט, מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרטען אין וועלדעל וואו עס איז עביג גרין, דאַרף זיין גוט און פריי, און דאָ איז מיר אַזוי דושנע נאָר דערשטיקט צו ווערען. זומער פלעגט מיך אויך ציהען צום גרויסען גאָרטען פון קסיאָנדז, וועלכער איז אַרומגענומען מיט אַ הויכען פּאַרקאַן, נאָר דאָרטען האָב איך מורא געהאַט צו געהן, זינט איין מאָל אַז איך בין פערביי־געגאַנגען נעבען פּאַרקאַן, האָט מיר אַ הונד אָבגעריסען אַ האַלבע פּאָלע פון מיין קאַפּאָטקעלע. איך קאָן מיך אָבער ניט איינהאַלטען און געה פון דערווייטען און זעה, ווי די הינדי'ם מאָרדעס שטעקען צווישען די שטאַ־חעטען און הער ווי זיי האַוקען אויף מיר, און יעדער טראָפּען פרישע לופט וואָס פליהט איבער צו מיר, קאָסט מיך טויט־שרעק און ציטערניש.

און מאָרגען וועל איך געהן מיט'ן רבי'ן שפּאַצירען אין מיין ליעב וועלדעל, וואו דעם קסיאָנדז'ס בייזע הינט זענען ניטאָ, דער רבי וועט ניט שלאָגען און טאַטע מאַמע וועלען ניט שרייען...

---

## III.

אויף מאָרגען נאָך דער מילכיגער סעודה, ווען איך בין געקומען אין הדר, איז שוין דער רבי געוועזען אָנגעטהון אין זיין אָבגעבליאַקעוועטע אַטלעסענע קאַפּאָטע און האָט מיך מיט ווייכע ווערטער בעגעגענט:

— קום, וועלען מיר געהן שפּאַצירען....

און פּאַוואָליע מיט דרך-ארץ, האָבען מיר שטיל אָנגעהויבען שפּאַצירען אַרוים פון שטעדטעל.

דאָרטען נעבען בערגעל, אונטער די קליינע שאָטענס פון דעם יונגען סאָסנאָווען וועלדעל, האָט אונז אַ גן-עדן אַרומגעהאַפּט. מיינע אויגען וועלכע זענען אַ גאַניץ יאָהר געוועהנט נאָר צו זעהן פאַר זיך אונזער ענג דערשטיקט שטעדטעל טונקעלן אין בלאָטע אָדער פון דער זון אויסגעטריקענטע מיסט און שמוץ, האָבען מיט אַמאָל ניט געקאָנט האַפּען דאָס פּלוצימדיגע שענקייט, וואָס האָט אונז איצטער אַרומגערינגעלט: גרין די בוימער, גרין דער באַרג, גרין דער טהאָל, און אַלעס איז אַזוי יונג, אַזוי שען, קיין איינציג בלעטעלע, קיין איינציג גרעזעלע ניט אָבגעבליאַקעוועט, נאָר אומעטום גרין, — גרין אָהן אַ ברעג, עס שימירירט פאַר די אויגען מיט גרינקייט; דאָס אויג קאָן אַלעס ניט האַפּען און עס איז נאָר בלינד צו ווערען פון דעם דאָזיגען גן-עדן, וואָס האָט אונז פּלוצים, אין איין מינוט אַרומגעהאַפּט און עס פיהלט זיך אַזאַ זיסער, טייערער ריח פון דעם יונגען גרינס און פון דעם יונגען וועלדעל.

איך האָב פערגעסען, צי געהט מיט מיר מיין רבי, און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך בין אַליין אין דעם גן-עדן.

עפּעס אַ פליעגעלע, אָבגעגילדעט פון דער זון, איז איבערגעפלויגען פון איין גרעזעלע אויף דעם צווייטען און ווידער געפלויגען ווייט-ווייט. איך האָב פערגעסען אָן מיין רבי'ן און בין דעם גאָלדען פליעגעלע נאָכגעלאָפען אויף ווייט-ווייט...

פלוצים דערהער איך אַ גרויס ניעסען און טשיהען פון רבי'ן.

— צו געזונד, רבי! ווינש איך איהם.

— וואָס'ער געזונד? — די נאָז ווערט מיר שיער צוריסען אָט פון דעם שפּאַצירען, טשוך!... טשוך!... ניעסט ווייטער דער רבי און רייבט זיין צוריצטע נאָז.

איך טהו אַ קוק אויף מיין רבי'נס נאָז און דערקען זי ניט: זי איז רויט און כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס געוואָרען.

— וואָס איז אייך, רבי? פרעג איך.

— די משונה'דיגע ריחות פון די גראָזען און קוויטלעך זעצען מיר אין דער נאָז, אַז זי ווערט מיר שיער צוריסען, מיינע שונאים, איך האָב שטענדיג פיינד אָט דאָס שפּאַצירען! ווען ניט דער יום־טוב שבועות, וואָלט איך איצטער אויך ניט געגאַנגען שפּאַצירען.

— סטייטש, רבי, עס איז דאָך אַזוי גוט צו שפּאַצירען, עס איז דאָך אַזוי שען, עס שמעקט מיט אַזוינע שענע ריחות, עס איז דאָ אַזאַ גוטע, פרישע לופט, אַז עס איז אַ מחיה!

— נאַרישקייטען, בלאָטע, רופט זיך אָב דער רבי אַוועקמאַכענדיג מיט די הענד און שטאַרק ניסענדיג, — נאַרישקייטען!

— אין שטאָדט איז דען בעסער? אין שטאָדט איז דאָך אַזאַ מיאוס'ער ריח, עס איז דאָך דערשטיקט צו ווערען; ניטאָ קיין בוימעל, קיין פרישע לופט, זאָג איך מיט אַ רחמנות־פנים און מיט אַ וויינענדיגען ניגון.

— צו גוטע ריחות דאַרף אַ מענש אויך געוועהנט ווערען, און יעדע זאַך וואָס קומט פלוצים שאָדט דעם מענשען; אַזוי האָט שוין דער אויבערשטער דעם מענשען בעשאַפען אויף דער וועלט, אַז צו יעדער זאַך דאַרף ער זיך געוועהנען, צו אָרימקייט און צו עשירות, צו גוטס און הס־ושלום צו שלעכטס, מיט אַלעס קאָן זיך אַ מענש געוועהנען. דער רבי האָט זיך ווידער שטאַרק פערניעסט און ניט אויפגעהערט צו רייבען די נאָז.

אפילו קיין שמעק טאַבאַק האָט ער ניט געקאָנט טהון, אַזוי האָט איהם די נאָז געריסען.

נאָך דעם דאָזיגען שפּאַציר האָט געדויערט עטליכע טעג ביז מיין רבי'נס נאָז איז אָבגעגאַנגען און בעקומען איהר פריהעריגע געוועהנליכע געשטאַלט און ער האָט ווידער מיט הכנות אָנגעהויבען שמעקען טאַבאַק און פון גרויס דערקוויקונג געזאָגט בעת מעשה:

— אַ מחיה... עס איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען!..



# נאָך גריִנס .

איִן דער דאָזיִגער ערב־שבועות׳דיִגער נאַכט איִז געגאַנגען אַ רעגען, און ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט דער רעגען אויפ־געהערט.

און ווען די זון איִז שוין רעכט אויפגעגאַנגען האָב איִך נאָך געפונען אויף דעם היִלצערנעם פּאַרקאַן פון אונזער שטוב טראָפּענס רעגען, וועל־כע האָבען קעגען דער זון געשפּיִעלט מיִט עטליִכע פייער־קאָליִרען פּונקט ווי עכטע בריִליאַנטען.

איִן דעם פריִה־מאָרגען ביִן איִך אויפגעשטאַנען פריִהער ווי תמיד, ווייל איִך האָב איִן דעם טאָג געהאַט פיִעל אַרבייִט: געהן ברענגען ג ר י נ ס אויף ש ב ו ע ו ת און מיִט דעם גריִנס אויספּוצען אונזער שטוב שענער ווי ביי אַלע אַנדערע הברים.

מייִן מאַמע איִז צוליִעב ערב יום־טוב אויך אויפגעשטאַנען פריִהער, און ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס פאַר אונזער שטוב, האָט אפילו איִן אונזער שטעדטעל נאָך דעם בייִנאַכטיִגען רעגען די לופט אַזוי גוט געשמעקט, אַז דער וואַסער־פיִהרער, וואָס האָט גראָד געבראַכט וואַ־סער און האָט שטענדיִג געהאַט אַ פערלעגטע נאָז מיִט טאַבאַק, האָט די מאַמע בעגעגענט, אָנשטאָט אַ גוט מאָרגען, מיִט די ווערטער:

— וואָס פאַר אַ מחיה׳דיִיגע גוטע לופט איִז הייִנט, בעל־הבית׳טע!

וואַרטענדיִג נעבען אונזער שטוב ביִז ס׳וועלען די דאָרפס־לייט פאַר־בייִפאָהרען מיִט קעז, פּוטער און מיִט אייער, איִז אויך צוגעגאַנגען די אַלמנה בריינע מיִט איהר מייִדעל „די שוואַרצע הנה׳לע“.

בריינע איִז געוועזען אונזערע אַ שכנה׳טע, וואָס האָט אויך געהאַט אַנ׳אייִגען הויז אויף אונזער גאַס.

זי איז אויך צוליעב ערב יום-טוב אויפגעשטאַנען פריה אום צו בעגעגענען די דאָרפס-לייט.

— וואָס ביזטו, דודעל, היינט אויפגעשטאַנען אַזוי פריה? האָט ברײנע מיך געפרעגט. און די מאַמע האָט פאַר מיר געענטפערט:

— איהר שפּיעלט זיך מיט איהם! ער דאַרף זיך דאָך היינט דראַפּען אויף אַלע בוימער הינטער דער שטאָדט און וועט מסתמא צורייסען אַלץ, וואָס ער טראָגט אויף זיך.

— נו, פאַרוואָס ניט, האָט בריינע געענטפערט, דערויף איז דאָך דאָס אַ יונגעל, וואָס דאַרף זאָרגען וועגען גרינס אויף שבועות. ניט פאַר קיינעם געדאַכט, ביי מיר אין שטוב איז ניטאָ קיין איינציגער מאַנסביל, וואָס זאָל זאָרגען וועגען גרינס.

— מאַמע! — איז אונטערגעשפּרונגען די שוואַרצע הנה׳לע מיט איהרע אויסגעשלאָפענע שוואַרצע, גרויסע אויגען, וועלכע האָבען אַרויסגעקוקט פון אַ צושויבערטען שוואַרצען קאָפּ מיט לאָקען, — מאַמע! לאָז מיך געהן מיט דוד׳לען אָנרייסען גרינס! וועסט זעהן, וועסט זעהן, אַז איך וועל אויספּוצען אונזער שטוב מיט גרינס אַזוי שען ווי אַ יונגעל.

איך האָב זיך אַזש דערשראָקען פון די ווערטער, אַז הנה׳לע וועט געהן מיט מיר אָנרייסען גרינס.

— קיין עין-הרע, אַ שטוב מיט אַלדעם גוטס, האָט בריינע ווייטער גערעדט, נאָר אַ מאַנסביל פעהלט — האָט זי אַ זיפץ געטהון.

די מאַמע האָט אויך אַ זיפץ געטהון און זי געטרייסט.

— איהר זענט, בריינע, נאָך ניט אַזוי אַלט, גאָט וועט העלפען, ער קאָן צושיקען אייער גוטען בעשערטען, גאָט קאָן אַלץ.

— מאַמע, נו? וועסט מיך לאָזען געהן מיט דוד׳לען אָנרייסען גרינס, וועסט זעהן... האָט הנה׳לע ניט אָבגעטרעטען פון דער מאַמע׳ן.

בריינע׳ס אויגען האָבען מיט געבעט און מיט אַ פראַגע אַ קוק געטהון אויף דער מאַמע׳ן.

— פאַר־וואָס ניט, האָט די מאַמע זיך געווענדעט צו מיר, געה, דוד׳ל, מיט הנה׳לען וועט איהר ביידע אָנרייסען גרינס.

איך בין רויט געוואָרען ווי אַ צוויק, אַזוי האָב איך זיך פערשעמט: „וואָס הייסט? ווי אַזוי וועל איך עס געהן מיט אַ מיידעל אָנרייסען גרינס הינטער דער שטאָדט?"

— געה, געה מיט איהר, וואָס אַרט דיך, הינטער׳ן שטאָדט איז דאָ גענוג גרינס. וועסט אַריינגעהן צו יאַחטעמ׳ען און וועסט איהם זאָגען, אַז איך האָב געבעטען, ער זאָל אייך לאָזען אָנרייסען וויפיעל איהר ווילט.

ניש־קשה, יאַהטעֶם איז אונז שולדיג געווג געלד פאַר דעֶם קאָרן, וואָס דער טאַטע האָט ביי איהם געקויפט.

איך האָב דעם קאָפּ ניט געקאָנט אויפהויבען און קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסרעדען און הנה'לע איז פון גרויס שמחה צוגעשפרונגען צו מיר און געקוקט אויף מיר מיט איהרע שוואַרצע אויגען:

— קום, קום, דוד'ל, לאָמיר געהן; וועסט זעהן, אַז איך וועל אָנרייסען אַ סך גרינס פאַר דיר אויך.

איך האָב ניט געענטפערט, נאָר די מאַמע האָט זיך ווידער אָנגערופען:

— צו יאַהטעמ'ען זאָלט איהר געהן, דאָרט פון יענער זייט מיהל, נעבען וועלדעל.

איך געדענק ניט, ווי אַזוי עס איז פאַרגעקומען, נאָר אַז איך בין געקומען צו זיך און אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָב איך שוין ניט געזעהן די מאַמע'ן און ניט בריינע'ן, נאָר מיט מיר איז געגאַנגען די שוואַרצע הנה'לע אַזוי פרעהליך און לאַכענדיג, ווי איך האָב זי קיין מאָל ניט געזעהן.

אויף דעם וועג אין שטעדטיל און פון יענער זייט בריק הינטערן שטאָדט האָבען אונז בעגעגענט גאַנצע שורות מיט פוהרען, וועלכע זענען געפאָהרען אין שטאָדט פערקויפען פראָדוקטען אויף יום־טוב.

הנה'לע איז ניט געגאַנגען, נאָר געטאַנצט און געקוואָלען פון אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געזעהן, און אַלע מאָל האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ געזונדטען, קלינגענדיגען געלעכטער.

— דוד'ל, האָט זי זיך פלוצים אָנגערופען צו מיר, ביזט שטענדיג אַזאַ פרעהליך וואויל יונגעל, און איצטער ווילסטו ניט געהן מיט מיר.

— איך געה דען ניט?

— דו שלעפּסט די פיס, ניט דו געהסט. ווייסטו וואָס? לאָמיר לויפען — ווער וועמען וועט איבערלויפען.

— דו ביזט שוין אַ גרויס מיידעל — זאָג איך איהר.

— לאָמיר זיך מעסטען ווער איז גרעסער, האָט זי געזאָגט און האָט זיך געשטעלט מיט מיר פלייצע אין פלייצע. זעה, שטעל זיך ניט אויף די שפּיץ פינגער. דו זעהסט ווי דו ביזט גרעסער פון מיר. פון דעסטוועגען לויפסטו מיט יונגלעך.

— מיט יונגלעך, אָבער ניט מיט מיידלעך.

זי האָט אָהן ווערטער אַנידערגעשטעלט אויף מיר איהרע צוויי שוואַרצע אויגען מיט אַ פראַגע־צייכען, גלייך ווי זי זאָל פרעגען, וואָס איז אַ מיידעל ערגער פון אַ יונגעל?

מיר זענען שוין געגאַנגען מיט דעם פעלד, יאַהטעמ׳ס שטיבעל מיט דעם וועלדעל האָבען זיך געזעהן פון דערווייטענס.

איך האָב זיך אָבגעטיילט פון איהר מיט אַ פּאָר טריט פון דער־ווייטענס.

איך האָב עפּעס מורא געהאַט און זיך געשראָקען פאַר איהר שענ־קייט און האָב זיך ניט ווילענדיג דערווייטערט פון איהר: אָדער איך בין געגאַנגען פאָראויס, אָדער זיך געהאַלטען הינטער איהר.

אַלץ האָט געהאַט אין איהר אַלע זיבען טעמים, שוואַרץ, דאַכט זיך, און דאָך האָט איהר פּנים אַזוי פיעל חן, און אַז זי טהוט אַ קוק אויף מיר מיט איהרע קינדערשע גרויסע, שוואַרצע אויגען, ווערט אַזוי גוט אויף דעם האַרצען, פּונקט ווי פון היינטיגען שענעם פריה־מאָרגען — דאָס גאַנצע קורצע קליידעל, וואָס זי טראָגט, ליעגט אויף איהר ווי אויס־געגאָסען און אַזוי צוגעפּאַסט צו יעדען אבר, אַז ווען זי הויבט אָן צו לאַכען און אַלע אברים הויבען זיך אָן בעוועגען, ווייזט זיך אויס, אַז אָט־אָט פּלאַצען אַלע נאָהטען פון איהר קליידעל און איהר גאַנץ שענקייט רייסט זיך אַרויס מיט געוואַלד צו בעווייזען זיך אויף דעם פרייען פעלד, גלייך ווי דאָס שענע יונגע בעז־בוימעל, וואָס איך זעה איצטער נעבען יאַהטעמ׳ס שטיבעל.

*

איך האָב איבערגעגעבען יאַהטעמ׳ען, וואָס די מאַמע האָט מיר גע־זאָגט, און ער האָט אונז ערלויבט רייסען גרינס פון אַלע בוימער, נאָר ניט פון די פרוכט־בוימלעך.

איך האָב זיך אָנגעהויבען דראַפּען אויף אַ בוים.

— איך וויל אויך אַרויף, האָט חנה׳לע מיט די הענדטלעך אַרומגע־נומען דעם בוים און געוואָלט זיך דראַפּען.

— מען דאַרף ניט, איך וועל אַליין גענוג אָנרייסען, האָב איך אַראָבגעשריען, דו וועסט נאָך אַראָבפאַלען.

— איך וויל אָבער, למאי דו?

— איך בין אַ יונגעל.

— איז וואָס? אַט וועסט זעהן, אַז איך קאָן אויך. איך וויל אַליין אָנרייסען.

און ווי אַ קעצעל האָט זי זיך אַרויפגעדראַפּעט ביז צום ערשטען צווייג און זיך דאָרטען אָבגערוהט.

איך האָב ניט געקאָנט איבערטראָגען איהרע שוואַרצע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט אויף מיר אַרויף פון צווישען די צווייגען און צוזאַמען

מיט איהר שענעם קאָפּ מיט די שוואַרצע לאָקען האָבען זיי געבלענדעט מיינע אויגען, אַז איך האָב געפיהלט, אַז אָט־אָט פאַל איך אַראָב פון בוים און ווער דערטרונקען אין איהרע אויגען ווי אין אַ שוואַרצען ים.

— ווערסט אַראָבגעהן, צי ניין!? האָב איך געשריען.

און זי צולאַכט זיך און איהר קול'עכעל צושיט זיך איבער דעם גאַנצען וועלדעל.

— אַז דו ווערסט ניט אַראָבגעהן, וועל איך דיר מעהר ניט מיטנעהמען.

איהר קול'כעל הערט זיך נאָך העכער איבער דעם וועלדעל.

— איך וועל אַליין אַוועק אַהיים אָהן דיר, שריי איך צו איהר.

— איך וועל דיר נאָכלויפען, לאַכט זי, איך קאָן בעסער לויפען פון דיר.

— איך לאָז זיך אַראָב פון בוים נידעריגער צו איהר צווייג און הויב זי אָן בעטען מיט גוטען.

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליעב, ווען דו ביזט גוט, איך וועל דיך פאָלגען, איך וועל נאָר אַביסעל גרינס אָנרייסען, וועל איך אַראָב. און אַזוי רעדענדיג, נעהמט זי מיך אַרום מיט איין הענדטעל און קושט מיך.

איך פיהל, אַז איך ווער פערברענט פון איהרע קושען און זאָג איהר מיט אַ רחמנות־פּנים:

— חנה'לע, וואָס טהוסטו? מען טאָר זיך ניט קושען מיט אַ יונגעל.

— למאי קושט דו זיך מיט דיין שוועסטערל? זי איז דאָך אויך אַ מיידעל?

איך האָב איהר ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

און חנה'לע רעדט צו מיר ווייטער.

— ביי אונז אין שטוב איז אומעטיג, אַזוי אומעטיג, דוד'ל... ניטאָ קיין איין ברודערל, אפילו קיין טאַטען האָב איך ניט, נאָר שוועסטערלעך האָב איך, קיין איין ברודערל, נאָר שוועסטערלעך...

איך טרייסט זי, אַז דאָס האָט גאָט בעשאַפען איהר שוועסטערלעך און ניט קיין ברידערלעך.

און מיר הויבען אָן רייסען קליינע צווייגלעך מיט בלעטער, וואַרפען זיי אויף דער ערד און לאָזען זיך אַראָב פון בוים.

נאָך דעם ווי מיר רייסען אָן פון אַנדערע בוימער אַ סך בעז, קלויבען מיר צוזאַמען אונזער גאַנץ גרינס אויף איין אָרט און מיר זעצען זיך אָברוהען אויף דעם טיעפען גראָז.

יאַחטעם טראָגט אונז אַרויס ברויט מיט אייער און מיר עסען מיט גרויס אַפּעטיט.

פון מיעדקייט און פון דעם, וואָס מיר זענען היינט אויסגעשטאַנען פריהער ווי געוועהנליך, זענען מיר אויף דעם גראָז אונטער אַ בוים ענט־שלאָפען געוואָרען זיס ווי האָניג.

*

ווען איך האָב אויפגעעפענט די אויגען איז שוין געווען נאָך האַלבען טאָג. אַרום מיר מיט הנה'לען איז געשטאַנען דער טאַטע, וועלכער האָט מיך באַלד מכבד געווען מיט אַ פּאָר פּעטש, אויך האָט זיך דאָ געפונען די מאַמע מיט ברײַנען, אויף וועלכע דער טאַטע האָט געשריען, אויך האָבען אונז אַרומגערינגעלט עטליכע יודען מיט ווײַבער פון שטעדטעל, וואָס זענען אונז, צוזאַמען מיט דעם טאַטען, געקומען זוכען.

דער טאַטע האָט ניט אויפגעהערט צו שרײַען אויף דער מאַמע'ן מיט ברײַנע'ן:

— וואָס זענט איהר עס פּאַר בהמות און שיקט אַ יונגעל מיט אַ מיידעל רײַסען גרינס!

איך בין געשטאַנען בלאַס און צוטומעלט, און הנה'לע האָט גע־קוקט מיט איהרע דערשראָקענע שוואַרצע אויגען.

די איבעריגע יודען און ווײַבער האָבען געפילדערט און געסמאָטשקעט מיט די ליפּען.

יאַחטעם האָט זיך אפילו אַרײַנגעמישט און געקניטשט מיט די פּלייצעס: וואָס וויל מען פון די קינדער? זיי האָבען זיך אַביסעל געשפּיעלט, פײַן אָבגעגעסען און פון מיעדקײַט ענטשלאָפען געוואָרען אויף דער פרישער לופט.

נאָר געהט טענה'ט מיט אַ גוי, ער פערשטעהט דען עפּעס.

מיך מיט הנה'לען האָט מען געפיהרט צוריק אין שטעדטעל אַרײַן מיט גרויס פּאַראַד און מיר האָבען געפיהלט, אַז מען טרײַבט אונז ווי אדם מיט חוה'ן פון גן עדן און מען פיהרט אונז ווי זינדיגע רשעים אין גיהנם אַרײַן.

געהענדיג האָב איך דערזעהן, ווי אויף הנה'לעס באַקען האָט זיך געקאַטשעט אַ טרעהר, וועלכע האָט געשפּיעלט מיט די זעלבע קאָליערען ווי די טראָפּען רעגען אויף דעם פּאַרקאַן היינטיגען פריהמאָרגען קעגען דער זון.

---



# א מילכיגע סעודה.

## I.

שרה פייגא שטעהט אין דער יום־טוב׳דיגער אויסגעפוצטער קיך נעבען קיך־טיש און קאטשעט מיט השק א בלעטעל טייג אויף מילכיגע קנישעס, ארום איהר איז אויסגעשטעלט א טאפּ פוטער און א שיסעל קעז און נעבען איהר שטעהען איהרע צוויי קינדערלעך יוסעלע און רייזעלע.

— נו, קינדערלעך, וועלען מיר עס היינטיגען שבועות האבען מילכיגע קנישעס! אזא פוטער, אזא קעז האב איך שוין לאנג ניט געהאט, אזא פרישקייט, עס שמעקט אזש!

און שרה פייגא קאן זיך ניט איינהאלטען און מיט א שפּיץ לעפעל פערזוכט זי א שטיקעל פוטער מיט קעז.

— זיעבען טעמים האט עס, זאגט זי ווייטער און שטופּט דעם לעפעל די קינדער אין די מייַלעכלעך, זיי זאלען אויך פערזוכען, נאר די קינדער האבען ניט ליעב קיין רויהע פוטער מיט קעז, זיי האבען ליעב פארטיגע פריש־געבאקענע קנישעס, זיי ווילען ניט פערזוכען און בעלעקען זיך פון די קנישעס, וועלכע וועלען אין א שעה ארום, ווען דער טאטע וועט קומען פון דאווענען, ארויסקומען פון אויווען, אין וועלכען עס הייצט זיך איצטער.

און יוסעלע מיט רייזעלע׳ן האבען אזוי ליעב קנישעס, אז נאך א צייט פאר שבועות האבען זיי געלעבט מיט דעם געדאנק, וואס די מאמע וועט מאכען שבועות א מילכיגע סעודה.

וועז די קינדערלעך האבען זיך אויפגעפיהרט גוט און פיין, האבען

טאַטע־מאַמע זיי צוגעזאָגט, אַז שבועות וועט מען באַקען קנישעס, פּאַ־לירטשיקעס, הרעמזלעך און בלינצעס.

ווען אָבער די קינדער האָבען זיך אויפגעפיהרט שלעכט און ניט געוואָלט פאָלגען די טאַטע מאַמע, האָט מען זיי געסטראַשעט, אַז מען וועט אפילו קיין קעז און פּוטער ניט קויפען, אוים מילכיגע סעודה! נישטאָ קיין קנישעס מיט בלינצעס, און שוין!...

און די קינדערלעך האָבען זיך אויפגעפיהרט שטיל און רוהיג — פּאַיאַנקע...

ווען יוסעלע האָט עפּעס אָנגעהויבען פּרעבענדעווען, פלעגט איהם רייזעלע דערמאָנען, אין וואָס פאַר אַ געפאַהר עס געפינט זיך די מילכיגע סעודה און ער פלעגט שטיל ווערען.

און אַז רייזעלע האָט זיך צווויינט, האָט יוסעלע איהר דערמאָנט אָן דעם גרויסען אומגליק וואָס זיי שטעהט־פאַר, און רייזעלע פלעגט אין מיטען וויינען מיט די טרעהרען אין די אויגען בלייבען שטיל.

אַזוי האָבען די קינדער אָבגעהיט די מילכיגע סעודה, עס זאָל אויף איהר הס־ושלום קיין פלעק ניט פאַלען.

און איצטער זעהען זיי מיט זייערע אייגענע אויגען, טאַקי אויף דער אמת׳ן, דעם קעז, וועלכער קוקט אַרוים פון שיסעל ווי זילבער, און די פּוטער, וועלכע שיינט אַרוים פון טאָפּ. זיי זעהען די מאַמע מיט פערקאַטשעטע אַרבעל, ווי מיט אַ טיי־גלאָז שניידט זי אוים פון דעם אויסגעקאַטשעטען גרויסען בלאַט־טייג קיילעכדיגע טייגלעך און לעגט אַריין קעז און פערקלעפּט אַזוי קונציג. באַלד וועלען זיי אַריבערגעהן אין גלי־הענדיגען אויווען, דער טאַטע וועט באַלד קומען און מען וועט זיך זע־צען צו דער מילכיגער סעודה.

— קינדערלעך! — רופט זיך פלוצלונג אָן די מאַמע — לויפט אַריבער צו לאה דער שכנ׳טע און זאָגט איהר, אַז איך האָב זי געבעטען, לייהען פאַר אונז אַ בעקען. איך זאָל אַזוי פערגעסען אין אַלדעם בייז, ווי איך האָב פערגעסען אין אַ בעקען. ווען עסט מען עס ביי מיר מילכיגס? — פערגעסען, מען זאָל אַזוי פערגעסען אין אַלע צרות.

די קינדערלעך זענען, ווי צוויי פייגעלעך, רעש׳ענדיג אַוועקגעפלוי־גען.

— איך אַליין וועל טראָגען דעם בעקען, איך דאַרף ניט רייזעלע׳ן.

— איך וועל טראָגען, איך דאַרף ניט יוסעלע׳ן.

— קריעגט זיך ניט, טראָגט ביידע, שרייט זיי נאָך די מאַמע, קריעגט זיך ניט.

אין עטליכע מינוט ארום האט זיך געהערט, ווי יוסעלע מיט רייזעלע׳ן געהען צוריק מיט פאראד און מיט מוזיק.

ביידע טראגען דעם בעקען און מיט צוויי שטעקעלעך פויקט מען אויס א גאנצען מארש אויף דעם בעקען, און מיט די מיילעכלעך העלפט מען צו, ווי מיט א טרובע און א פלייט.

און דאס פויקען אין בעקען, און דאס טראמפעטען מיט די מיילעכלעך האט אנגעמאכט אזא רעש איבער דעם געסעל, אז מען האט געמיינט, אז סאלדאטען מיט מוזיק קומען אן אין שטעדטיל.

דאס גאנצע געסעל קינדער זענען זיך צוזאמענגעלאפען, און יעדער, ווער עס האט נאר געקאנט זיך צורוקען צו דעם בעקען, האט געגעבען א פויק, דער מיט א שטעקעל, דער מיט א שטיינדעל און דער מיט א קולאקעל.

יוסעלע און רייזעלע זענען געגאנגען מיט דעם בעקען פאראוס, נעבען זיי איז אויסגעוואקסען עפעס א לאנג בחור׳ל מיט א ניט אבגעווישט נעזעל און ער האט געזאגט, אז ער איז אן אפיציער.

ער האט א געשריי געטהון, אלע קינדער זאלען זיך אויסשטעלען ווי סאלדאטען, דערנאך האט ער א קאמאנדעווע געטהון: שאגאם מארררשש!!!!

און עס האט זיך אנגעהויבען א פויקען איבער דעם בעקען מיט א צושפיעל מיט די מיילער, דער ווי א טרובע, דער ווי א קלארנעט און דער האט מיט צוויי שטעקעלעך געשפילט ווי א פידעל.

ווער ווייסט, ביז וואנען עס וואלט אזוי געדויערט דער „מארש" מיט דעם פויקען, ווען ניט שרה פייגא, ווען זי איז שוין פארטיג געווארען מיט דעם קלעפען די קנישעס, פאלירטשיקעס און הרעמזלעך, וואלט ניט געוועזען ארויסגעלאפען און ארויסגעהאפט ביי די „סאלדאטען" די בעקען.

---

## II.

אין א האלבער שעה ארום האט זיך ווידער דערהערט א שרעקליכער געוואלד אויף דעם געסעל. ווייבער, קינדער און מאנסבילען, וואס זענען שוין געגאנגען פון דאווען, זענען זיך אנגעלאפען.

דאס געפילדער און קולות האבען אזש דערגרייכט צום איינציגען

פּאָליצייסקי פון שטעדטיל, און ער איז געקומען צולויפען מיט דעם איינ־ציגען פּעסעל, וואָס איז שטענדיג געשטאַנען ביים „סטאַנאָוואָי" אין הויף אויף דעם פאַל פון אַ שרפה.

— וואו ברענט? — האָט דער איינציגער „פּאָליציייסקי" אין שטעדטיל געפרעגט, און שוין געוואָלט פערלעגען אין פּעסעל די קישקע.

אַלע האָבען געליאַרמט, אַז מען האָט ניט געקענט וויסען, וואָס דאָ קומט פאָר. מען האָט נאָר געזעהן, ווי צוויי ווייבער רייסען זיך און פער־סמאַליעטע קנישעס, פּאַליטשיקעס, בלינצעס און הרעמזלעך לויפען אין דער לופטען.

שרה פייגא מיט לאה דער שכנ'טע האָבען זיך געריסען ביי די שלייערס.

— איבער אייער בעקען איז ביי מיר אַלעס פערסמאַליעט געוואָרען. איהר האָט מיר געשיקט אַ בעקען מיט אַ לאָך. די פּוטער איז אויס־גערונען און אַלעס איז פערברענט געוואָרען.

דאָס האָט געשריען שרה פייגא, און לאה די שכנ'טע האָט גע־שריען:

— דאָס לאָך האָט א י ה ר געמאַכט, איך האָב געוואָלט זיין אַ גוטע און אייך געליהען דעם בעקען, איצטער האָב איך אַליין ניט אין וואָס צו באַקען, איך האָב אייך געגעבען אַ גאַנצען בעקען — דעם לאָך האָט איהר געמאַכט.

— אַ ליגען, דעם לאָך — איהר.

— ניין, איהר — דעם לאָך.

— אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק, אַזאַ קעז מיט פּוטער זאָל געהן לאַבוד.

— מיין מאַן קומט שוין פון דאַוונען, וואָס זאָל איך טהון?

— און וואָס זאָל א י ך טהון? מיין מאַן קומט אויך פון דאַוונען; מען טאָר ניט זיין קיין גוטע.

— אַ רשע'טע זענט איהר, ניט קיין גוטע, איהר האָט מיר גע־שיקט אַ בעקען מיט אַ לאָך, אום די קנישעס זאָלען ביי מיר פער־ברענט ווערען.

— ברענען זאָל אייך אין האַרצען, אַליין געמאַכט דעם לאָך, איך האָב נישט אין וואָס צו באַקען, און זי שעלט נאָך.

— אַ ליגען, איהר — דעם לאָך.

די קולות מיט די קללות האָבען ניט אויפגעהערט.

נאָר יאָסעלע מיט רייזעלע'ן האָבען זיך פערקליבען ערגעץ וויים

אין אַ ווינקעל. זיי האָבען גוט געוואוסט, פון וואַנען עס נעהמט זיך דער לאָך, און האָבען בעקלאָגט די פערבּרענטע קנישעס מיט די הרעמזלעך.

— דו ביזט שולדיג, האָט יוסעלע געברוגז'ט אויף רייזעלע'ן, — איך אַליין האָב געוואָלט טראָגען דעם בעקען.

— ניין, דו, איך האָב געוואָלט טראָגען דעם בעקען.

און איצטער האָבען די קינדערלעך בעשיינפּערליך געזעהן מיט זייערע אויגעלעך, אַז ווען מען פיהרט זיך ניט אויף שטיל און רוהיג, ווי טאַטע־מאַמע הייסען, עסט מען ניט קיין מילכיגע סעודה.

אַזוי לאַנג זיך אויפגעפיהרט שען און פיין און צום סוף קאַליע געמאַכט די מילכיגע סעודה.

# ימים נוראים.

# אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| ימים נוראים'דיגע געדאַנקען | זייט | 139 |
| אַנ'אַלטער ניגון | „ | 144 |
| מלקות | „ | 151 |

# ימים נוראים'דיגע געדאנקען.

## I.

### עֶס זִינגט זִיךְ נִישט.

יֶעדֶעס יָאהר, ווִי עֶס הויבּט זִיךְ נָאר אָן דֶער חודש אֶלוּל, אִיךְ ווייס נִיט פוּן וואַנֶען אוּן פוּן וואָס, הויבּט מִיר אָן צוּ גֶענזלֶען אִין האַלז אוּן אִיךְ הויבּ אָן אוּנטֶערזִינגֶען אַלֶערלַיי ימים־נוראים־נגונים. וואָס פאַר אַ שלֶעכט יָאהר אִיךְ זָאל נִיט אִיבֶּערלֶעבֶּען, נָאר אַז עֶס פלֶעגט קוּמֶען ראש־חודש־אֶלוּל, האָט זִיךְ אָנגֶעהויבֶּען זִינגֶען, נִיט דֶערפאַר, וואָס אִין דֶעם חודש אִיז מִיר גֶעוואָרֶען אַזוֹי גוּט אויף דֶעם האַרצֶען, אוֹי, נַיין! שווֶער אוּן בִּיטֶער, שווֶערֶער ווִי אִין אַלֶע חדשים פלֶעגט מִיר ווֶערֶען אִין דֶעם חודש: אִיךְ פלֶעג זִיךְ אָבּגֶעבֶּען חשבון פוּן דֶעם גאַנצֶען יָאהר אוּן אַ שרֶעק פלֶעגט מִיךְ אָנכאַפּען, ווִי אַזוֹי האָבּ אִיךְ אַזוֹינֶע צוועלף חדשים גֶעקאָנט אִיבֶּערלֶעבֶּען, אוּן פוּנֶעדסטוועגֶען לֶעבּ אִיךְ נָאךְ אוּן האָף נָאךְ אויף אַ בֶּעסֶער יָאהר...

אוּן אִין קֵיין יָאהר פלֶעג אִיךְ אַזוֹי נִיט בֶּעמֶערקֶען דִי לבנה מִיט דִי שטֶערן ווִי אִין דִי שטִילֶע, לוֹיטֶערֶע אֶלוּל־נֶעכט.

עֶפּעֶס אִין דִי דאָזִיגֶע אֶלוּל־נֶעכט פלֶעגט דִי לבנה מִיט דִי שטֶערן זִיךְ מִיט מִיר אִיבֶּערריידֶען אוּן אֵיינס דאָס אַנדֶערֶע דֶערצֶעהלֶען, וואָס מִיר האָבֶּען צוּגֶעזֶעהן דאָס גאַנצֶע יָאהר. אפילו דִי אָבּגֶעשנִיטֶענֶע פֶעלדֶער אוּן אָבּגֶערִיסֶענֶע בּוֹימֶער מִיט דִי צוּפּאַטשטֶע, צוּפּלִיקטֶע, גֶעלֶע בּלֶעטֶעלֶעךְ,

האָבּען זיך אויך מיט מיר איבּערגערעדט און איינס דאָס אַנדערע דער־צעהלט, ווי שווער מיר האָבּען אַלע געאַרבּייט און איבּערגעלעבּט דאָס יאָהר און אַז איצט הויבּט זיך אָן פאַר אונז אַלע אַ נײַ יאָהר מיט נײַער פרישער אַרבּייט...

און איך און די לבנה מיט די שטערן און די אָבּגעשניטענע פעלדער, מיט די אָבּגעריסענע בּוימער פלעגען זיך אין די דאָזיגע נעכט איינס דאָס אַנדערע אָבּגעבּען השבּון פון דעם איבּערגעלעבּטען יאָהר. איך פלעג אָנ־הויבּען זינגען אַ ימים־נוראים׳דיגען נגון, און זיי פלעגען מיר אַלע ווי משוררים אונטערהעלפען זינגען מײַן נגון, וועלכער פלעגט זיך צוגיסען ווייט־ווײַט, און איך האָבּ געהערט, ווי די גאַנצע וועלט זינגט מיט מיר מיט ימים־נוראים־נגונים, אין וועלכע דאָס יודישע פאָלק גיסט אויס זײַן פער־בּיטערט האַרץ; און גרינגער פלעגט מיר ווערען פון די דאָזיגע נגונים, און נײַע האָפנונגען מיט נײַע קרעפטען פלעגט מיר צוקומען צו בּעגעגענען אָהן שרעק דאָס נײַע יודישע יאָהר.

*

הײַנטיגס יאָהר האָט אין חודש אֶלול אויך די לבנה מיט די שטערן געשײַנט, און צוזאַמען מיט די אָבּגעשניטענע פעלדער און אָבּגעריסענע בּוימער האָבּען זיי עפּעס געשעפּטשעט צו מיר, און מיר האָבּען אויך איינס דאָס אַנדערע דעם יאָהר־השבּון זיך אָבּגעגעבּען, נאָר קיין איינ־ציגען נגון האָט זיך הײַנטיגס יאָהר ניט אַרויסגעריסען. צו־שרעקליך איז דער השבּון, צו־פיעל אונשולדיג בּלוט האָט זיך הײַנטיגס יאָהר פערגאָ־סען...

עס ווילט זיך איצט אויך ווי אַלע יאָהר אין דער צײַט אויסגיסען דאָס פערבּיטערטע האַרץ אין אַ ימים־נוראים־נגון, נאָר דער גומען איז פערטריקענט און די אויגען האָבּען הײַנטיגס יאָהר אויסגעגאָסען אַלע טרעה־רען אויף די יונגע לעבּענס, וואָס זענען הײַנטיגס יאָהר אומגעקומען פון דעם שווערד, פון מענשען־היות, פון סקילה און פון חניקה...

די אויגען האָבּען אַלע טרעהרען אויסגעווייינט און אין גומען איז טרוקען. קיין איינציגע שטימע, אַנגעוואָרען דאָס קול, עס זינגט זיך ניט הײַנטיגע ימים־נוראים, אַלץ איז פערגליווערט פון הײַנטיגען שרעקליכען יאָהר.

# II.

## אויף קבר אָבות.

עס איז שווער אויס'ן האַרצען און אויף קבר־אָבות ווייל איך געהן, דאָס פערבּיטערטע האַרץ אויסגיסען האָטש פאַר די טויטע.

נאָר ווי גרויס, ווי לאַנג און ווי ברייט איז היינטיגס יאָהר דאָס יודישע בית־הקברות אויסגעוואַקסען!...

איך געה און געה פון איין קבר צום אַנדערן און זעה ניט קיין ברעג, נאָר פרישע קברים און קברים אָהן אַנ'עק.

איך געה אַ שעה און געה צוויי; איך געה אַ טאָג און געה אַ נאַכט, קברים און קברים אָהן אַ שיעור, קיין ליידיג שטיקעל ערד פאַר מיינע טריט בלייבּט ניט אונטער מיינע פיס; איך זעה מעהר ניט ווי הימעל און קברים. אָט דערזעה איך פון דערווייטענס אַ ליידיג שטיקעל ערד און איך לאָז זיך לופען, נאָר ווי איך קום צו אַהין, איז שוין דאָס שטיקעל אָרט אויסגעגראָבען מיט נייע קברים, וועלכע קוקען מיט די אָפענע מיילער גלייך צום הימעל און וואַרטען אויף עפּעס...

— שמש! — בעט איך זיך — פיהרט מיך צו צו אַ ברעג!...

און מיר געהען און געהען, און דער שמש שטעלט זיך אַלע מאָל אָב ביי אַ פרישען קבר און מאַכט אַ „אֵל מלא רחמים“... און אָט שטעלט ער זיך אָב ביי גאַנצע בערג קברים...

— דאָ ליגען די טראָיאַנאָווער... — דערצעהלט ער; דאָ ליגען די זשיטאָמירער... די ביאַליסטאָקער... די... און די...

— שמש, האָט רחמנות, גענוג!...

דער שמש הערט מיך ניט און שטעלט זיך אָב ביי יעדען בערגעל, ביי יעדען היינט־יאָהריגען קבר און מאַכט „אֵל מלא רחמים“ און פון מיינע אויגען קוועטשען זיך אַרויס די לעצטע טראָפּען טרעהרען, שוין געמישט מיט בלוט און פאַלען אויף די בערג קברים.

דער שמש שפּאַנט ווייטער.

— שמש, — פרעג איך, — וועט אַמאָל זיין אַ ברעג צו דעם יודישען בית־הקברות? נאָר דער שמש ענטפערט מיר ניט, ער ווערט פאַר מיינע אויגען פערשוואונדען, און איך בלייב וויעדער אַליין. איך זעה שוין מעהר ניט דעם שמש, נאָר אַלע מאָל פון אַנ'אַנדער זייט הער איך פון

דערוויַיטענס זייַן פערביטערט קול: „אל מלא רחמים!“

די נאַכט רוקט זיך אָן און איך שטעה בײַ די בערג קברים, איך קאָן זיך ניט אָבריַיסען פון די יונגע לעבענס, פון די יונגע וועלטען.

שווער איז מיר אויף דעם הארצען און פינסטער איז מיר אין די אויגען, נאָר פּלוצלונג דערזעה איך אַ העלע ליכטיגקייט שייַנען אויף די בערג, און אין דער דאָזיגער ליכטיגקייט, וועלכע פינקעלט מיר אין די אויגען, זעה איך, אייַנגעהילט אין דינע קליידער, געהאָפטענע פון זילבער, יונגע נשמות; זייערע פּנים'ער שטראַהלען און זייערע אויגען פינקלען מיט גליק, און די שטראַהלען פון זייערע פּנים'ער הויבען אָן פאַר מיר בע=לייַכטען אַ סטעזשקע, וועלכע איז אויסגעשאָטען מיט יונגע, נאָך ניט=צייַטיגע בלומען.

און ווען איך האָב אָנגעהויבען אַוועקגעהן איבער דער סטעזשקע, האָב איך פון אונטער מיר געהערט אַ שטיל געזאַנג: די סטעזשקע איז אויסגעוואַקסען פון אונזער יונג בלוט...

איך בין געגאַנגען און געגאַנגען, איך האָב שוין מעהר ניט געזעהן קיין קברים, נאָר פעלדער, וועלדער, שטעדט און דערפער, און אומעטום שפּראָצען בלומען...

און איך האָב ווידער אָנגעהויבען צו האָפען אויף אַ גוט נייַ יאָהר, אויף אַ בעסער יאָהר.

---

## III.

## אַ ליכט אין שוהל.

אַלע יאָהר פאַר יום=כפור מעסט די מאַמע דאָס פעלד מיט פאָדים, פון וועלכען זי לעגט קנויטלעך און מאַכט צוויי וועקסענע ליכט: איינס פאַר די טויטע און דאָס צווייטע פאַר די לעבעדיגע.

וויפיעל טויטע, אַזוי פיעל קנויטלעך געפינט זיך אין דעם ליכט פאַר די טויטע.

וויפיעל לעבעדיגע, אַזוי פיעל קנויטלעך געפינט זיך אין דעם ליכט פאַר די לעבעדיגע.

דאָס לעבעדיגע ליכט צינדט זי אָן אין שטוב, און דאָס טויטע ליכט טראָגט מען אַוועק אין שוהל.

— מאַמע? — פרעגען יודישע קינדער, — מאַמע? פאַרוואָס איז דאָס ליכט אין שוהל היינטיגס יאָהר אַסך דיקער, ווי דאָס ליכט אין שטוב?

און די מאַמעס דערצעהלען און דערצעהלען זייערע קינדער וועגען היינטיגען יאָהר, אַז אַזאַ יאָהר זאָל זיך שוין אויף יודען מעהר ניט אומקעהרען, און אַז מיר דאַרפען אויסבעטען ביי דעם, וואָס לעבט אייביג, אַז איבער אַ יאָהר אין דער צייט זאָל שוין דאָס ליכט אין שטוב זיין דיקער, ווי דאָס ליכט אין שוהל...



# אנ'אלטער ניגון.

## I.

דעם מיליטערישען דאקטאר ראמאן איוואנאוויטש ראזענבערג, בשעת ער איז געקומען פון שפיטאל אהיים צו מיטאג, האט דער לאקיי אויף א שען געזילבערט טעצעל דערלאנגט צוויי בריעף.

ער האט זיי צוגענומען און פרעהליך און לעבעדיג האט ער זיך געזעצט צום טיש, וועלכער איז געווען שען סערווירט מיט טיש-זילבער און טייער גלאז-ווארג.

ארום טיש האט שוין דער לאקיי אנגעהויבען ארומטראגען די ערשטע שפייזען. עס האט זיך געהערט דאס דינע קלינגען פון גאפעל-מעסער און גלאז.

ראמאן איוואנאוויטש האט זיך שטענדיג געפיהלט יום-טובדיג זייענדיג ביי מיטאג צוזאמען מיט זיין פאמיליע, ליעב געהאט רעדען און ווערטלען זיך.

מיטאג-צייט איז ביי איהם געוועזען די בעסטע מינוטען פון טאג. אין די מינוטען פלעגט ער זיך אפרוהען פון זיין ארבייט אין שפיטאל און פון זיין גרויסער פראקטיק אין שטאדט.

באלד נאך דער ערשטער שפייז, ווען ער האט איבערגעהאפט צו שטילען דעם הונגער, האט ער אזוי רעדענדיג ביים טיש אויפגעריסען די קאנווערטען פון די צוויי בריעף, וואס דער לאקיי האט איהם ביים קומען דערלאנגט.

אין ערשטען בריעף האָט ער געפונען אַן אײנלאַדונג אויף אַ מאָרגענדיגער זיצונג פון דער געזעלשאַפט פון מיליטערישע דאָקטוירים, וואו ער איז שוין פיעל יאָהרען אַ מיטגליעד.

אויפרײסענדיג דעם צווייטען קאָנווערט, האָט ער אַרויסגענומען אַ שענע קאַרטע, אויף וועלכער צווישען בלעטלעך פון אַן אויסגעמאָלטער בלום, האָט ער איבערגעלייענט: „לשנה טובה תכתב ותחתם“.

אַ דינער וואָלקען האָט זיך ווי עפּעס אָנגערוקט אויף זיין פּנים און זיין גאַנצע פרעהליכקייט און לעבעדיגקייט איז מיט אַמאָל פון איהם פערשוואונדען געוואָרען.

זיין פרוי האָט עס בעמערקט און האָט איהם געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ בריעף.

— גאָר נישט, — האָט ער געענטפערט, — אויף מאָרגען ביי־טאָג האָב איך אַ זיצונג אין אונזער געזעלשאַפט, און די צווייטע איז אַ קאַרטע פון אַ בעקאַנטען.

די פרוי האָט גענומען די קאַרטע, זי אָנגעקוקט און אָהן ווערטער זי צוריק אַנידערגעלעגט.

אָהן ווערטער האָט מען פערענדיגט דעם מיטאָג און מען איז זיך צוגאַנגען פון טיש.

ראָמאַן איוואַנאָוויטש איז מיט די צוויי בריעף אין די הענד אַוועק אין קאַבינעט זיך אָברוהען, „כאַפּען אַ דרימעל“.

נאָר עס האָט זיך ניט געדרימעלט; די יודישע קאַרטע מיט דעם „לשנה טובה“ איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען און דאָס גאַנצע שטעדטיל, סוועניציאַן, פון וואַנען עס איז אָנגעקומען די לשנה־טובה־קאַרטע, איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען צוזאַמען מיט דער שוהל און די בתי־מדרשים, דער אַלטער רב, די צוויי שוחטים, דער חזן מיט די משוררים, און אַלע יודען און ווייבער און קינדער, וואָס דאַווענען אין דער שוהל און אין די בתי־מדרשים, האָט ער געזעהען, גלייך ווי זיי שטעהען פאַר זיינע אויגען, גלייך ווי ער געפינט זיך אויך איצטער צווישען זיי.

אַ שווייס האָט בעדעקט זיין פריהצייטיגען צוקנייטשטען שטערן און אָבווישענדיג זיך דעם שטערן, ווי אייגער נאָך אַ גרויסע אַרבייט, האָט ער אַ זיפץ געטהון.

— באַלד דרייסיג יאָהר זענען שוין פאַראיבער, און זיי, מיין משפחה, פערגעסען נאָך ניט אָן מיר, זיי רעכענען מיך נאָך פאַר זייעריגען... יעדעס יאָהר קומט אַנאַנדערער מיט אַ „לשנה טובה“, צו זוכען אין אַלע ווינקעלעך פון מיין האַרצען, צי עס איז עפּעס נאָך געבליעבען ביי מיר...

און איך בין, האַכט זיך, אַזוי פרעמד, אַזוי ווײַט... שטאַרק ווײַט... אַזוי אָבגעריסען פון זיי... און דאָך, אָט דער „לשנה-טובה"!... דער „לשנה-טובה" צושניידט מײַן האַרץ אויף שטיקלעך...

דער לאָקיי איז אַרײַנגעגאַנגען דערמאַנען זײַן הער, אַז עס איז שוין די צײַט אָנצונעהמען די קראַנקע, וועלכע וואַרטען אין אויפנאַהמס-זאַל און דערבײַ אַנידערגעשטעלט אַ גלאָז סאָדע-וואַסער, וועלכע ער טרינקט יעדען טאָג נאָך דעם נאָכמיטאָגדיגען שלאָף.

II.

אַ שענער פּעטערבורגער טאָג, ווי די טעג, וואָס פאַלען אָפּט אויס אין אָנהויב אָסיען. דער ברייטער נעווסקי פּראָספּעקט קאָכט און זידט, אויף די טראָטואַרען — פיעל שפּאַציער-געהער.

פון אַ גרויס הויז, וואו עס געפינט זיך די פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט פון מיליטערישע דאָקטוירים, האָבען זיך פון שענע טרעפּ אַרויסגעשיט אויף דער גאַס אַ פּאָר צעהנדליג מענשען, געקליידעט אין דער פאָרמע פון מיליטערישע דאָקטוירים. טייל מיט דיקע גענעראַלסקע עפּאָלעטען, און טייל נאָר מיט איינציגע, צווייענדיגע און דרײַענדיגע שטערענדלעך אויף גלאַטע, ווײַסע עפּאָלעטען, יעדער נאָך זײַן טיטעל נאָך.

דער עולם איז זיך באַלד צוגאַנגען יעדער אין זײַן וועג, נאָר צוויי אין מיליטער-דאָקטוירישע קליידער זענען געבליבען שטעהן אויף דעם טראָטואַר, עפּעס רעדענדיג צווישען זיך.

און ווען זיי האָבען זיך שוין געהאַלטען בײַ די הענד זיך צו געזעגענען, האָט פּלוצלונג איינער אַרויסגעריסען די האַנד און זיך פרעהליך אָנגערופען:

— דו ווייסט וואָס-פאַר אַ טאָג הײַנט איז? דו ווייסט, אַז הײַנט איז ניי-יאָהר בײַ יודען — ראש-השנה?...

— נו, איז וואָס?

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען? — זאָל אַלעס געהן צום רוח! איך האָב הײַנט גאָר קיין חשק ניט עפּעס צו טהון אָדער ערגעץ געהן; זעה נאָר, וואָס פאַר אַ זעלטענעם שענעם וועטער הײַנט איז, כמעט זומער, טאָמער וואָלטען מיר זיך אַביסעל אַרויסגעפאָהרען הינטערן שטאָדט. אַזוי

פערברענגען....

בּיזט משוגע געוואָרען? — אין מיטען העלען טאָג, מיר זענען אַזוי בּיידע פערנומען, אַזוי פיעל אַרבּייט.

— איז וואָס? זאָל זיך דאַכטען, אַז מיר זענען יודען... איך האָב שטאַרק חשק היינטיגען טאָג צוזאַמען מיט דיר צו פערברענגען; דערמאָנען זיך אין די יונגע יאָהרען, ווען אַלעס איז געווען אַזוי שען, אַזוי רייצענד, אַזוי גוט... זאָל דער רוח האָפּען די גאַנצע אַרבּייט, אַ גאַנץ יאָהר אַרבּייט מען ווי אַ מאַשינע, האָטש איין מאָל אין יאָהר פערברענגען אַליין ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען...

דערהערענדיג „אַמאָליגע יאָהרען", האָט דער צווייטער זיך ווי אויפגעהאָפּט פון אַ גוטען חלום און פרעהליך זיך אָנגערופען:

מילא, וואָס עס וועט זיין, זאָל זיין, וואַליאַי, הינטער דער שטאָדט! נאָר וואו אַהין?

— אַליץ איינס וואו אַהין, אַבּי הינטערן שטאָדט ערגעץ אין אַ וועלדעל, טיעף צווישען בּוימער אַליין צוזאַמען, אַבּי וואָס ווייטער פון מענשען.

— נו, וואַליאַי! — עי איזוואָשטשיק!

עס זענען אונטערגעפאָהרען עטליכע דראָזשקעס, זיי האָבען אויסגעקליבּען אַ „ריסאַק", דאָס הייסט אַ פערד פון די „אַחשתרגים", מיט אַ קוטשער, וועלכער איז בּרייט געזעסען און געהאַלטען מיט שטאָלץ די לייצען פון דעם שענעם „ריסאַק" אין אַ רוסישען שפּאַן.

און דער דאָזיגער „ריסאַק" האָט זיך מיט די צוויי פּאַרשוינען אַ לאָז געטהון, ווי אַ גלייכע סטרונע, איבּער דעם נעווסקי פּראָספּעקט.

---

# III.

וועניגער ווי אין אַ האַלבּע שטונדע איז שוין דער „ריסאַק" געווען הינטער פעטערבּורג, הינטער אַלע הינטער-גאַסען און פאַבּריקען. נאָך אַ צעהן מינוט, האָט מען שוין גאַנץ פעטערבּורג מיט די אַרומיגע געגענדען געהאַט הינטער זיך און מען איז שוין געפאָהרען מיט דעם פעלד פון איין זייט און אַ וואַלד פון דער צווייטער זייט.

— שטעה! אָט דאָ נעבען וואַלד שטעל זיך אָב, האָט איין פּאַסאַ־זשיר אויסגעשריען.

דער קוטשער האָט האַסטיג אָבגעשטעלט זיין „ריסאַק“, וועלכער איז פול געוועזען אין ווייסען שוים.

די צוויי פּאַסאַזשירען זענען אַריין אין וואַלד און די דראָזשקע איז געבליבען ביים וואַלד וואַרטען.

— אַך, וואָס פאַר אַ שענער טאָג, וואָס פאַר אַ וועטער! האָט זיך איינער אָנגערופען אָבגעהענדיג עטליכע טריט אין וואַלד אַריין.

— וואָס פאַר אַ גוטע לופט איז דאָ! — אַ לעבען, אַ חיות!

אָבגעהענדיג וויט אין וואַלד, אַז מען האָט שוין ניט געזעהן ניט דעם וועג און ניט די דראָזשקע, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אונטער אַני־אַלטען בוים מיט ברייטע צווייגען.

ניט אויפהערענדיג צו רעדען און אָנצוקוועלען פון דער וואַלד־לופט, איז ביי זיי געבליבען אָט דאָ זיך אָפּרוהען.

פרעהליך האָבען זיי אויסגעטהון פון זיך די גרויסע פּאַלטאָ׳ס מיט די עפּאָלעטען און מיט דעם אונטערשלאַק אַרויף האָבען זיי אויסגעלעגט זיי אויף דעם גראָז און זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד.

— פונקט ווי אַמאָל ביי אונז אין סוועציאַן, געדענקסט ל״ג בעומר הינטער דער שטאָדט, ווי מיר פלעגען מיט אונזער רבי׳ן ר׳ קאָפּעל געהן אין וואַלד. עט, ווייס עס דער רוח, עס איז גוט געווען אַמאָל אין סוועציאַן!...

— אוי, נאָך ווי גוט! — פערפאַלען, ברודער, מעהר וועלען מיר שוין אַזעלכע גוטע יאָהרען ניט איבערלעבען!...

אַ פאָר מינוט זענען זיי אַזוי געלעגען שטיל פערטיפט יעדער אין זיינע געדאַנקען.

פלוצלונג שטעלט זיך איינער אויף אויף די קניע און פרעגט דעם צווייטען:

— זאָג נאָר, ראָמאַן איוואַנאָוויטש, וואָס קומט איצטער פאַר ביי אונז אין סוועציאַן?

— רוף מיך איצטער ניט ראָמאַן איוואַנאָוויטש, רוף מיך אַזוי ווי דו פלעגסט מיך רופען אין סוועציאַן. מיר ווייזט זיך אויס, אַז מיר געפינען זיך איצטער אין סוועציאַנער וועלדעל...

דער צווייטער צולאַכט זיך:

— נו, זאָל איצטער ניט זיין ראָמאַן איוואַנאָוויטש, נאָר חיים הירשעל.

— יאָ, חיים הירשעל.

— נו, היים הירשעל, שטעל זיך פאָר, וואָס טהוט זיך איצטער ביי אונז אין סוועַנציאַן?

— איך דאַרף זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, יאַנקעלע, איך זעה עס איצטער מיט מיינע אויגען. גאַנץ סוועַנציאַן איז נאָך אודאי ביים דאַווענען.

— מען דאַרף שוין אודאי האַלטען ביי מוסף.

ער טהוט אַ קוק אויף דעם זייגער.

— יאָ, אודאי... דער הזן געהער איצטער זינגען ית־גד־ל!...

און ביידע הברים פון איין שטאָדט, פון איין חדר, האָבען אויף איין קול אָנגעהויבען צו זינגען דעם ית גד ל מיט דעם ימים־נוראים־ניגון: ית־גדלל! וי־ת־ק־דשש!...

און דער אַלטער ימים־נוראים־נגון האָט געהילכט איבער דעם וואַלד און זיך צוגאַנגען צווישען די בוימער ווייט, ווייט, ית־גד־לל?! וית־ק־דשש!??!

און יעדעם מאָל, ווען זיי האָבען אויסגעצויגען דעם נגון פון יתגדל ויתקדש, האָט זיך פונ'ם וואַלד געהערט אַ'ענטפער: בים־באָם. אַי, אַ אַי, אוי יאַי אוי!... טאַלאַ בים־באָם!???!...

און דער „בים־באָם" מיט דעם „אַי אַי" און מיט דעם גאַנצען יו־דישען דרעה, איז אויסגעקומען, ווי משוררים העלפען אונטער...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רוה, האָט איין דאָקטאָר געפרעגט ביים צווייטען מיט דער גרעסטער פערוואונדערונג, — ווער קען דאָס אונטערהעלפען אונזער „יתגדל"?

— עט, עס ווייזט זיך דיר נאָר אויס.

— עס ווייזט זיך מיר אויס, זאָגסטו? לאָמיר פרובירען נאָך אַמאָל.

און זיי האָבען ביידע ווידער אָנגעהויבען זינגען.

— ית־ג־ד־לל?!?... וי־תק־דשש!??...

און באַלד דערנאָך ענטפערט דער וואַלד:

— בים־באָם, אַי, אַי! אוי יאַי, אוי!?... טאַלאַ בים, באָם!?!?...

— טאַקי, האָבען זיי ביידע זיך אָנגערופען מיט גרויס פערוואונדערונג.

— שוין־זשע העלפען אונז די בוימער אונטער ווי משוררים? לאָמיר נאָך אַמאָל פרובען.

און ווידער האָבען זיי אָנגעהויבען זינגען „יתגדל" און ווידער האָט מען זיי געענטפערט ווי משוררים דעם געוויסען ימים־נוראים'דיגען צווינג „בים־באָם", „אוי.אוי!?"

— צי איז דאָס אַ ווידער־קול פון סוועַנציאַן?

זיי זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער, אָנגעטהון די פאַלטאָ'ס און איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן:

— ווייסט וואָס? לאָמיר געהן נאָך דעם קול, מיר וועלען זינגען „יתגדל“ און מיר וועלען נאָכגעהן דעם קול, וואָס ענטפערט אונז מיט „בים־באָם“.

און ניט אויפהערענדיג זינגען דעם „יתגדל“, זענען זיי אַזוי געגאַנגען איבער דעם וואַלד נאָך דעם קול „בים־באָם“ און וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען, האָט זיך דאָס קול אַלץ געהערט דייטליכער און קלאָרער.

אַזוי געהענדיג נאָך דעם קול, זענען זיי צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו דער „איזוואָזטשיק“ איז געשטאַנען מיט זיין דראָזשקע, זיצענדיג אויף דער „קעלניע“, און די צוויי דאָקטוירים האָבען דערזעהן, ווי ער האַלט אונטער די באַק מיט דער האַנד ווי אַ חזן און זינגט און דרעהט דעם ימים־נוראים'דיגען ניגון: „בים־באָם, אַי, אַי, טאַלאַ בים, בים־באָם!!!“

— עי, באַרין, האָט ער געענטפערט לעבעדיג, איך בין אויך אַמאָל אַ יוד געוועזען, אַ „קאַנטאָניסט“ בין איך געוועזען, און איצטער אַני'איזוואָשטשיק.

— וואָס־זשע זינגסטו פּלוצלונג?

— איך האָב געהערט זינגען — האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטען, עס האָט זיך אַליין אונטערגעזונגען... עס איז אַן'אַלטער נגון, וואָס פערגעסט זיך ניט...



# מלקות.

(ערצעהלונג אוים די קינדער־יאָהרען).

## I

פון אַלע מענשען, וועלכע איך האָב אַמאָל ליעב געהאַט אין מיין לעבען, איז מיר געוויס דער ליעבסטער געוועזן — הירשעל דער שמש פון אונזער בית־המדרש.

זיצענדיג אויף מיין טאַטענס „שטאָדט", פלעג איך ליעב האָבען קוקען אויף איהם; אומעטום האָט מען איהם אַרויסגעזעהן, קיינמאָל האָב איך איהם ניט געזעהן זיצען, נאָר שטעהן נעבען בעלעמער אָדער אַרומלויפען צווישען די שטענדערס, ווען דער גבאי, דער רב און אַזוי בעלי־בתים פלעגען איהם רופען; יעדען האָט ער געפּאָלגט מיט אַ פּנים, אויף וועלכען עס איז שטענדיג געוועזען אויסגעגאָסען אַ צופריעדענקייט, און מיר פלעגט זיך אויסווייזען, אַז קיין בעסער פערגניגען איז ביי איהם ניט געוועזען, ווי אַז מען האָט זיך מיט איהם געשאַפט, און יעדען פלעגט ער ענטפערן:

— באַלד, באַלד, די מינוט...

ווען מיר, יונגלעך, פלעגען יום־טוב זיך אַרומשטעלען נעבען בעלעמער, ווען מען פלעגט פערקויפען די עליות, און הערענדיג ווי הירשעל שרייט מיט זיין רייסענדיג שוואַך קול: „דריי גילדוין שלישי, זעקס גילדוין „מפטיר"", פלעגען מיר איהם זיך נאָכקרימען, פלעגט דער גבאי איהם איבעררייסען דאָס קול און אונז הייסען צוטרייבען; הירשעל פלעגט דעמאָלט אויף אונז אַ קוק טהון מיט אַזויגע רחמנות'דיגע אויגען, אַז מיר

פלעגען אַוועקגעהן און זיך מעהר ניט נאָכקריכען.

ער האָט אונז קיינמאָל ניט געשלאָגען, נאָר געבעטען זיך ביי אונז, און ווי האָט ער אונז געקענט שלאָגען, אַז ער אַליין איז געוועזען שוואַך ווי אַ פליעג און יעדעם יונגעל האָט איהם געקאָנט איבערקעהרען!

אַ קליין אויסגעדאַרט מענשעל, דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטען אָן אַ זייט, איין אַקסעל איז ביי איהם העכער פון צווייטען, לאַנגע דאַרע הענד, מיט אַ איביג דערשראָקען פנים, שטענדיג שטיל, קיין וואָרט האָט מען פון איהם ניט געהערט רעדען; יעדער איז איהם געקראָכען אויפ'ן קאָפּ, יעדערן האָט ער אָבגעשוויגען און יעדערן געפאָלגט, וואָס מען האָט איהם געהייסען. דאָס איינציגע, וואָס האָט איהם צוגעגעבען אַ שטיקעל פנים, איז געווען זיין באָרד, מיט וועלכער גאָט האָט איהם בעשאָנקען פון זיין פולער האַנד. אָנגעהויבען האָט זיך די באָרד ניט ווייט פון אונ־טער די אויגען און האָט זיך געצויגען לאַנג ווי ביים שענסטען יודען, נאָר הירשעל פלעגט גאָטס גאָב ניט אָבהיטען און זי איז ביי איהם געוועזען צובאָרשטען, צודרעהט און האָט זיך איהם נאָכגעהאַנגען, ווי אַן איבע־ריגע זאַך.

און ניט נאָר זיין באָרד, נאָר דער גאַנצער הירשעל האָט אַזוי אויס־געזעהן:

זיין געהן, זיין רעדען און יעדער ריהר פון זיינע אברים האָבען גע־זאָגט: „עס איז איבעריג".

איך האָב הירשלען ליעב געהאַט פון רחמנות, וואָס ער האָט געמוזט בעשאַפען ווערען אויף דער וועלט און לייַדען פון רב, פון די גבאים און פון אַ גאַנץ בית־המדרש יודען מיט יונגלעך.

און פונדעסטוועגען איז געוועזען איין טאָג אין יאָהר, אין וועלכען מיר יונגלעך פלעגען מורא האָבען און ציטערן פאַר הירשעל דעם שמש און ניט נאָר מורא, נאָר אויך דרך־ארץ האָבען פאַר איהם.

---

## II.

דאָס איז געווען דער טאָג פון ערב יום־כפור נאָך שחרית, ווען די פיינסטע בעלי־בתים און אפילו דער רב און אַזוי עהרליכע יודען פלעגען צוגעהן צו הירשלען, וואו ער איז דעמאָלט געשטאַנען אין אַ ווינקעל

פֿון בית־המדרש, און זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע לעגען פֿאַר זיינע פֿיס אויף אַלע פֿיער און הירשעל, האַלטענדיג אַ ברייטען לעדערנעם רימען, פֿלעגט אויף יעדענס פּלייצע געבען ניין און דרייסיג קלעפּ.

גאָר אַנדערש האָט הירשעל דער שמש דעמאָלט אויסגעזעהן! ניט צו דערקענען איז דענסטמאָל געוועזען הירשעלס פּנים, מיט אַ גאַנצען קאָפּ איז ער דעמאָלט אויסגעוואַקסען, און שטאַרק און גרויס ווי אַ גבור האָט ער אויסגעזעהן, אפילו זיין קרומער אַקסעל האָט, דאַכט זיך, דעמאָלט זיך אויסגעגלייכט מיט דעם צווייטען אַקסעל.

ווי קליין, וואָס פֿאַר אַ גאָרנישט האָט דענסטמאָל אויסגעזעהן אונזער גביר ר' זלמן אהרן זעלדעס, וואָס האָט פֿערמאָגט אַ גאַנץ געסעל הייזער און וואָס נאָך צעהן מאָל אַזוי פֿיעל הייזער זענען ביי איהם געווען פֿער'משכּונ'ט און דאָס גאַנצע בית־המדרש און די גאַנצע שטאָדט פֿלעגט ציטערן פֿאַר זיינס אַ וואָרט! אָט דער ר' אַהרן זעלדעס פֿלעגט מיט זיין גרויסען, ברייטען בויך זיך לעגען אויף אַלע פֿיער פֿאַר הירשעל'ס פֿיס און ער פֿלעגט איבער דעם גביר'ס ברייטע, געזונדטע פּלייצעס אָבצעהלען ניין און דרייסיג קלעפּ, זאָגענדיג דערביי: והוא רחום יכפּר עון... אמת, דעם גביר האָט ער געקלאַפּט מיט דרך־ארץ, אָבער פֿאָרט געקלאַפּט.

ביי אונז אין בית־המדרש האָט מען געוואוסט, ווער עס איז אַ פֿרומער יוד און ווער עס איז ניט קיין פֿרומער יוד.

אָט איז צוגעקומען צו הירשל'ען ר' שלום איצע, אַ יוד, וואָס קומט יעדען טאָג דאַווענען, לעגט צוויי פּאָר תּפֿילין און פֿאָהרט עטליכע מאָל אין יאָהר צו'ם רבי'ן.

איך שטעה נעבען הירשל'ען און נעהם ניט אַראָב די אויגען פֿון יעדען ריהר, וואָס ער טהוט; אויף זיין פּנים האָט זיך אַרויסגעדריקט אַנ'ערנסטקייט און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז אַלע אין בית־המדרש ציטערן פֿאַר איהם, און ער דאַרף נאָר אַרויסלאָזען אַ וואָרט, וועלען איהם אַלע אין היינטיגען ערב־יום־הדין פֿאָלגען, וואָס ער וועט נאָר שאַפֿען. אָבער הירשעל רעדט ניט; זיינע ליפּען זענען צונויפֿגעקוועטשט בעזוליך, אַלע קניהען פֿאַר איהם, און געשווינד קלאַפּט ער די מלקות איבער אַלערליי שמאָלע, ברייטע און איינגעהויקערטע פּלייצעס, ניט אויפֿהערענדיג צו זאָגען בעת'ן קלאַפּען: והוא רחום יכפּר עון...

און ווען ר' שלום איצע האָט זיך אַנידערגעלעגט, האָט הירשעל קוים אָנגעריהרט מיט זיין רימען ר' שלום איצע'ס פּלייצעס, ער האָט עפּעס נאָר געטהון מאַכען ווי ער קלאַפּט. אויף הירשעל'ס פּנים האָט

זיך בעוויזען אַ יודישע ווײַבקײַט; קוקענדיג אויף איהם איז מײַן האַרץ אויך ווײַכער געוואָרען, טראַכטענדיג: אַזאַ צדיק ווי ר׳ שלום איצע, וואָס האָט ניט קײַן זינד, דאַרף מען ניט שלאָגען קײַן מלקות, מאַכט ער נאָר ווי ער שלאָגט, קוים וואָס ער ריהרט אָן די פּלײַצעס.

נאָך ר׳ שלום איצע׳ן האָט זיך אַנידערגעלעגט ר׳ יודעל, דער אַלטער שוסטער, וועלכער האָט קוים געקאָנט דאַווענען, ליעב געהאַט דעם טרונק און קײַנמאָל ניט געהאַלטען וואָרט, ווען ער האָט צוגעזאָגט ברענגען אַרבײַט.

„ער האָט אַ סך עבירות, איהם קומט שלאָגען שטאַרקער די מלקות“, האָב איך זיך געטראַכט און האָב זיך מחיה געוועזען, ווי עפּעס אַ נײַע נשמה וואָלט אין מיר אַרײַנגעזעצט געוואָרען, ווען הירשל׳ען איז דער אייגענער געדאַנק אַרויפגעקומען און ער האָט איהם געקלאַפּט אַביסעל שטאַרקער ווי ר׳ שלום איצע׳ן. די פריהעריגע ווײַכקײַט איז אַראָב פון הירשעל׳ס פּנים און אויף זײַנע ליפּען האָט זיך ווידער געוויזען אַנ׳ ערנסטקײַט מיט אַ בעזקײַט צוזאַמען.

נאָך יודעל דעם אַלטען שוסטער איז צוגעקומען משה׳לע בחור.

אַז הירשעל האָט איהם דערזעהן, איז זײַן פּנים בלאַס געוואָרען, די הענד האָבען איהם אָנגעהויבען צו ציטערן, און אַז איך האָב דער־זעהן משה׳לע בחור, האָבען זיך די פיס בײַ מיר אָנגעהויבען אונטער־צוהאַקען.

---

## III.

די גאַנצע שטאָדט פון גרויס ביז קלײַן האָט איהם געקענט פאַר אַ רשע; ער איז געוועזען דער אײנציגער אין שטאָדט, וואָס האָט גע־געסען טרפות, געראויכערט בפרהסיא שבת אַ פּאַפּיראָס, אָפען געלאַכט פון רבי׳ן, און ניט קוקענדיג אויף זײַנע פינף און פערציג יאָהר, האָט ער מעהר ניט התונה געהאַט, האָטש זײַן ערשט ווײַב איז איהם גע־שטאָרבען צוריק מיט אַ יאָהר פינף און צוואַנציג, און ער איז געזעסען הינטער דער שטאָדט אָהן חופּה וקדושין מיט אַ דינסטמיידעל, וואָס האָט אַמאָל געדינט בײַ דער רביצין צוועלף יאָהר און כמעט אויס־געוואַקסען בײַ׳ם רב אין שטוב.

אָט אַזאַ מין רשע איז געוועזען משה'לע בחור, און קיינער האָט איהם גאָרניט געקאָנט טהון, און ער האָט פון יעדען געלאַכט.

אין שטאָדט האָבען זיך געפונען נאָך רשעים, נאָר אַזוינע ווי ער איז ניט געוועזען; דאָס האָט אפילו אַ קליין קינד געוואוסט, און יעדען פסח צו'ם סדר, ווען איך פלעג אָנקוקען אין דער הגדה, וואו עס איז אויסגעמאָלט דער רשע נעבען חכם מיט דעם תם, בין איך זיכער געוועזען, אַז דאָס מיינט מען געוויס משה'לע בחור.

אין אַלע אומגליקען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין שטאָדט: שרפות, שלאַפקייטען אויף קינדער, אָדער אַז דעם פריץ איז אַיינגעפאַלען צו מאָהנען ביי די יודען די ערד, אויף וועלכער זייערע קלייטלעך און דער גאַנצער מאַרק איז געשטאַנען, און האָט פערלאַנגט, מען זאָל די קלייטלעך אַראָבוואַרפען, — אין די אַלע אומגליקען — האָט מען געזאָגט — זענען שולדיג משה'לע בחור'ס גרויסע זינד.

איך אַליין, אַ חוץ וואָס איך בין איהם געוועזען אַ דם־שונא, דערפאַר וואָס ער איז אַזאַ גרויסער רשע, האָב איך איהם נאָך פיינד געהאַט אויך דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אַליין אַ סך שלעכטס געטהון.

פרייטאָג, ווען די מאַמע האָט מיך לכבוד שבת אויסגעצוואָגען, אַרומגעוואַשען, אָנגעטהון אין מיינע שבת'דיגע מלבושים'לעך, מיך אויסגעפוצט און פערדרעהט שען מיינע פאה'קעלעך, פלעג איך אַ גליקליכער אַרויספליהען פון שטוב און קוקען אויף דעם שענעם דרויסען. און אַז משה'לע בחור, ימח שמו, פלעגט דענסטמאָל דורכגעהן פאָרביי אונזער שטוב, פלעגט ער מיך ווי אַ רשע אָנהאַפען ביי דער פאה, זאָגענדיג:

— האָסט שוין געגעסען צימעס מיט לאָקשען? ווען ווערסטו שוין אַ חתן? דיין טאַטע האָט שוין צו דרייצעהן יאָהר חתונה געהאַט, און דו ביזט נאָך אַ בחור!

אַזוי פלעגט ער פון מיר לאַכען און חוזק מאַכען, און אַזוי האַלטענדיג מיט זיינע גרויסע, גראָבע פינגער מיינע פאה'קעלעך, פלעגט ער זיי צובאַרשטען.

— רשע! — פלעג איך איהם נאָכשרייען. ער פלעגט אָבלאָזען מיינע פאות און איך פלעג אַנטלויפען.

אַ גאַנץ יאָהר פלעגט ער נאָר טהון עבירות, נאָר ווען עס איז געקומען ערב יום־כפור, פלעגט ער מיט אַ טלית קומען דאַוונען, ווייל מען האָט דערצעהלט, אַז ווען ער האָט אַמאָל חתונה געהאַט און זיין ווייב האָט דערזעהן צו וואָס פאַר אַ רשע אַ מאַן זי איז אַריינגעפאַלען, איז זי פון גרויס צער געשטאָרבען באַלד נאָך דער חתונה. נאָר דער

טלית איז איהם געבליבען עד היום ניי ווי א שפיגעלע, ווייל ער פלעגט אין איהם דאווענען נאר פון איין יום=כפור צו'ם אנדערן.

ער פלעגט אריבערוואַרפען דעם טלית איבער דעם קאפ און דאווענען ווי אנ'ערהרליכער יוד. נאך דעם דאווענען פלעגט ער זיך לאזען שלאגען מלקות און גאַנץ יום=כפור ניט אַרויס פון בית=המדרש און כאַסטען.

זיין פנים האט דענסטמאל אויסגעזעהן ערנסט און דערשראקען און מיר אַלע האבען געוואוסט, פאַרוואס ער שרעקט זיך אַזוי שטאַרק: ווארום ווער רעדן האט נאך געהאַט אויף זיך אַזוי פיעל עבירות ווי משה'לע דער בחור?

אבער ווי עס איז נאר געקומען נאך יום=כפור, איז ער געווארען צוריק דער אייגענער רשע וואס פריהער און ווידער געטהון א גאַנץ יאהר גרויסע עבירות.

---

## IV.

ערשט נעכטען פאַרנאַכט, ווען איך בין געזעסען אויף אונזער גאַניק, איז משה'לע בחור פאַרבייגעגאַנגען נעבען אונזער שטוב און אַז ער האט מיך דערזעהן, האט ער זיך אבגעשטעלט און האט מיך געפרעגט מיט א געלעכטערל פון א רשע:

— האסט שוין געשלאגען כפרות? ווייז מיר נאר דיין ווייסען האהן!...

איך האב זיך פון איהם אויסגעריסען און בין אַנטלאפען אין שטוב.

ביי אונז אין שטוב איז געגאַנגען האַדאַראַם. די מאַמע איז געוועזען שטאַרק פערנומען מיט אַרויסנעהמען די כפרות פון די שטייגען. העהנער און היהנער האבען געשריען מיט אַלטע און יונגע קולות. איך האב זיך געפלאנטעט נעבען דער מאַמע'ן און געבעטען, מען זאל מיר געבען מיין כפרה. די מאַמע האט מיך עטליכע מאל אַוועקגעשטויסען פון זיך. דער טאַטע, וואס איז געזעסען איבער א ספר, האט היינט אויף מיר ניט געשריען; ער האט נאר געזאגט, עס זאל זיין שטילער. איך האב זיך אבער ניט בערוהיגט, ביז מען האט מיר מיין כפרה אַוועקגעגעבען.

— נאַ, און גיב אַכטונג, זי זאָל זיך ניט אויפבינדען און ניט אַנטלויפען! — האָט מען מיר געזאָגט.

ווי אַ מאַמע האַלט אויף די הענד איהר ליעב קינד, אַזוי האָב איך געהאַלטען מיין כפרה; דאָס איז געוועזען ניט קיין גרויס, נאָר אַ וויים, שען הענדעלע מיט אַ שען, רויט קעמעלע אויף דעם קאָפּ.

איך האָב זיך מיט מיין הענדעלע אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקעל, פריהער עס אַביסעל געגלעט און דערנאָך געקוקט עס גלייך אין די אייגעלעך.

איך האָב גענומען אַ שטיקעל בולקע, געמאַכט ברעקלעך און גע־געבען עס עסען.

— עס וועט ניט עסען, ווייל עס איז געבונדען, — האָט מען מיר געזאָגט.

באַלד האָב איך עס אָבגעבונדען, נאָר כדי עס זאָל ניט אַנטלוי־פען, האָב איך גענומען מיין לעדערן פּאַסיקעל, וואָס איז געוועזען מיט אַ ספּראָנטשיק, און עס פערטשעפּעט ביי איין פיסעל, האַלטענדיג אין דער האַנד דעם עק פון דעם פּאַסיקעל. באַלד האָט עס אָנגעהויבען פּיקען די ברעקלעך און איך האָב געקוואָלען קוקענדיג.

דעם גאַנצען אויף־דער־נאַכט האָב איך זיך אַזוי געשפּילט מיט מיין הענדעלע.

פּלוצלונג דערהער איך, ווי דער טאַטע זאָגט:

— זאָלען אַלע שלאָגען כפרות, וואָרום באַלד וועט קומען צו אונז דער שוחט.

איך האָב אַ ציטער געטהון און צוגעטוליעט מיין הענדעלע נעהענ־טער צום האַרצען...

— עס איז נאָך צייט, — האָט די מאַמע געזאָגט. — דער שוחט איז נאָך אפילו אויף אונזער גאַס ניטאָ.

איך האָב גענומען מיין הענדעלע און בין אַרויס אויף אונזער גאַניק און זיך געזעצט אויף די טרעפּלעך.

דער לויטערער, רייינער הימעל האָט געבליאַסקעוועט און געפּינ־קעלט מיט טויזענדער שטערן און מיט גאַנצע קופּקעלעך קליינע שטע־רענדלעך. אין אַלע שטיבער האָט זיך געלויכטען. אין דער שטילער, רוהיגער נאַכט האָט זיך נאָר געהערט קולות פון היהנער מיט הענער און פון איין שטוב האָבען זיך די כפרות־קולות שרעקליכער געהערט ווי פון אַלע.

„דאָרטען איז דער שוחט און קוילעט זיי", האָב איך מיט שרעק

צו זיך געזאגט און פעסטער געטוליעט צום הארצען מיין שען, ווייס העהנדעלע.

„ווי גוט וואלט געוועזען, אז עס זאל ניט זיין קיין רשעים!“ האב איך זיך געטראכט: „מען וואלט קיין עבירות ניט געטהון, מען וואלט געוועזען ריין פון זינד, וואלט מען פערשפארט נעביך אזוי פיעל העהנער און היהנער קוילען“.

און עס איז ביי מיר אויסגעקומען, אז אין דעם איז אינגאנצען שולדיג דער רשע משה'לע בחור, און איבער אזוינע רשעים מוז מען קוילען כפרות.

די שרעקליכע קולות פון די העהנער און היהנער האבען זיך אליץ נעהענטער און נעהענטער געהערט צו אונזער שטוב... איך האב זיך אנגעהויבען שרעקען און מורא געקריגען און בין צוריק אריין אין שטוב.

— שוין אזוי שפעט, און דער שוחט קומט ניט. קום שלאגען כפרות און געה שלאפען — האט די מאמע געזאגט צו מיר און אויסגעמישט דעם „בני אדם“ אין איהר קרבן=מנחה...

— איך וויל ניט, איך וועל ווארטען גלייך מיט דעם טאטע'ן, ביז דער שוחט וועט קומען, — האב איך זיך איינגעשפארט, — איך וויל ניט שלאפען...

---

## V.

איך האב זיך ווידער אנידערגעזעצט מיט מיין ווייס העהנדעלע און געגלעט עס איבער זיינע קלארע, ווייכע פעדערן און געקוקט עס גלייך אין די אויגעלעך.

איך זעה, ווי מיין העהנדעלע פערמאכט אלע מאל איין אויגעל און עפענט עס, פערמאכט און עפענט עס... מיינע אויגען הויבען מיר זיך אויך אן קלעפען...

און איך פיהל, ווי מיין ווייס, שען העהנדעלע רייסט זיך ארויס פון מיינע הענד, ווארפט אראב פון דעם פיסעל מיין פאסיקעל מיט דעם ספראנטשיקעל און צושפרייט זיינע ווייסע פליגעלעך, וועלכע ווערען אליץ גרעסער און גרעסער; דערנאך בויגען זיך אן פאר מיר אין

דער נידעריגער בייזע גרויסע פליגעל און זעצען מיך אַרויף אויף זיך, און מיין ווייס העהנדעלע הויבט זיך אויף אַלץ העכער און העכער, ביז אונטער'ן לויטערן, ריינעם הימעל, וואָס בלאַסקעוועט און פינקעלט מיט טויזענדער שטערן און מיליאָנען שטערענדלעך.

מיין ווייס העהנדעלע טראָגט און טראָגט מיך אויף זיינע גרויס-אויסגעוואַקסענע, זילבער-ווייסע פליגעל.

איך פליה און פליה אין דער לופט העכער און העכער ביז אונ-טער דעם הימעל, און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט שפיר איך, ווי אונטען, פון דער ערד, הערען זיך שרעקליכע קולות פון „יודישע כפרות".

— דאָס שרייען די זינדיגע נשמות פון די רשעים! — הער איך אַ קול, וואָס לויפט אַרום אין דער לופט ווי אַ דונער...

מיין האַרץ פלאַטערט, און די ווייסע פליגעל, וואָס טראָגען מיך אין דער לופט, ציטערען.

פלוצלונג ווערט מיר העל און ליכטיג אין די אויגען. איך קוק מיך אום און זעה, ווי מלאכים מיט ווייסע פליגעל, מיט גרויסע פע-דערס אין די הענד, שרייבען און חתמ'נען, און מלאכים מיט שוואַרצע פליגעל קומען צופליהען אַלע מאָל מיט נייע נשמות אין די הענד און רופען אויס זייערע נעמען.

איך הער אויך, ווי די מלאכים מיט די ווייסע פליגעל רופען אויס: מען זאָל ברענגען דעם גרויסען רשע'ס נשמה!

אַ מלאך מיט שוואַרצע פליגעל ברענגט זי באַלד און רופט אויס דעם נאָמען: „משה'לע בחור".

איך הויב אָן צו ציטערן...

. . . . . . . . . . . . . . .

## VI.

— דער שוחט איז געקומען! — הער איך פלוצים אַ געשריי.

איך עפען די אויגען און זעה, ווי די מאַמע דרעהט אַרום מיר די כפרה אין איין אַיילעניש.

— זאָג נאָך: „בני אָדם"... זאָג!... דער שוחט איז געקומען!...

איך פיהל דאָס פּאַטשען מיט די פליגעל איבער מיין קאָפּ; איך זעה, ווי די מאַמע מיט אונזער דינסט האַפען מיין ווייס העהנדעלע

און נאך א סך כפרות און מען לויפט צום גאניק. איך לויף נאך... אין די אויגען טהוט מיר א זעץ א טונקעל=ברוינע שיין פון א לאמטערן מיט פערקאפטשעטע שווארצע גלעזלעך, וואס עס האלט א יוד מיט א שווארצער בארד, נעבען איהם שטעהט דער שוחט מיט א גרויסער פערפלאנטעטער רויטער בארד און מיט פערקאטשעטע פאלעס, אין דער האנד האלט ער א חלף, וואס איז אויך רויט פון דעם פערקאפטשעטען לאמטערנס אבשיינען. א געשריי פון ניט=דערקוילעטע און נאך ניט געקוילעטע כפרות; א געפילדער פון ווייבער און פון פעריאחמערטע דיענסטמיידלעך; פערוואָרפענע און פערבלוטיגטע קעפלעך פון ווייסע הינגער און הענער... א געשריי פון דעם שווארצען יודען מיט דעם פערקאפטשעטען לאמטערן:

— גיכער! גיכער! דער שוחט האט קיין צייט ניט!...

דער רויטער שוחטווארפט די געקוילעטע עופות אין דער לופטען; זיי פאלען אויף דער ערד, פאטשען מיט די פליגעל און הארהלען מיט די פערבלוטיגטע העלזער...

איך פאל פון די פיס. מען פיהרט מיך אריין אין שטוב און מען לעגט מיך שלאפען...

---

## VII.

ערב יום=כפור נאך שחרית, שטעהענדיג נעבען הערשעל דעם שמש און דערזעהענדיג ווי דער רשע משה'לע בחור האט זיך אנידערגעלעגט אויף אלע פיער, האב איך געפיהלט, אז דער גיהנם ברענט אונטער איהם און אין הימעל איז א גרויסער רעש געווארען. היים איז מיר געווארען אין אלע מיינע אברים און פאר מיינע אויגען האבען זיך געדרעהט קאליערענדיגע רינגען און רינגעלעך פון וועלכע עס האט געשפריצט קליינע פייערלעך.

„אזא יום=הדין, און אזא רשע!" האב איך זיך געטראכט: „וואס קאן איהם העלפען הירשעל'ס שוואכע מלקות, די אייגענע מלקות, מיט וועלכע מען שלאגט דעם רב און אזא פרומען יודען ווי ר' שלום איצע!"...

איך קוק ווידער ווי הירשעל שלאגט מלקות איבער דעם רשע'ס פלייצעס פונקט אזוי שוואך ווי ר' שלום איצע'ן, נאר הירשעל'ס פנים

האָט זיך פֿערקנייטשט, ווי איינער וואָס ליידט פֿון יסורים, און איך לייען אויף זיין פּנים דאָס, וואָס איך פֿיהל: וועט דען אַזאַ גרויסען רשע מיינע מלקות אַראָבנעהמען זיינע זינד, פֿון וועלכע מיר אַלע ליידען?...

איך ציטער מיט אַלע מיינע אֵברים פֿון שרעק, געמישט מיט רחמנות אויף דעם אומגליקליכען רשע, וואָס דער גיהנם וועט קאַרג זיין פֿאַר איהם. איך פֿערשטעה, אַז משה'לע דאַרף אַ סך תשובה טהון, זיך אַ סך פּייניגען, ביז גאָט זאָל איהם האָטש אַביסעל פֿערגעבען זיינע עבירות, אַז יודישע קינדער און די יודען פֿון די מאַרק-קלייטען זאָלען ניט דאַרפֿען אומזיסט ליידען פֿון זיינע זינד. איך הויב אָן נאָך שטאַרקער רחמנות צו האָבען אויף משה'לע בחור און אויף אַלע יודען און קראַנקע קינדער, וואָס דאַרפֿען נעבּיך אומזיסט ליידען איבער דעם רשע, און עס קומט מיר אויף דעם געדאַנק — העלפֿען דעם רשע מיט עפּעס, אַז אין דעם פֿאָרכטיגען טאָג, אין דעם יום-הדין זאָל איהם גאָט פֿערגעבען האָטש אַ העלפֿט פֿון זיינע זינד; און פּלוצים דערמאָהן איך זיך, אַז איך האָב מיינס אַ לעדערן פּאַסיקעל מיט אַנ'אייזערנעם ספּראַנטשיק, און איך האַפּ אויף גיך אַרויס דאָס לעדערן פּאַסיקעל און גלייך מיט דעם ספּראַנטשיק דערלאַנג איך דעם רשע ווי עס דאַרף צו זיין און אַנטלויף...

איך הער פֿון הינטער מיר, אַז משה'לע האָט אַזש אַ געשריי געטהון פֿון וועהטאָג.

— אַ, אַ, — טראַכט איך מיר, שוין פֿון יענער זייט בית-המדרש, — ער האָט דערפֿיהלט... מיין ספּראַנטשיק האָט איהם גוט דערלאַנגט... עס האָט איהם שטאַרק וועה געטהון... וועט מען זיינע זינד פֿערגעבען און אַלע יודען וועלען ווייניגער געשטראָפֿט ווערען איבער דעם רשע'ס גרויסע זינד!

און פֿון דעם געדאַנק איז מיר מיין האַרץ פֿול געוואָרען מיט פֿרייד, וואָס איך האָב אַ טובה געטהון דעם רשע, אַ טובה געטהון דער גאַנצער שטאָדט יודען...

# סוכות.

# אינהאלט:

סוכות אין זובאַטאָװקע „ 165
„שפּיזען" „ 170
די הקפות „ 173



# סוכות אין זובאטאווקע.

וועןאין שטעדטעל זובאטאווקע וואלט, נישט איצט געדאכט, אנגעקומען די ידיעות פון ביאליסטאקער און דערנאך פון סעדלעצער פאגראם — וואלט דאס נישט געמאכט אויף די זובאטאווקער יודען אזא שרעקליכען איינדרוק, ווי ווען מען האט זיך דערוואוסט עטליכע טעג פאר סוכות, אז עס איז אנגעקומען דער נייער פריסטאו יאקאווענקא און האט ארויסגעגעבען א גזרה, אז ער וועט נישט לאזען בויען קיין סוכות נישט פון קיין ברעטער, נישט פון קיין דראניצעס און אפילו נישט לאזען שטעלען קיין פארטיגע סוכות, וואס איינע פערמעגליכע בעלי-הבתים האבען פערמאגט, אזוי אז יעדען סוכות האבען זיי נאר בעדארפט אראבשלעפען גרייטע פיער וועגד פון דעם בוידעם, זיי צונויפקייטלען און אין איין מינוט איז אויסגעוואקסען א גאנצער בנין מיט א טהיר און מיט פענסטערלעך, ווי נאר א גביר א יוד קאן זיך פערגינען.

אפילו אזא גרייט-געבויעטע גביר׳ישע שענע סוכה האט דער נייער פריסטאו יאקאווענקא נישט געלאזט אויפשטעלען.

נאך דעם אלטען פריסטאווס טויט, ווען מען האט בעשטימט דעם גרויסער פריסטאו יאקאווענקא פאר פריסטאו אין זובאטאווקע, האבען די דארטיגע יודען זיך שוין דערוואוסט פון זייער גרויס אומגליק.

ווען מען איז זיך צוזאמענגעקומען אויף לענטשנער יריד האט מען אויף דעם נייעם נאטשאלניק נאכגעפרעגט ביי די גרויסער יודען.

— וואס איז דאס עפעס פאר א גוי אייער פריסטאו, וואס מען שיקט אראב צו אונז.

— נישט-קשה פאר א גוי, נאר א חסרון האט ער: ער האט פיינד

סוכות; איהר זאָלט איהם האַקען און בראָקען, װעט איהר איהם ניט איינ־רעדען, אַז יודען דאַרפען און מוזען האָבען אַ סוכּה.

— דאָס איז גאָר, עט, אַ קלײניגקײט.

— אַ קלײניגקײט זאָגט איהר, װאַרט אויס, מיר װעלען אי״ה דערלעבען סוכּות װעט איהר פיהלען דעם טעם פון דער גזירה.

— ערשטענס, האָבען געזאָגט די זובּאַטאָװקער, װאָס איז זיך דאָ דערװײל צו זאָרגען, צו סוכּות איז נאָך װײט, ביז דענסמאָל קען אונז נאָך גאָט צושיקען אַנ׳אַנדער פּריסטאַװ, װאָס האָט יאָ ליעב סוכּות, און, צװײטענס, װען אפילו אײער פּריסטאַװ זאָל יאָ בײ אונז בלײבען איבער סוכּות— דאַרפט איהר װיסען, אַז מיר זענען זובּאַטאָװקער, װאָס מיר לאָזען זיך ניט פון אַבי װעמען שפּײען אין דער קאַשע. בײ אונז געפינען זיך אַזעלכע יודען, װאָס קענען אַ רוסיש פּאַפּיער אױך אָנשרײבען און, אַז מען דאַרף, טרעפט מען אפילו אין אײעזד גלײך צום איספּראַװניק און אין דער גובּערניע אפילו צום גובּערנאַטאָר אױך. בײ אונז איז געװען ר׳ יעקעל זיסעל׳ס ז״ל, אַ גאַנץ פרומער יוד, װאָס האָט אַמאָל אױך געטראָפען קײן פּעטערבּורג גלײך צום מיניסטער. ער איז שוין אפילו געשטאָרבען, אַ גוטער מליץ זאָל ער זײן, נאָר אַז מען װעט דאַרפען װעט זיך שוין געפינען אַזעלכער. זובּאַטאָװקע, דאַרפט איהר װיסען, איז נישט גראַיעװ!

— און װאָס איז שײך, האָבען די זובּאַטאָװקער יודען װײטער געדעדט, מען װעט זיך פּרובּען געבּען אין דער יד אַרײן, װי דער שטײגער איז.

— זאָל אײך גאָט אָבּהיטען, האָבען די גרױסצער יודען געװאָרענט, זאָל גאָט אָבּהיטען, איהר װעט איהם נאָך מעהר דער׳רגז׳ענען.

— נו, װעט ער, אײער יאַקאָװענקאָ, מײנען מיר, נישט װעלען מיט גוטען, װעט ער מוזען װעלען מיט בײזען— די זובּאַטאָװקער זענען נישט, מיר בעטען איבּער אײער כּבוד, גרױסצער יודען!

אַזױ װי זובּאַטאָװקער יודען זענען פריהער געװעזען בײ זיך שטאָל און אײזען שטאַרק, אַזױ האָבען זײ אַלע אַראָבּגעלאָזט די נעז, װען דער נײער פּריסטאַװ איז אין די ימים־נוראים־צײט אַראָבּגעקומען קײן זובּאַטאָװקע... און באַלד נאָך יום כּפּור האָבען די סטראַזשניקעס מודיע געװעזען, אַז קײנער זאָל נישט װאַגען אױפשטעלען אַ סוכּה, װאָרום מען װעט זי צװאַרפען און נאָך שטראָפירען פאַר נישט־פאָלגען— װי אין אַ צײט פון קריגס־צושטאַנד...

און די זובּאַטאָװקער יודען האָבען אָנגעהױבען לױפען איבּער דער שטאָדט.

— סטײטש, סטײטש אַזאַ גזר, װאָס איז נישט געהערט געװאָרען;

זייט יודען זענען אין גלות האָט נאָך קיין שום שררה נישט אַרויסגע־געבען אויף זובאַטאָווקע אַזאַ גזר, און דאָ קומט צוגעהן אַ פּריסטאַוו און גאָרנישט, געה טהו איהם עפּעס!

— וואָס הייסט יודען זאָלען נישט האָבען אויף אַזאַ יום טוב קיין סוכּות? וואָס וועט מען טהון, וואו וועט מען עסען? זייט זובאַטאָווקע שטעהט האָט זיך נאָך נישט געטראָפען, אַז אַ יוד זאָל דאַרטען חלילה נישט עסען און אַ טייל טאַקע שלאָפען אין סוכּה, און דאָ פּלוצלונג אַזאַ גזר, אַזאַ אומגליק!

מען איז געלאָפען צום פּריסטאַוו אַליין, נאָר ער וויל נישט וויסען און הערען. ער זאָגט נאָר, אַז ער האָט מורא פאַר שרפות, דאָס שטעדטעל איז אַזוי אויך צופיעל מיט שטרוי און דראַניצעס געדעקט, גראַיעץ, זאָגט ער, איז אַ „סטאָליצע" קעגען זובאַטאָווקע— דאָרט זענען הייזער מיט בלעך און טשערעפּעס געדעקט און פון דעסטוועגען האָט ער גאַנץ ווייניג געלאָזט בויען סוכּות, און דאָ אין אַזאַ שטרויען שטעדטעל, וואו פון איין פונק קען אַוועק גאַנץ זובאַטאָווקע, וועט ער אודאי נישט לאָזען און עס איז אומזיסט דאָס בעטען און רעדען...

— סטייטש, פּריץ, טענה'ן די יודען פאַר דעם פּריסטאַוו, זובאַטאָווקע האָט ב"ה קיין איינציג מאָל נישט געברענט פון קיין סוכּה חס ושלום.

— קיינמאָל נישט, ענטפערט דער פּריסטאַוו, און היינטיגס יאָהר יאָ.

— סטייטש, פּריץ, וואָס זאָגסטו, זובאַטאָווקע שטעהט 800 יאָהר, די הילצערנע שוהל שטעהט שוין אויך ב"ה אַ פּאָר הונדערט יאָהר און אפילו אויף דער שוהל־גאַס איז קיינמאָל נישט געוועזען קיין שרפה חס ושלום.

נאָר רעד היינט, רעד מאָרגען — פּונקט ווי צו דער וואַנד.

— סטייטש, פּריץ, ווי אַזוי זאָל מען עסען אָהן אַ סוכּה?

— עסט יאָ, אָדער נישט, קיין סוכּות וועל איך נישט לאָזען בויען...

צו סוכּות איז געבליבען געצעהלטע טעג. וואָס הויבט מען אָן צו טהון?

נאָך לאַנג טראַכטען איז געבליבען, אַז דער זוהן פון ר' יעקעל זיסעל'ס, וועלכער האָט אַמאָל זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּעטערבורג, זאָל פאָהרען אין אויעזד אַריין גלייך צום איספּראַווניק, זיך קלאָגען אויף דעם פּריסטאַוו און בעטען מען זאָל לאָזען בויען סוכּות.

די צייט איז קורץ און שטעהט נישט, סוכּות איז שוין אויף דער נאָז און ר' יעקעל זיסעל'ס זוהן איז גלייך אַוועקגעפאָהרען און בשלום אָנגעקומען צום איספּראַווניק.

דער איספּראַווניק האָט דעם אויסגעקליבענעם פון זובאַטאָווקער יודען זעהר פיין אויפגענומען און איהם געבעטען זיצען.

— איהר קלאָגט זיך אויף יאַקאָווענקאָ, האָט דער איספּראַווניק זיך אָנגערופען, ווען ער האָט איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיער און אויסגעהערט ר׳ יעקעל זיסעל׳ס זוהן— איהר דאַרפט וויסען, אַז צו אייך האָב איך אַראָבגעשיקט אַ פּריסטאַוו איינעם פון די אָרענטליכסטע מענשען, ער טרינקט נישט, ער נעהמט קיין האַבאַר נישט— הלואי וואָלט איך אין אַלע שטעדטלעך אין אויעזד געהאַט אַזעלכע פּריסטאַוועס— וואָלט איך רוהיג געשלאָפען— אמת ער וויל נישט לאָזען בויען קיין סוכּות, וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַנ׳אומגליק? עסט מען אין שטוב.

— גאָט איז מיט אייך, אדוני פּריץ, וואָס הייסט יודען זאָלען עסען סוכּות אין שטוב?

— פאַר וואָס נישט? מען עסט און גאָרנישט, איך געדענק, האָט דער איספּראַווניק ווייטער געריעדט, ווען איך בין נאָך געווען אַלס יונגער מאַן איז ביי אייך געווען אַ מנהג פיהרען חתן-כלה צו דער חופּה מיט כלי-זמר אין גאַס און שטעלען די חופּה פאַר דער שוהל— איז אָנגעקומען פון גובערנאַטאָר אַ בעפעהל, אַז מען זאָל נישט לאָזען געהן אויף די גאַסען מיט כלי-זמר און שטעלען אַ חופּה אין דרויסען. נו, איז וואָס? האָט מען אָנגעהויבען שטעלען די חופּה אין שוהל, אָדער אין אַ שטוב און יודען ב״ה מעהרען זיך און פרוכפּערען זיך פון אַזוינע חופּות אויך —שטעלט אייך אייערע סוכּות ביי אייך אין די שטיבער מיט דראַניצעס און מיט סכך, אַזוי ווי איהר האָט ליעב, קיינער וועט אייך אין דעם נישט קאָנען שטערען.

— דאָס, פּריץ, טאָר מען נישט!

— ניש-קשה, דאָס אַלץ איז „אַלטע זאַבאַבאָנעס”— קאָכט נאָר אויף יום-טוב גוטע פיש און מאַכט אַ סוכּה יעדער אין זיין שטוב.

זעהענדיג, אַז עס העלפט ניט, איז ר׳ יעקעל זיסעל׳ס זוהן אַוועק-געגאַנגען פון איספּראַווניק מיט אַ צעבראָכען האַרץ און דאָס דערפעשירט קיין זובאַטאָווקע: „וואָס טהוט מען”? איז באַלד אָנגעקומען אַנ׳ענטפער: „צום גובערנאַטאָר”.

נאָר גרינג צו זאָגען צום גובערנאַטאָר, אַז ביז מען וועט פאָהרען אַהין וועט שוין ענטלויפען דער יום-טוב.

נאָר גאָט פערלאָזט נישט יודען בעת צרה. איז געקומען אַ יוד פון אויעזד און האָט געגעבען אַנ׳עצה, אַז איידער פאָהרען צום גובער-נאַטאָר, איז בעסער צו רעדען מיט דער „איספּראַווניטשקע”...

דאָס האָט געהאָלפען. און ווען ר׳ יעקעל זיסעל׳ס זוהן איז צוריק מיט פאָסט אַרײַנגעפאָהרען קיין זובאַטאָװקע איז שוין נעבען יעדער שטוב געשטאַנען אַ פערטיגע סוכּה מיט גרינעם סכך געדעקט, און בעגעגענט דעם שתדלן מיט אַ שמייכעלע...

עד היום דערצעהלען די זובאַטאָװקער יודען פון דעם גרויסען גזר אין יענעם יאָהר און לזכּרון דער „ישועה", וואָס איז דענסמאָל געשעהן, איז ביי די זובאַטאָװקער יודען סוכּות דער טייערסטער און פרעהליכסטער יום־טוב פון אַ גאַנץ יאָהר.

אין קיין יום־טוב אפילו פורים און פסח איז מען דאָרט נישט אַזוי פרעהליך און מען טרינקט נישט אַזוי פיעל „לחיים׳ס" מכּוח „ישועות ונחמות" אויף יודען, ווי אין סוכּות.



# „שפּיזען“.

ווען עס האָט אָנגעהויבען שאַריען אויף טאָג און אין פענסטער האָט אָנגעהויבען בלויען, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין בעטעל, זיך אַרומגעקוקט און אָנגעהויבען זיך צוהערען.

שטיל איז געוועזען, אפילו קיין שאָרך האָט מען נישט געהערט, אַלעס איז געשלאָפען. אפילו דער וועכטער פון שפּיטאָל האָט געשמאַק געדרימעלט. ער האָט אַ קוק געטהון אין פענסטער, דורך וועלכען ער האָט נאָר געזעהן דעם שפּיץ שטיק פון ביקס, וועלכער האָט זיך נישט גערירט.

— די „שפּיז“ שטעהט נישט גלייך, נאָר אין דער קרים — האָט ער געזאָגט, אָנרופענדיג אַזוי דעם שטיק פון ביקס — זי שטעהט אויף איין אָרט און בעוועגט זיך נישט, געוויס שלאָפט דער מידער סאָלדאַט אויך.

ער הערט זיך נאָך שטאַרקער צו — מען הערט נישט ווי געוועהנליך די שווערע טריט הין און צוריק....

אָט די שווערע טריט הין און צוריק, אָט די „שפּיזען“ געגען זיין פענסטער, וועלכע שווינדלען אין זיינע אויגען פאַרביי זיין פענסטער אויך הין און צוריק, איז איהם שוין גענוג בעקאַנט.

שוין מעהר ווי אַ יאָהר, קוקענדיג אין פענסטער און ווילענדיג זעהן דעם הימעל, די זון, די שטערען, זעהר ער מעהר נית ווי שטאָלענע גלאַנצענדיגע שפּיזען און שפּיזען.

געהט ער אַמאָל אויף דעם שפּאַציער זעהט ער שפּיזען, געהט ער אין קאָרידאָר — שפּיזען, פיהרט מען איהם אויף דעם „דאָפּראָס“ — שפּיזען, פיהרט מען איהם אַמאָל אויף אַ „סווידאַניע“ — שפּיזען. איז

ער בײַ זיך אין קאַמער, הויבען װידער אָן צו שװינדלען און ציטערען פאַר זײַן פענסטער שפּיזען און שפּיזען.

ער זעהט זײ בײַטאָג, ער זעהט זײ בײַנאַכט, ער זעהט זײ אין חלום. און טאָג מיט נאַכט שטעכען איהם די דאָזיגע שפּיזען אין אַלע אבֿרים, ביז ער איז קראַנק געװאָרען, און שױן זײַט אַ חודש, אַז מען האָט איהם איבערגעפיהרט אין שפּיטאָל, און אויך דאָ, װאו זײַן געװונד דאַרף זיך פערבעסערן, זעהט ער אויך פאַר זײַנע פענסטער טאָג און נאַכט גלאַנצענדע שפּיזען, װעלכע שטעכען זײַנע אויגען און אַלע זײַנע גליעדער, װי שװאַרצע גרויסע שאָטענס געהען איהם נאָך שױן מעהר װי אַ יאָהר שפּיזען און שפּיזען.

לאַנג האָט ער געטראַכט, װי זיך צו בעפרײַען פון די דאָזיגע שפּיזען, און װאָס װײַטער איז דער געדאַנק פון בעפרײַאונג בײַ איהם שטאַרקער געװאָרען און דער פלאַן װי צו ענטלױפען פערטיגער געװאָרען.

— אַז נישט איצטער, װען אַלעס זינקט אַזױ אין טױטען שלאָף, װען זשע דען װעל איך זיך בעפרײַען פון די שפּיזען? האָט ער מיט האַרץ געזאָגט און איז אַראָב פון בעט און זיך אָנגעהױבען אָנטהון אין דעם װעכטערס קלײדער.

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

אין דרױסען האָט שױן גוט געטאָגט, װען ער האָט זיך געפונען פון יענער זײַט פאַרקאַן פון שפּיטאָל.

ער איז געװאָרען װי צומישט, דערזעהענדיג איבער זיך אַ גרױסען ברײטען הימעל אָהן שפּיזען.

ער האָט אָנגעהױבען מאַכען גיכע טריט, װאָס װײַטער-װײַטער פון שפּיטאָל און װאָס נעהנטער צו די געדיכטע גאַסען פון שטאָדט, װאו עס געפינען זיך װאָס מעהר מענשען, אום פערפאַלען צו װערען צװישען די מענשען, װי אַ נאָדעל צװישען אַ װאַגאָן הײ און געה זיך איהם...

מיט די גליקליכע געדאַנקען איז ער אײלענדיג איבערגעגאַנגען פון אײן גאַס אין דער צװײטער און װאָס װײַטער, האָט ער בעגעגענט װאָס מעהר דורכגעהער, און קײן מאָל האָט ער מיט אַזאַ ליעבשאַפט נישט בעגעגענט קײן מענשען, װי איצטער.

די גאַנצע װעלט מענשען האָט ער איצטער געװאָלט זעהן אַרום זיך.

פּלוצלונג האָט ער געגעבען אַ שטאַרקען ציטער און איז בלאַס געװאָרען: פאַר זײַנע אויגען, העט װײַט איבער די מענשענס קעפּ, האָבען אין דער לופט אָנגעהױבען ציטערן שפּיזען... אין די אויגען האָ-

בען איהם אנגעהויבען שווינדלען ווידער שפּיזען, וועלכע דערגעהנטערן זיך צו איהם אלע מאל נעהנטער און נעהנטער... פּונקט אקעגען איהם געהען זיי... נאך עטליכע מינוט בעגעגענט ער זיך מיט די שפּיזען...

ער וויל זיך אונבעמערקט אריינהאפּען אין א טויער, נאר ניט אלע טויערען זענען שוין אפען, און ווידער — מען קאן נאך בעמערקען. אראבגעהן פון טראטואר — קען מען איהם חושד זיין...

— אפשר וועלען זיי פערבייגעהן, — טראכט ער זיך און געהט זיך גלייך זיין וועג קעגען די שפּיזען...

— נאך עטליכע מינוט.. נאך א פּאר מינוט, — טראכט ער ווייטער אין איין ציטערניש און אין די אויגען שווינדלען איהם שפּיזען...

נאר אט בעגעגענט ער זיך מיט זיי... און א גליקליכער מיט א פול הארץ פרייד זעהט ער, ווי יודען געהען אנגעטהון יום־טובדיג און מיט בעל־הבתי׳שען שטאלץ טראגען זיי אין דערהויך לאנגע, שענע, גרינע לולבים...

א צווייענדיגע פרייד האט איהם ארומגעהאפּט, ער האט פערגעסען, פון וואנען ער געהט און וואוהין ער געהט; ער האט פערגעסען אין זיין יעצטיגער לאגע און נישט ווילענדיג האט זיך פון זיין הארץ ארויסגעריסען ווערטער:

— יודען! היינט איז יום־טוב!? היינט איז סוכות? לולבים, אתרוגים! און איך האב נישט געוואוסט! שטעהט יודען! איך וויל אייך עפּעס זאגען... איך וויל אייך עפּעס בעטען... לאזט מיך בענשען אתרוג...

און נישט ווארטענדיג אויף ענטפער, האט ער אנגעהאפּט א לולב און אנגעהויבען שאקלען, דריקען מיט שמחה צו׳ם הארצען און ווידער שאקלען און ווידער צודריקען צו׳ם הארצען.

— א משוגענער! — האט דער יוד, ביי וועלכען ער האט ארויסגעהאפּט דעם לולב, זיך אנגערופען. — אזא משוגענער, ווי עס האט זיך איהם פערגלוסט בענשען אתרוג! וואו ער האט געבענשט א גאנץ יום־טוב? דערמאנט זיך איהם הושענא רבא!....

דערהערענדיג „הושענא רבא“ האט ער געפרעגט:

— שוין הושענא רבא? און איך האב געמיינט, אז דער יום־טוב האט זיך ערשט אנגעהויבען...

— טאקע נעבעך א משוגענער, — האבען זיך די יודען אנגערופען מיט א קרעכץ און די סכות׳דיגע שפּיזען מיט דעם משוגענעם זענען זיך צוגאנגען אין בעזונדערע וועגען.

---



# די הקפות.

## I.

אַיין אויסגעשטערנטע פינסטערע נאַכט. נאָר די שטערן בלישטשען און בלאַנקען עפּיס ליכטיגער און שענער ווי אין די נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר אין סוף חודש. זיי ווינקען און רופען צו זיך אין דרויסען — אונטערן הימעל, און מאַכען הנ׳דלעך.

מיין טרויעריגע מאַמע זעהט אויך אויס היינטיגע נאַכט פרעהליכער ווי תמיד, זי גלייכט מיר אוים די פאה׳לעך און טרייסעלט מיר אוים דאָס יום־טוב׳דיגע היטעלע און אַ פרעהליכער געה איך אַרוים פון אונזער שטוב אין דער דאָזיגער שמחת־תורה׳דיגער אויסגעשטערנטער נאַכט.

היינטיגע נאַכט האָב איך קיין מורא ניט אַליין צו געהן, ווי אַ גאַנץ יאָהר ביינאַכט, איבער די פינסטערע געסלעך, היינט איז שמחת תורה און עס איז פרעהליך צו געהן, פון אַלע פענסטער שלאָגט אַרוים אַ שיין אויף דער גאַס, אַלע מאָל הערט מען פון ווייטענס אַ פרעהליך געזאַנג, פון אייניגע הייזער הערט מען טיפּען מיט די פיס, שפּרינגען און טאַנצען, אָט שיט זיך אַרוים פון אַ זייט געסעל אַ שוואַרץ רעדעל יודען, שוואַרץ ווי די נאַכט, זיי געהען אָנגעשפּאַרט איינס צום אַנדערען און מען זינגט, ביי טייל פון זיי הויבען זיך די פיס — דאָס פיהרט מען דעם גבאי אין שוהל. קליינע יונגעלעך מיט פאָהנען, אויף וועלכע עס איז אַרויפגעשטעקט רויטע עפּעלעך מיט ליכטלעך, געהען פאָראוים און זינגען אויך מיט זייערע דינגע קול׳עכלעך.

עס איז פרעהליך אין אַלע גאַסען און איך האָב קיין מורא ניט צו געהן אַליין ביינאַכט....

אָט קום איך שוין נאָהענט פון דער שוהל־גאַס, וואו עס געפינט זיך די שוהל. דאָס אַלטע בית־המדרש און די נייע קלויז, אָ, ווי פרעהליך און ליכטיג איז אויף די שוהל־גאַס!.... אַ סך פענסטער באַלייכטען די שוהל־גאַס ווי ביי טאָג, איך זעה יעדען און דערקען יעדען, אַזוי שטאַרק ליכטיג איז אין דרויסען אין דער פינסטערער נאַכט. אָט קומט אָן אַ נייע רעדעל מיט זייער גבאי, אָט געהט די חברה משניות אין אַ בעזונדער רעדעל, איך טשעפּע זיך אָן אין איין רעדעל און געה מיט זיי, איך העלף מיט זיי זינגען און אַזוי לאָזען מיר זיך אַריין אַלע מיט אַמאָל אין איין שטופּעניש אין אונזער קלויז. אַ גרויס ליכטיגקייט טהוט אַ זעץ אין די אויגען, עס ווערט נאָך פרעהליכער אויף דעם האַרצען. דאָ ווערט פון אַלע רעדלעך אַ גרויס ראָד; מען האַלט זיך ביי די הענד, מען טאַנצט און מען זינגט, און איך מיט אַלע יונגלעך מאַכען זיך אין מיטען דעם גרויסען ראָד אַ בעזונדער קליין רעדעל און שפּרינגען אויך.

מען הערט אויף צו טאַנצען, און וואַרטענדיג, ווען מען וועט אָנהויבען געהן מיט הקפות, דרעהט מען זיך אַזוי אַרום אין קלויז. מען לאַכט, מען רעדט הויך, העכער פון אַ גאַנץ יאָהר.

היינט די קלויז אַליין! ווי שען, ווי ליכטיג זי איז, די ווענד אָבגעווייסט צוליעב יום־טוב, די פיעל מעשענע הענגעל־לייכטער זענען אויסגעפּוצט ווי גאָלד, בליסקעווען און שפּיגלען פון די פיעל ליכט. איבער'ן אָרון־הקודש הענגט אַ נייער רויטער פּרוכת, אויסגעשטיקט מיט גאָלדענע קרוינען, לייבען און פייגעל, אַלעס פון גאָלד. איך שטעל זיך אָב פאַר דעם פּרוכת און קאָן זיך ניט אָבּרייסען פון זיין שענקייט און טייערקייט. איך קאָן זיך ניט איינהאַלטען און טהו בגנבה פון הירשעל דעם שמש אַ טאַפּ די גאָלדענע לייבען, נאָר ווי דערגרייכט מען צו די גאָלדענע פייגעל?...

איך קוק מיך אום אין קלויז און דערזעה אַ נייעס, וואָס איך זעה עס איין מאָל אין יאָהר: פון דער ווייבערשער שוהל קוקט אַריין אין דער מאַנסבילשער מיין מוהמע דאָבע און נאָך אַ סך ווייבער, זיי לאַכען אויך און זענען אויך פרעהליך. איך מאַך מיט די הענד צו דער מוהמע'ן, זי זאָל מיך דערזעהן נאָר זי דערזעהט מיך ניט, האָטש עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי קוקט נאָר אויף מיר.

און פּלוצים דערזעה איך, ווי אונזער שכנה'ס יונגע שנור מיט דער מוהמע'ס מיידעל, די שוואַרצע זיסעל, מיט נאָך עטליכע מיידלעך און יונגע ווייבלעך שטעהען ביי דער טהיר פון דער מאַנסבילשער קלויז, מיר יונגלעך פערשעמען זיך, וואָס ווייבער מיט מיידלעך געפינען זיך אין דער מאַנסבילשער קלויז, און מיר ווילען זיי אַרויסטרייבען.

— מען טאָר ניט, זאָגט אונז איין עלטערער יוד.... זיי זענען געקומען קושען די תורה: צו די הקפות מעגען ווייבער קומען אין דער מאַנס־בילשער שוהל.

אונז געפעלט דאָס נייעס און מיר הערען ניט אויף צו קוקען אויף די ווייבער אין דער מאַנסבילשער שוהל.

---

## II.

די הקפות האָבען זיך אָנגעהויבען. דער גבאי ר' ברוך גדליה זיצט נעבען עמוד און בעפעהלט און שאַפט מיט הירשעל דעם שמש, וועלכער שטעהט אין דער הויך נעבען אָפּענעם אָרון קודש אויף אַ סטענדער, און מיט אַ פערלעגטער צונג פון איין איבריג גלעזעל וויין לכבוד שמחת תורה, שרייט ער אַלע מאָל אוים מיט אַ הייזעריגע קול:

— אלוף התורני ר' אשר ב"ר אַייזיק תן כבוד לתורה... אַלוף התורני ר' זרח ב"ר ישראל יעקב תן כבוד לתורה.

ביי דער ערשטער הקפה ווער איך פלוצים טרויעריג; איך דערמאַהן זיך, אַז פאַר אַ יאָהרען אין דער צייט האָט דער אייגענער שמש הירשעל אויסגערופען צו דער ערשטער הקפה מיין טאַטען: אַלוף התורני ר' יוסף ב"ר יצחק.... און היינט איז ער ניט דאָ. איך האָב זיך דערמאַהנט אָן מיין מאַמען, אַז פאַר אַ יאָהרען האָט זי אויך פרעהליך אַרויסגעקוקט פון דער ווייבערשער שוהל, היינט זאָגט זי, וועט זי זיצען אין דער היים. איך זאָל אַליין געהן צו די הקפות.

איך האָב שטאַרק רחמנות געקריגען אויף מיין מאַמען, וואָס זי וויינט אַזוי שטענדיג נאָך דעם טאַטען.

און הירשעל דער שמש הערט ניט אויף צו שרייען פרעהליכער, נאָר נאָך הייזעריגער:

— אַלוף התורני... התורני ר' חיים וואָלף ב"ר מנחם מענדעל תן כבוד לתורה... און ביים וואָרט תן קוועטש ער און ציהט און בעקומט פלוצים אַ קול פון אַ גלעקעל.

אָט רופט ער שוין צו דער זיבעטער הקפה און איך ווער פרעהליכער: אָט באַלד נאָך דער זיבעטער הקפה וועט זיך אָנהויבען די הקפות פאַר די בעלי־בתישע יונגלעך.

— און היינטיגס יאָהר וועט מען מיך געווים אויפרופען מיט דער

צווייטער הקפה, טראכט איך ביי זיך זיכער.

און איך דערמאן זיך, אז פאר א יאהרען האט מען מיך צווישען די יונגלעך אויפגערופען מיט דער דריטער און אז איך האב געפרעגט דעם טאטען, פאר וואס רופט מען מיך ניט אויף מיט דער ערשטער אדער האטש מיט דער צווייטער הקפה? פארוואס קומט עס בער׳ס יונגעל מיט דער ערשטער, — האט ער מיר געענטפערט:

— אז מיר וועלען דערלעבען איבער א יאהר און דו וועסט זיין א וואויל יונגעל און גוט לערנען, וועסט דו געהן מיט דער צווייטער הקפה און איבער צוויי יאהר אי״ה, וועסט דו געהן מיט דער ערשטער הקפה.

איך געדענק נאך ווי היינט, ווי דער טאטע האט מיך בעת־מעשה א מחיה׳דיגען קניפ געטהון ביי׳ם בעקעל.

און איך האב שוין דענסטמאל שטארק געגלויבט, אז איך זאל מיט איין מאל באלד ווערען עלטער מיט צוויי יאהר, איך זאל שוין אנהויבען געהן מיט דער ערשטער הקפה.

III.

מיין טאטענס „שטאדט״ געפינט זיך אין מזרח־וואנד. איך זיץ אויף איהם און הער ווי הערשעל רופט אויס יעדען, א סך יונגלעך וועגען מיך מקנא, וואס איך זיץ אזוי נאהענט נעבען ארון קודש און איך זעה און הער אלעס.

אט רופט מען שוין די יונגלעך צו דער ערשטער הקפה:

— הבחור שעפסעל ב״ר דוד מיט דער ערשטער הקפה! שרייט פרעהליך הירשעל שמש.

איך טהו אזש א ציטער און טראכט זיך: א נו... אפשר וועט ער מיך אויך אויסרופען צו דער ערשטער הקפה...

די ערשטע הקפה איז מען ארומגעגאנגען אהן מיר, — דער שמש רופט שוין צו דער צווייטער הקפה. איך האב זיך אנגעהויבען צוגרייטען: אט באלד רופט מען אויס מיך: הבחור וועלוועל ב״ר יוסף מיט דער צווייטער הקפה און מיינע באקען הויבען אן פלאמען....

אבער איך הער ניט, מען זאל מיך רופען. מען רופט שוין דאס צוועלפטע — יונגעל. אין אונזער קלויז איז דא 15 ספר תורות — נאך

דרײַ.... מען רופט אויס נאָך דרײַ, נאָר ניט מיך.... מײַנע באַקען פלאַמען נאָך שטאַרקער....

געוויס וועט מען מיך אויסרופען דעם ערשטען צו דער דריטער הקפה בין איך זיכער.

מען רופט שוין דאָס זעכסטע יונגעל און מיך ניט.... איך שטעל זיך אַנידער מיט די פיס אויף דער באַנק ר׳ ברוך גדליה דער גבאי אָדער הירשעל דער שמש זאָל מיך דערזעהן.. נאָר אומזיסט: מען האָט שוין אויסגערופען אַלע פינפצען צו דער דריטער הקפה און מיך ניט... איך פיהל, ווי מײַנע באַקען ברענען מיר און בין רויט ווי אַ צוויק...

— הבחור גאָדיל ב״ר זײַנוויל מיט דער פיערטער הקפה. הבחור נחום בן אהרן....

— אפילו דעם בעקער׳ס יונגעל, מיט וועלכען עס שטעהט מיר ניט אָן צו רעדען, רופט מען שוין און מיך ניט, — זאָג איך צו מיר — און איך פיהל, ווי בײַ מיר אין האַרצען קאָכט ווי אין אַ קעסעל. איך בין פול מיט רציחה אויף ר׳ ברוך גדליה דעם גבאי און אויף הירשעל דעם שמש, און עס דאַכט זיך מיר אויס איך זאָל קאָנען וואָלט איך זיי דער׳הרג׳עט, אָדער מיט אַ פיסטויל אין זיי געשאָסען.

ווען מען האָט שוין אָנגעהויבען געהן מיט דער פיערטער הקפה, האָב איך שוין נישט געקאָנט אײַנזיצען אויף מײַן טאַטענ׳ס שטאָדט און זיך צוגערוקט נעהנטער צו׳ם גבאי און צו׳ם שמש, זיי געקוקט גלײַך אין די אויגען אַרײַן.

נאָר עס העלפט ניט. זיי דערזעהען מיך ניט און דערמאַהנען זיך ניט אָן מיר, מען רופט יונגלעך צו דער פינפטער הקפה, אָבער ניט מיך.... אָט רופט מען שוין אפילו בעריל דעם שוסטערס יונגעל, אברהמ׳ל פלאַטשי= קער, דעם שנײַדערס, פינע פופלאָקס דעם קאָוואַלס, באָנצי פעמפעק דעם סטאָליערס...

איך קאָן ניט קוקען אויף זייער צופריעדענקײַט און פרעהליכקײַט, איך קאָן ניט איבערטראָגען ווי זיי קוקען אויף מיר, איך פיהל ווי דאָס האַרץ פלאַטערט און צאַפּעלט אין מיר פאַר כעס. די אויגען פילען זיך אָן מיט טרעהרען, איך זעה פאַר זיך קײנעם ניט נאָר אַ גילגוליכען טומאַן, איך זעה גאָרניט און איך הער גאָרניט... איך האָב זיך אָן בײַ מײַנע באַקען, זיי ברידהען מיר די הענד..

איך לויף קוים צו דער טהיר און לויף אַרויס פון דער קלויז, איך שלינג אין זיך גאַס-לופט צוזאַמען מיט טרוקענע טרעהרען, איך לויף איבער דער גאַס און לויף קוים אַרײַן אין שטוב....

— וואָס איז אַזוי שפּעט? — בעגעגענט מיך די מאַמע מיט די שוועסטער, — מיר וואַרטען מיט דעם עסען, — נאָר באַלד דערשרעקט זיך די מאַמע פאַר מיין פּנים.

— וואָס איז מיט דיר וועלוועלע?

איך וויל ענטפערן, דערצעהלען, אויסגיסען פאַר די מאַמען מיין ביטער האַרץ, נאָר איך קען ניט רעדען. עס שטיקט מיך אין האַלז אויף צו דערוואָרגען צו ווערען....

— וואָס איז מיט דיר, מיין קינד! — שרייט אויס די מאַמע מיט גרויס שרעק. און איך זעץ פּלוצים אַרויס אַ שרעקליכען געוויין ניט מיט מיין קול.

— וואָס איז? — בעטען זיך אַלע ביי מיר, איך זאָל זיך אָנרופען מיט אַ וואָרט. איך וויל אָנהויבען רעדען, נאָר איך קאָן ניט... איך הליפּע.. איך שלוקערץ.... און טייכען טרעהרען גיסען זיך פון מיינע אויגען.

די מאַמע מיט טרעהרען אין די אויגען גלעט מיך איבער'ן קעפּיל, זי צעטרייבט פון מיר מיינע שוועסטערלעך, און בעט, איך זאָל איהר זאָגען, וואָס איז מיט מיר געשעהן...

— איך בין ניט געגג... גגאַנגגגען מיט די הקק... האָב איך קוים אויסגעהליפּעט און ניט געענדיגט, נאָר מיין מאַמע, די אלמנה, האָט באַלד פערשטאַנען, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען.

— אַ יתום... איין אלמנה.... דער טאַטע איז ניט דאָ, וויל אונז קיינער ניט קענען... — האָט די מאַמע געזאָגט, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ.

און די דאָזיגע שמחת־תורה נאַכט איז ביי אונז אין שטוב געוועזען אַ יום־כפור נאַכט.

---

# חנוכה.

# אינהאלט.

ר׳ זײַנוועל פון זובאַטאָווקע און די חשמונאים — זײַט 181.
אַ שפּיעלער — — — — — „ 189.
דאָס שרײַטעלע — — — „ 198.

# ר׳ זיינוועל פון זובאַטאָווקע און די חשמונאים.

ר׳ זײַנוועל האָט פון לאַנגע יאָהרען געוואָהנט אין שטעדטעל זובאַטאָווקע. ווען ער איז אַהער געקומען ווייסט קיינער נישט און קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט דער פראַגע עד היום.

מען ווייסט נאָר, אַז ער איז אַ גרויסער אָרעמאַן, האָט אַ ווײַב מיט אַכט קינדער, טרײַבען זיי איהם פון שטוב אין גאַס ער זאָל זיי ברענגען ברויט. און ער לויפט אַרום איבער די גאַסען ווי אַ פערסמ׳טע מויז, וועלכע די שלעכטע מענשען האָבען זי אַרויסגעטריבען פון איהר נאָרע און בלאָנקעט זיך אַרום אָהן אַ ווינקעל, אָהן אַ היים.

אַהיים לעדיג טאָר ר׳ זײַנוועל נישט קומען, ווײַל ער ווייסט, אַז מיט לעדיגע הענד וועט ער דאָרטען בעגעגענען אַ גיהנום.

און ער לויפט פון שטוב צו שטוב, ניט חס־ושלום נאָך נדבות, נאָר לערנען דאָ אַ יונגעל, דאָ אַ מיידעל און דאָ גאָר אַ גרויסע מויד, וועלכע איז אַ כלה געוואָרען, האָט זיך איהר פערגלוסט אויסלערנען דאַווענען צוליעב דער צוקינפטיגער שוויגער, אָדער זיך אויסלערנען שרײַבען אַ יודיש בריוועל צום חתן.

רופען רופט מען איהם אין שטאָדט „ר׳ זײַנוועל דער מלמד“, האָטש ער האָט נישט קיין הדר וואו אַהין בעלי־הבתישע קינדער זאָל מען אַוועקגעבען לערנען. ער וואָהנט ד׳ על ד׳ מיט אַ ווײַב און אַכט קינדערלעך, וואו איז מעגליך אין אַזאַ גיהנום צו לערנען מיט קינדער?

געדט ער אַרום אין די הײַזער לערנען, ניט צו קיין בעל־הבתישע הײַזער, נאָר אין די אָרעמע הײַזלעך וואו קינדער האָבען נישט מיט וואָס צו פערדעקען דאָס לײַב, אַז זיי זאָלען קענען געהן אין חדר אַרײַן, לערנען

זיי ביי ר׳ זיינוולען, ווען ער קומט צו זיי אהיים. פאר זיין לערנען נעהמט ניט ר׳ זיינוועל קיין חודש=געלד אדער פאר דעם זמן, ווי עס איז איינגעפיהרט ביי לעהרער און מלמדים, נאר ער בעקומט זיין געצאהלט פאר יעדער „לעקציע״ אדער ווי ער רופט עס אן פאר יעדע „פארציע לערנען״.

עס איז אויך ניט געווען קיין מוז קומען יעדען טאג פינקטליך אין איין צייט ווי עס איז איינגעפיהרט מיט „לעקציעס געבען״. ער פלעגט „אריינפאלען״ אין א שטוב ווען עס איז איהם אויסגעקומען, דאס הייסט ווען ער האט נאר צייט געהאט אדער איז פארביי געגאנגען. און צייט האט ער קיינמאל ניט געהאט, ווייל ער האט געהאט אזוי פיעל צו געבען „פארציעס לערנען״ אין די הייזער, אז ער פלעגט מוזען לויפען פון פאר טאג ביז שפעט אין דער נאכט.

מיט זיינע שילער האט ער זיך וועניג בעדארפט צערעמאניען. ווען ער פלעגט אריינפאלען אין א שטוב און דאס יונגעל, דאס מיידעל אדער די כלה=מויד איז נאך געשלאפען, פלעגט ער זיי אויפרייסען פון שלאף און טאקי דא אויף זייער געלעגער פלעגט ער זיך צושפארען מיט דעם סידור אדער מיט א בויגען פאפיער אין דער האנד און אבגעבען זיין „פארציע לערנען״.

אין די הייזלעך וואו ר׳ זיינוועל פלעגט געבען „פארציעס לערנען״ זענען אין איין בעט געשלאפען עטליכע קינדער און אלע וויפיעל ער פלעגט געפינען אין בעט האט ער „פאראיינס״ מיט אלע געלערנט די זעלבע לעקציע.

— לערענט שוין, ר׳ זיינוועל, מיט די איבריגע קינדערלעך אויך אין איינוועגס, איך וועל אייך שוין עפעס „מוסיף זיין״, פלעגט די מוטער זיך בעטען ביים „רבין״.

און ר׳ זיינוועל פלעגט אויפוועקען די קינדער, זיך „אריינוואליען״ אין זייער בעט וואו די קינדער זענען געווען צוגעדעקט מיט א קאלדרע.

— „קמץ אלף—אָ, פלעגט ר׳ זיינוועל טייטען מיט א פינגער אין סידור. זאגט=ושע: קמץ אלף—אָ

— קמץ אלף—אָ! פלעגען די קינדער צוזאמען מיט א דערוואקסענער מויד אויסשרייען— קמץ אלף—אָ— אין דרערד אריין וואס שלעפסטו די קאלדרע צו זיך!?— קמץ אלף—אָ, איך וועל דערצעהלען דער מאמען בופלאקס איינער— קמץ אלף—אָ.

די אלע געשרייען און קללות צווישען ברידער און שוועסטער האבען כלל ר׳ זיינוועלען ניט געשטערט צו זיינע לעקציעס און ער פלעגט ווייטער טהון זיינס.

— קמץ ב׳ — „באָ״.

— באָ־אָ־אָ! האָבען אַלע אויסגעצויגען דעם „ב״ מיט אַ געלעכטער. די מוטער פלעגט אַנלויפען מיט אַ שטעקען און באַלד אויפ׳ן אָרט בעצאָהלען פאַר לאַכען, ווען דער „רבי״ לערענט.

אַז עס האָט זיך געענדיגט די לעקציע פלעגט די מוטער דערלאַנגען ר׳ זיינוועלען אַ גלעזעל טיי, און ווען ער האָט שוין געהאַט אָבגעדאַוועט, אויך דערצו אַ קיכעל.

און די מוטער פלעגט בעת מעשה מיט גרויס דרך ארץ שטעהן נעבען רבין און געהאַט נחת פון זיין טרינקען טיי.

— געלויבט זיין ליעבער נאָמען, פלעגט זי זאָגען, וואָס מיינע קינדער לערנען אויך אַ יודיש וואָרט און זיי וועלען נישט אויסוואַקסען אַזוינע פראָסטע מענשען ווי מיר זענען.

נאָך דער טיי פלעגט ר׳ זיינוועל בעקומען אַ פּאָר גראָשען פאַר זיין לעקציע, אַמאָל מעהר אַמאָל וויניגער און אַמאָל גאָרנישט איז אויך געוועזען רעכט. קען דען איין אָרעמאַן אַלע מאָל צאָהלען? וועט ער פאַר אַ צווייטער לעקציע בעצאָהלען.

אָט די גראָשענס, וואָס ער פלעגט בעקומען, זענען געוועזען ביי איהם הייליג, ער האָט אפילו מורא געהאַט אין זיי זיך אָנצוריהרען, אָט די הייליגע גראָשענס פלעגט ער יעדען שפּעט ביינאַכט ברענגען אַהיים מען זאָל מאָרגען האָבען פאַר וואָס צו קויפען ברויט פאַר זיינע 9 נפשות, זיך פלעגט ער נישט רעכענען, ער פלעגט שוין איבערלעבען דעם טאָג ביי די לעקציעס אין די אָרעמע הייזער.

און וועה איז געוועזען צו איהם, ווען ער האָט בעדאַרפט קומען אַהיים מיט וויניג גראָשענס, אָדער חס ושלום גאָר אָהן גראָשענס!

— דער גיהנום מיט אַלע מלאכי־חבלה איז גאָרנישט, פלעגט ר׳ זיינוועל זאָגען.

גאָר אַנדערש האָט זיך געלעבט ר׳ זיינוועלען ווען ער פלעגט שפּעט ביינאַכט ענטשלאָפען ווערען אויף זיין צובראָכען האַרט בעטעל.

אָ, דענסטמאָל פלעגט ער זיך שוין ניט בעגעגענען מיט די אומגליקליכע, פערזאָרגטע האַלב הונגעריגע געזיכטער אין די אָרעמע הייזלעך, וואו ער פלעגט געבען זיינע תלמידים „פּאַרציעס לערנען״.

אָ, ניין! גאָר אַנדערע מענשען, גאָר איין אַנדער לעבען האָט ער געזעהן אין די נעכט.

צו איהם פלעגען קומען צו חלום די גרעסטע מענשען פון דער וועלט, ווי אַלכסנדר מוקדון, נאַפּאָלעאָן, די גרעסטע יודישע נביאים און

העלדען, משה מאָנטעפיאָרע, ראָטשילד, ד״ר הערצל, די ענגלישע מלכה און אַנדערע מלכים וועלכע קעניגען איבער פערשידענע לענדער און גלאַט אַזוי פרינצען און פרינצעסען און אַלערליי מיניסטאָרען, ווי ביס־מאַרק, איגנאַטיעוו, פלעווע א. ד. ג.

מיט זיי אַלע פלעגט ער זיך אויסשמועסען, אויסטענה׳ען וועגען פאָלק ישראל.

— עד מתי, פלעגט ער מיט זיי טענה׳ען, וועט דאָס פאָלק ישראל ליידען גלות! וואָס וועט אייך אַרען איהר זאָלט זיי אַוועקגעבען זייער אייגען לאַנד ארץ־ישראל און זאָלען זיי סוף כל סוף אויפהערען ליידען גלות, שוין גענוג זיך געפייניגט 2 טויזענד יאָהר, הלעבען אַז על פי יושר קומט זיי אַוועקגעבען דאָס לאַנד, די וועלט איז גענוג גרויס, וואָס וועט אייך אַרען, אַז יודען וועלען האָבען אויך זייער לאַנד?

אַזוי פלעגט זיך ר׳ זיינוועל אויסרעדען מיט די אַלע גרויסע לייט און זיי פערגעבען פראַגען וועגען כלל ישראל, פראַגען, וועלכע פלעגען איהם אַ גאַנצען טאָג קריכען אין קאָפּ אַריין און ער האָט זיי נישט געקענט פערענטפערען.

---

איין מאָל ביינאַכט ווען עס האָט זיך איהם גראַדע געחלומ׳ט אַ קייזערליכער פאַלאַץ וואו ער האָט אַזוי פריינדליך און ליעבליך געשפראָכען מיט אַ שעהנע יונגע פרינצעסין, האָט ער זיך פלוצים אויפגעכאַפּט פון שלאָף...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אָבער ער האָט גאָרנישט געזעהן, אַלע זענען געשלאָפען און אין צימער איז געווען שטאָק פינסטער.

עס האָט זיך געהערט אַ שטיל זיפצען פון ר׳ זיינוועלס ווייב. וויזט אויס, אַז זי איז נישט געשלאָפען.

— וואָס זיפצסטו אַזוי, חנה, שלאָף בעסער, האָט ר׳ זיינוועל זיך אָבגערופען.

— עס שלאָפט זיך נישט...

— פאַר וואָס? שלאָף בעסער וועסטו זיך אויסרוהען.

— פאַר וואָס, פרעגסטו נאָך? אַז נישט ווייסטו דען נישט ווי אַזוי מיר פלאָגען זיך אויף דער וועלט. און אויף דיר, מיינסט דו, רייסט מיר נישט דאָס האַרץ, וואָס איך שעלט דיך אַ גאַנצען טאָג? לויפסט נעבעך אַרום דעם גאַנצען טאָג ווי אַ פער׳סמ׳טע מויז, ווער ווייסט צי דו עסט

עָפּעֶס, דו בּיזט אַלײן נישט קײן געזונדער און אַ פּנים האָסט דו װי אַ לעבּעדיגער מת און פֿון װאָס, אומשטײנס געזאָגט, איז דאָ צו האָבּען אַ בּעסער פּנים? אָט פֿון די אַלע מחשבות'ן שלאָפט זיך נישט און עס זיפצט זיך, זײנװעל!

— בּיזט אַ גרױסער נאַר, חנה, װאָס האָסטו זיך צו זאָרגען אױף מאָרגען װען איצטער איז אונז אַזױ גוט, אַזױ גוט װי ראָטשילד'ען מיט די גרעסטע פּרינצען.

— װערסט שױן גאָר משוגע, זײנװעל, װאָס מאַכסטו זיך נאַריש?...

— נײן, איך מײן עס טאַקי בּאמת. װעמען איז דען אַזױ איצטער גוט װען עס איז פינסטער און װען מען זעהט אַרום זיך גאָרנישט? אונז איז נאָר שלעכט און בּיטער װען עס איז ליכטיג און מען קען אַלעס זעהן, אָבּער װען עס איז פינסטער און מען זעהט אַרום זיך גאָרנישט, װאָס איז אונז ערגער פון ראָטשילדען און פון אַלע אַנדערע גרעסטע גבירים אין דער װעלט? שטעל זיך פֿאָר װען ראָטשילד אָדער אַ רײכער פּרינץ האָבּען זיך אױף אין זײערע פּאַלאַצען בּײנאַכט פון שלאָף. װאָס זעהען זײ אין דער פינסטערניש? — גאָרניט. זײ זעהן דאָס זעלבּע װאָס מיר איצטער...

— לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען, חנה, האָט ר' זײנװעל װײטער גערעדט, אַז אונזער צימער איז אַ גרױס שען צימער מיט אַ טײער געגאָלדעטע מעבּעל און די װענד זענען געקלעפּט מיט טײערען געגאָלדעטען שפּאַליר, אונזערע קינדער שלאָפען איצטער אין בּעזונדערע שענע צימער, נעבּען יעדען קינד שלאָפט אַ „פּאָקאָיאָװקע" אָדער װי מען רופט דאָס אָן אַ „בּאָנע" און שטעל זיך פֿאָר, אַז אונזער הױף איז זעהר אַ גרױסער הױף מיט אַ סך געבּײדען פֿאַר אַלערלײ דינער, אַ סך קאַמערען מיט גענז, הינער און אינדיטשקעס, שאַפעס מיט אַ סך סלאָען אײנגעמאַכטס און שמאַלץ, סטײניעס מיט טײערע פערד און קאַרעטען.

— משוגענער! מיר האָבּען דאָך אָבּער דאָס אַלעס נישט, אפילו בּרױט צו זאַט האָבּען מיר נישט.

— יאָ, נאַר אײנער, װעגען דעם װעלען מיר זאָרגען מאָרגען װען עס װעט װערען טאָג, אָבּער איצטער בּײנאַכט װען עס איז פינסטער און מען זעהט גאָרנישט, פאַר װאָס זשע זאָלען מיר זיך נישט פֿאָרשטעלען אַז מיר זענען רײך? און, אַז ראָטשילד, װאָס פֿערמאָגט אַלעס, װען ער האַפּט זיך אױף בּײנאַכט און קען נישט שלאָפען, װאָס זעהט ער פון זײן גאַנץ רײכקײט? גאָרנישט זעהט ער, דאָס זעלבּע װאָס מיר— זעהט ער.

חנה האָט אַבּיסעל געטראַכט, אַז איהר זײנװעל איז טאַקי אפשר גערעכט, בּײנאַכט זענען אַלע קיה שװאַרץ, בּײנאַכט זענען רײך און אָרעם

גלײַך, אין דער פינסטער קען זיך יעדער פארשטעלען, אז מען איז רײַך. נאר באלד האט זי ווידער מיט א זיפץ זיך אנגערופען:

— אלעס איז טאקי אמת, ווי דו זאגסט, זײַנוועל, בײַנאכט ווען עס איז פינסטער זעהט דער גביר נישט זײַן רײַכקײַט און דער ארעמאן זײַן ארעמקײַט, כל זמן עס איז פינסטער קענען מיר זיך טאקי פארשטעלען אז מיר האבען א סך שענע צימער מיט א סך דינסטען מיט אלעס ווי בײַ א גרויסען גביר, אבער וואס טהוט מען, אז איך פיהל ווי עס קוועטשט מיך אויף מײַן געלעגער, מײַן לעצט קישעלע האב איך אוועקגעגעבען דעם קראנקען קינד נעבעך, וואס טהוט מען מיט דעם קוועטשען, זײַנוועל, וואס טהוט מען? דער, וואס איהם קוועטשט, זעהט אפילו אין דער פינסטער זײַן ארעמקײַט מיט זײַן נויט...

— עט נארישקײַטען, ראטשילד'ען קוועטשט אויך אמאל און קען אויך נישט שלאפען, אמת איהם קוועטשט נישט פון דעם, וואס איהם פעהלט ווייכע קישען — פעהלט איהם עפעס אנדערש, ניטא אזא גליקליכער מענש אויף דער וועלט עס זאל איהם גארנישט פעהלען.

שלאפען האבען זיי שוין נישט געקענט און ליעבליך און פרײַנדליך האט ר' זײַנוועל די דאזיגע נאכט גערעדט מיט זײַן ווײַב חנה פונקט ווי ער האט נישט לאנג אין שלאף געשפראכען מיט דער יונגער שעהנער פרינצעסין זיצענדיג בײַ איהר אין פאלאץ, און אין דער פינסטער האט איצטער אויך זײַן חנה בײַ איהם אויסגעזעהן אזוי יונג און שען ווי די פרינצעסין צוליעב וועלכער ער האט זיך אויפגעהאפט פון שלאף.

און ליעבליך האט ער ארומגענומען זײַן ווײַב טראכטענדיג: בײַנאכט זענען אלע קיה שווארץ, די פרינצעסין זעהט מען דען אין דער פינסטער איהר יונגקײַט און שענקײַט.

— אלטער נאר! האט חנה זיך אויף איהם אנגעבייזערט און זיך פערהוסט פון געלעכטער, ביזט שוין גאר משוגע געווארען — הולע קבצן! — ער מיינט אז עס איז ערשט א יאהר נאך אונזער התונה.

— וואס ארט דיך, דו נאר, אין דער פינסטער ביזט בײַ מיר א יונג ווײַבעלע ווי ערשט נאך דער התונה.

---

נישט אלע נעכט פלעגט זיך ר' זײַנוועלען קלויבען די זעלבע גרויסע לײַט וואס א גאנץ יאהר.

פורים צײַט פלעגט קומען צו איהם צו חלום אחשורוש, המן, אסתר

המלכה און ושתי. פסח אין דער נאַכט פון דעם ערשטען סדר פלעגט ער מיט כל ישראל איבערגעהן טרוקען דעם ים און מיט זיינע אייגענע אויגען צוגעזעהן ווי די מצרים נאַכלויפענדיג די יודען זינקען אין ים.

דערהויפט פלעגט זיך ר' זיינוועל שטאַרק פערטיעפען אין די גע-דאַנקען ביים בענוצען די חנוכה-ליכטלעך.

לאַנג לאַנג האָט ער ליעב געהאַט זיך איינצוקוקען אין די פייערלעך, וועלכע האָבען אַזוי פרעהליך יום טוב'דיג געלייכטען און בעשיינט זיין אָרעם שטיבעל.

אין דעם חנוכה-לעמפעל געמאַכט פון אַ שטיקעל בלעך האָט ער געזעהן די שענע מנורה, וואָס די חשמונאים האָבען אָנגעצונדען אין בע-נייטען בית-המקדש.

און יעדען חנוכה ביים אָנצינדען די ליכטלעך פלעגט די האָפנונג ביי איהם שטאַרק ווערען, אַז עס וועט קומען אַ צייט און דאָס בית המקדש וועט בענייט ווערען דאָס דריטע מאָל...

אומעטום אין בית-המדרש, זיין ווייב און אַלע זיינע תלמידים פלעגט ער ברענגען ראיות, אַז דאָס בית-המקדש וועט נאָך דאָס דריטע מאָל בענייט ווערען.

— דאָס איז קלאָר אַזוי ווי דער טאָג: אַ פאָלק וואָס היט אָב אַזוי פיעל טויזענדטער יאָהרען די תורה, אַ פאָלק וואָס מען האָט עס אַזוי פיעל יאָהרען געיאָגט און געפלאָגט און פון דעסטוועגען היט עס אָב די תורה און מען איז פרום און מען לערנט, און מען היט אָב שבת יום-טוב און אַלע תעניתים — אַזאַ פאָלק מוז נאָך אויפשטעלען צוריק דאָס בית-המקדש.

די לעצטע פאָר יאָהר אָבער זייט די יונגע לייט האָבען אַוועקגעוואָרפען די בתי-מדרשים, אויפגעהערט פאָלגען די רבנים און זיך אָנגעהויבען פערנעהמען מיט פאָליטיק „בידים", איז ביי ר' זיינוועלען שוואַך געוואָרען די האָפנונג אויף אויפצושטעלען צוריק דאָס בית-המקדש.

— ס'טייטש וואו איז דאָס געהערט געוואָרען יודישע קינדער זאָלען טראָגען מיט זיך רעוואָלווערען, זיך לערנען שיסען אונטער דער שטאָדט, שבת היט מען נישט אָב, אין די בתי מדרשים לערענט מען נישט, תעניתים פאַסט מען נישט. גאָר נישט, איין הפקר וועלט געוואָרען — וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען גוטס?

און אָנצינדענדיג די חנוכה-ליכטלעך איז ער געוואָרען טרויעריג.

— ווער ווייסט? ווער ווייסט? האָט ער בשעת מעשה געטראַכט.

און דעם גאַנצען אָבענד זענען איהם די טרויעריגע געדאַנקען גע-

קראַכען אין קאָפּ אַרײַן.

— אַדור. נו, אַדור האָבען מיר עס דערלעבט — גאָר קײן יודען נישט.

און מיט די געדאַנקען איז ער ענטשלאָפען געוואָרען אויף זײַן צובראָכען בעטעל.

לאַנג האָט נישט געדויערט זענען די חשמונאים געקומען צו איהם. יהודה מיט אַלע זײַנע ברידער און זײַער פאָטער, דער אַלטער מתתיהו. דערזעהענדיג די חשמונאים האָט זיך ר' זײַנוויל זעהר דערפרייט. „זעהר גוט וואָס זיי זענען געקומען" האָט ער זיך געטראַכט „האָטש זיך אויס־רעדען דאָס האַרץ פאַר זיי".

— וואָס מאַכען אונזערע יודעלעך? האָבען די חשמונאים געפרעגט בײַ ר' זײַנוועלען.

— שלעכט, זעהר שלעכט, א ו י ס יודען!... אַוועקגעוואָרפען לערנען די תורה, זיך גענומען צו די ביקסלעך און לערנען זיך שיסען אונטער'ן שטאָדט, אפילו אין שבת האָבען זיי פערגעסען.

— בעת מלחמה איז קײן חילוק נישט צי שבת אָדער אין דער־וואָכען, האָבען די חשמונאים געענטפערט צופריעדען און שטראַהלען פון גליק האָבען בעשײַנט זײַערע פנים'ער.

— וואָסערע מלחמות? — שקצים זענען זיי! נישטאָ קײן טראָפּען יודישקײַט, זיי ברענגען אומגליקען אויף כל ישראל, נעהמען זיך אָן פאַר פרעמדע. וואָס פאַר אַ יודען, אומשטײַנס געזאָגט זענען זיי?

— אָבער מיר דערקענען אין זיי אונזערע ברידער....

ר' זײַנוועל האָט געוואָלט ווײַטער זיי פרעגען, דערצעהלען, אויס־רעדען דאָס האַרץ, אַ סך, אַ סך רעדען, נאָר די חשמונאים זענען אײַנציג־ווײַז פערשוואונדען געוואָרען.

ר' זײַנוועל האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, געוואָלט אָנהאַפּען אײנעם פאַר די פּאָלעס און נישט אָבלאָזען ביז מען זאָל איהם אויסהערען, נאָר ער האָט זיך אויפגעהאַפּט און זיך דערזעהן ליגען אויף זײַן צובראָכען בעטעל.

ער האָט ווידער דערהערט ווי זײַן הנה זיפצט און אין שטוב איז געוועזען שטאָק פינסטער...

---

# אַ שפּיעלער.

## I.

בעזונדערס פרעהליך איז היינט אויף דער נאַכט ביי קלמן גדליה׳ס.

אַזוי איז דאָס געוועזען אַ שטוב, מוז איך אייך זאָגען, ניט אַזאַ פרעהליכע ווי געוועהנליך, אַ יודישע שטוב,— קיין עין־הרע מיט קינדער דערוואַקסענע און קליינע, וואָס דאַרפען אַ סך האָבען און שפּייזען דאַרף זיי דער טאַטע פון אַלערליי פרנסות מיט קאָפּ־דרעהעניש׳ען.

ווען קלמן־גדליה׳ס איז ניט געוועזען אין דערהיים, האָט מען נאָך געקענט זעהען אַ פרעהליכקייט צווישען זיינע קינדער; איז ער אָבער יאָ געוועזען, פלעגט ער זיך פערטראַכטען אין זיין וועקסעל־בוך מיט די „טערמינען״— חשבונ׳ען און פערשרייבען און פערצייכענען אַלערליי פּאַפּירלעך, אַז דאָס היטעל פלעגט זיך אַלע מאָל ווייטער פעררוקען, דענסטמאָל פלעגט אויף די קינדער פאַלען אַ אומעט, די עלטערע פלעגען זיך צוגעהן און די קלענערע פלעגען זיך פערדרוקען ערגיץ אין אַ ווינקעלע אָדער זיך האַלטען ביי דער מאַמע׳ס פאַרטוך.

נאָר זיינוועלען, דעם יונגסטען יונגעלע, אַ קינד פון אַ יאָהר צעהן, איז גאָר ווייניג אָנגעגאַנגען צי דער טאַטע איז פרעהליך אָדער פערזאָרגט; ער איז אָדער געשפּרונגען ווי אַ צאַפּ פון איין צימער איבער דעם צווייטען רייטענדיג אויף אַ בייגקעל, אָדער ער האָט געשפּיעלט מיט אַ חבר אין קנעפּלעך.

און שפּיעלען איז געוועזען זיין חיות.

האָט ער נאָר געהאַט קנעפּלעך און מיט וועמען צו שפּיעלען, האָט ער פערגעסען אָן עסען און אָן אַלעס. ווען מען האָט איהם מיט זיינע קנעפּ־

לעך געטריבען פון טיש, האט ער געשפּיעלט אויף א בּיינקעל. האט מען בּיי איהם צוגענומען דאס בּיינקעל, האט מען זיך צולעגט אויף דער פּאדלאגע און מען האט געשנאלט קנעפּלעך. ווען מען האט איהם ארויס־געטריבען פון שטוב, איז מען אוועק אין קיך. און אז לאה די דיענסט האט איהם פון דארטען געטריבען, האט ער געשפּיעלט אויף דער קניה; ער האט נאר בּעדארפט האבען מיט וועמען צו שפּיעלען; און ווייטער האט ער געהערט יעדען ווי דעם קאטער.

וואס פאר א ווערט האט געהאט בּיי איהם א געשריי פון דער מאמען אדער א קלאפּ פון טאטען פאר זיין שפּיעלען? דאס אלעס איז בּיי איהם געווען נאר א איבּערגאנג, און שפּיעלען האט ער אזוי ליעב געהאט:

איינער פון זיינע חברים, וואס פלעגט מיט איהם שטענדיג שפּיעלען און העלפען איבּערטראגען אלע רדיפות פון זיינוויל'ס טאטע־מאמע, פון די עלטערע קינדער און פון לאה די דיענסט, איז געווען בּעני פּופּלאקס, א יונגעל אין זיינע יאהרען.

געררופען האט מען איהם פּופּלאקס דערפאר, ווייל ער האט געהאט אנגעבּלאזענע באקען און איז געווען העכער מיט א האלבּען קאפּ פון זיין חבר זיינוויל און האט אויסגעזעהן עלטער פון זיינע יאהרען; ער איז מיט אלעמען פּונקט דער היפך פון זיינווילען, וואס איז געווען א קליין דאר יונגעל מיט גלאנצענדיגע לויפענדיגע אויגעלעך; קיין אבר האט אין איהם ניט גערוהט; אויף קיין ארט איז ער קיינמאל ניט געזעסען שטיל, דאס בּיינקעל אונטער איהם פלעגט שטענדיג ארומפּאהרען און פון ניט איינזי־צענדיג רוהיג, פלעגט ער זיך אפּט צוזאמען מיט דעם בּיינקעל איבּער־קעהרען.

ווען בּעני פּופּלאקס איז געזעסען, האט זיך אויסגעוויזען, אז א שטיין האט מען אנידערגעלעגט; מיט קיין אבר האט ער זיך ניט גע־ריהרט; זיין גאנג איז געווען שווער, מיט פּאוואלי טריט ווי א בּער שטעלט לאפּעס.

ווען זיינוועלע האט געוואונען אדער פערשפּיעלט, פלעגט ער זיך קאכען, די באקען האבּען געבּרענט און אין זיין פּנים האט מען שטענדיג בּעקענט דערקענען, ווען ער געווינט און ווען ער פערשפּיעלט; נאר פּופּ־לאקס האט שטענדיג געהאט איין פּנים, אויף וועלכען מען האט קיינמאל ניט געקענט דערקענען, צי זיינע געשעפטען שטעהען גוט אדער שלעכט.

דער סוף איז געווען, אז זיינוועלע האט שטענדיג בּיי איהם פער־שפּיעלט אלע קנעפּלעך.

אָבער זײנהועלע איז בײ זיך ניט אַראָבגעפּאַלען, אויף מאָרגען האָט ער שוין ווידער געהאַט קנעפּלעך צו שפּיעלען.

זײנוועלע איז, פערשטעהט זיך, קײנמאָל ניט געוועזען צופריעדען, וואָס טאַטע־מאַמע און אַלע הײמישע טרײבען איהם פון שטוב. וואָס אַרט עס זײ, אַז ער קומט פון חדר און שפּיעלט אַ ביסעל, וועמען טהוט ער דערמיט שלעכטס? מילא, זומער־לעב האָט ער קײנעם ניט געפּרעגט, קײנעם ניט געדאַרפט. עס איז דאָ אַ וואַרימער דרויסען און בײ יעדער פּריזבע האָט מען געקענט מאַכען אַ גריבעל און שפּיעלען מיט קנעפּלעך וויפיעל מען האָט נאָר געוואָלט; אָבער ווינטער איז קאַלט, מוז מען זײן אין שטוב, מאַכען מיט קרײד אַ רעדעל און שנאַלען אין רעדעל די קנעפּלעך, ווי־זשע קען מען זיך אויסבעהאַלטען פון זײ, אַז נאָר זײ זענען ברוגז, אָנגעבלאָזען און טרײבען איהם מיט זײן חבר פון אײן אָרט צום אַנדערען? געהט ער צום חבר אין שטוב, איז אויך דאָס אײגענע. אַלע גרויסע זענען שלעכטע!...

נאָר הײנט אויף דער נאַכט איז חנוכה; די מאַמע האָט שוין אפילו אַרויסגענומען דאָס זילבערנע חנוכה־לעמפּעל און פּוצט עס מיט קרײד.

און יעדעס יאָהר, ווען דאָס זילבערנע אויסגעפּוצטע לעמפּעל פלעגט זיך בעווײזען אין קלמן־גדליה'ס הויז, פלעגען זיך אַלע מיט אײנמאָל איבערבײטען: די מאַמע, די עלטערע קינדער און אפילו דער שטענדיגער פערזאָרגטער טאַטע פלעגען ווערען פרעהליך און גוט אײנס צום אַנדערן.

אַלע האָבען גערעדט, געלאַכט און פרעהליך איז דענסטמאָל בײ קלמן־גדליה'ן אין שטוב.

ווער שמועסט, אַז דאָס לעמפּעל האָט זיך אָנגעצונדען מיט דעם ערשטען גאָלדען פלעמעלע, וואָס האָט זיך אַזוי שען ווי גין־גאָלד אָבגעשפּיגעלט שפּרינגענדיג און טאַנצענדיג אין זילבערן וועגטעל פון דעם חנוכה־לעמפּעל, איז אַזוי פרעהליך געוואָרען אין שטוב, נאָך פרעהליכער פון שמחת־תורה!

און זײנוועלע האָט ליעב געהאַט דאָס דאָזיגע זילבערנע לעמפּעל ווי זײן לעבען.

הײנט אויף דער נאַכט וועט ער שוין נישט שפּיעלען אין קנעפּלעך ווי יונגלעך, נאָר ער וועט שפּיעלען ווי גרויסע, מיט געלד.

קײנער וועט איהם ניט טרײבען פון אײן אָרט אויף דעם צווײטען, קײנער וועט ניט שרײען, אפילו דער טאַטע וועט ניט שרײען און ער וועט זיך אָנשפּיעלען וויפיעל ער וועט וועלען.

## II.

דער הײַנטיגער חנוכּה איז נאָך בעזונדערס פרעהליכער ווי אַלע יאָהר. עס איז געקומען צופאָהרען אַזאַ זעלטענער גאַסט ווי דער פעטער חיים, דער מאַמעס ברודער, און עס וועט נאָך זײַן חנוכּה־געלד...

דער פעטער חיים איז אַ יוד פון אַ יאָהר פופציג, מיט אַ שענער באָרד און מיט אַ שען בײַכעל, און אויף זײַן קאַמיזויל איז אויסגעלעגט אַ ברייט גילדען קייטעל פון זייגער.

זעלדע, קלמן גדליה'ס ווײַב, ווייסט גאָרניט וואָס צו טהון מיט איהר ברודער, דעם טײַערען גאַסט: שוין אַ יאָהר פופצעהן אַז ער שרײַבט, אַט קומט ער צופאָהרען צו איהר אין געסט; ער האָט שוין געשריבען אויף פסח, אויף שבועות, אויף סוכּות, ווי עס קומט נאָר אַ יום־טוב קומט ער צופאָהרען, און אַזוי איז אַוועק פופצעהן יאָהר; אַלץ תּירוצים: פערנומען, געשעפטען, דער קאָפּ איז פערדרעהט, און צום סוף איז ער געקומען. געגליבט זײַן ליעבער נאָמען, וואָס מען זעהט זיך געזונטערהייד, פאָרט צו איין איינציגער שוועסטער זיך אויסגעריסען און געקומען זיך זעהן!

די שטוב איז מלא שמחה; דאָס חנוכּה־ליכטעל ברענט פרעהליך; דער עולם זיצט אַרום טיש; דער פעטער טהיילט די קינדער חנוכּה־געלד און זײַנוועלע בעקומט אויך פון פעטער אַ גאַנצען זילבערנעם פערציגער און פון טאַטען האָט ער בעקומען אַ זילבערנעם גילדען.

צוליעב חנוכּה און צוליעב דעם גאַסט קומען אָן אַ פּאָר בעקאַנטע און מען זעצט זיך אויך בײַם טיש. עס ווערט עטליכע רעדלעך און מען שפּיעלט אין דריידיל, אין „קוויטלעך" און אין קאָרטען.

זײַנוועלע הלש'ט, מען זאָל איהם אויך אַרײַננעהמען צווישען די גרויסע.

— איך האָב געלד! שפּרינגט ער יעדען אין פּנים און ווײַזט זײַנע צוויי זילבערנע מטבעות.

זײַנוועלע שפּיעלט און שפּיעלט, ביז ער האָט שוין פערשפּיעלט מעהר ווי אַ האַלב פון זײַן קאַפּיטאַל, דאָס פּנים פלאַמט איהם און פלאַ־קערט און שטערט דאָס שפּיעל... די גרויסע וואַרפען איהם אַרוים פון קאָהן און גיבען איהם אָב זײַן פערשפּיעלט געלד, ער זאָל ניט האָבען קיין טענות און ניט געוואַלדעווען...

זײַנוועלע איז אויסער זיך וואָס מען וויל מיט איהם ניט שפּיעלען, נאָר ווי פון הימעל פאַלט אַרײַן אין שטוב בעני פּופּלאַקס און זײַנוועלע לויפט איהם אַ קעגען מיט שמחה.

— האָסט געלד, פּופּלאָקס?....

— און דו האָסט? פרעגט איהם בעני.

— נאַ זעה! ווייזט איהם ווײַנוועלע זיין געלד; ווייז נאָר, צי דו האָסט?

און פּופּלאָקס ווייזט איהם, אַז ער האָט זיבעצעהן נײַאינקע רויטע קאָפּיקעס, ווי געלד זעהען זיי אויס.

אין אַ בעזונדער ווינקעל זעצען זיי זיך שפּיעלען אין „קוויטלעך" אויף געלד.

אין אַ האַלבער שעה האָט שוין ווײַנוועלע פערשפּיעלט זיין חנוכה־געלד בײַ פּופּלאָקסען.

ווײַנוועלען ברענען די באַקען, די אויגען בלישטשען און ער גערט מאַכען הלוואות בײַ די, וואָס שפּיעלען אַרום גרויסען טיש, נאָר קיינער לײַהט איהם ניט.

מען קען איהם שוין!...

— ווייסטו וואָס, לאָמיר שפּיעלען אין קנעפּלעך! בעט זיך ווײַנוועלע בײַ בעני פּופּלאָקס.

און בײדע חברים שפּיעלען שוין אין קנעפּלעך ווי אַ גאַנץ יאָהר...

---

## III.

עס איז נאָך ניט געוועזען קיין זעקס אַ זייגער, דאָס חנוכה־ליכטעל האָט שוין אויסגעברענט, נאָר אַרום דעם גרויסען טיש האָט דאָס שפּיעל צווישען די רעדלעך זיך ערשט אָנגעהויבען ווי עס דאַרף צו זיין; נאָר דער פעטער, וואָס איז „אַרומגעגאַנגען דעם טיש" און אומעטום „אײַנגעשטעלט", איז געגאַנגען אַ ביסעל זיך צולעגען,— זיך אָפּרוהען פון וועג.

— שפּיעלט, שפּיעלט, קינדער, האָט דער פעטער געזאָגט: איך וועל זיך געהן אַ ביסעל צושפּאַרען, זיך אָפּרוהען פון וועג, איך וועל נאָך קומען צו אײַך, צו דער וועטשערע איז נאָך ווײַט.

— געדענק־זשע, אַז צו דער וועטשערע וועל איך דיך אויפוועקען! האָט זיך אָנגערופען זעלדע.

— ווי לאַנג האָבען מיר געגעסען מיטאָג, און דו ביזט שוין דאָ מיט דער וועטשערע. עס איז נאָך קיין זעקס אַ זייגער ניטאָ; איך וועל נאָך ביז דער וועטשערע דרײַ מאָל זיך אויסשלאָפען. איך וועל נאָר האַפּען אַ דרימעל. ווער ווייס עס אײַך פערשלאָפען די לאַטקעס?!... האָט דער פעטער זיך

געווערטעלט און אוועקגעגאנגען אין זאל, וואו ער האט זיך אין אנטהון צוגעשפארט אויף א ווייכער סאפקע, איבערגעצויגען מיט גרינער סאראטע.

דער פעטער איז געלעגען אויף דער סאפקע אין דעם האלב-פינסטערען זאל און געקוקט אויף דעם באלקען, אויף די טהירען. ווי בעקאנט איז איהם דאס אלעס! אין דעם הויז איז ער געבוירען. ווען דער טאטע איז געשטארבען, האט ער אבגעזאגט דאס הויז דער שוועסטער; ער האט שוין דענסטמאל אליין א הויז געהאט. אט זעהט ער א בעקאנט בילד אין איין אלטער געגילדעטער אבגעבליאקעוועטער ראם: נאפאלעאן איז אויסגעמאלט רייטענדיג אויף א ווייס פערד מיט זיין גרויסער „נאפאליאנקע" אויף דעם קאפ, נעבען זיין פערד'ס פיס שטעהען א סך היל אויך אויף פערד מיט ביקסען, שפיזען און פאהנען אין די הענד. ווי בעקאנט איז איהם דאס בילד! ער האט זיך דערמאהנט — ווען ער איז געוועזען א קליין יונגעל, האט ער געקוקט אויף דאס בילד און געטראכט: וואו נעהמט מען אזא ווייס פערדעל אויף צו פאהרען רייטענדיג!

— נארישע קינדערשע געדאנקען... טראכט דער פעטער: ווי לאנג איז מען ערשט קינדער געוועזען! ווי לאנג איז מיין שוועסטער אין וויעגעלע געלעגען און מען פלעגט מיך טרייבען פון וויעגעלע ווען איך האב זיך געוואלט שפיעלען מיט איהר? איצטער איז זי שוין א מאמע פון דערוואקסענע קינדער. אויסגעוואקסען און צעווארפען געווארען אויף שבעה ימים. וויפיעל צרות, וויפיעל זענען געשטארבען, וויפיעל דאגות, און קוים איין מאל אין פופצעהן יאהר זיך ארויסגעריסען צו דער איינציגער שוועסטער; אי דאס ווען עס זאל זיך מיר ניט געוועזען מאכען צוליעב געשעפטען פאהרען אין דער געגענד, ווער ווייסט ווען איך וואלט זיך געקענט ארויסרייסען! ביי היינטיגע טייערע געשעפטען, ווי קען מען האבען אין זינען פאהרען גאסטיען?

קוקענדיג אויף די פיער ווענד פון דעם בעקאנטען זאל, האט זיך פאר זיינע אויגען געשטעלט לאנג-פערגעסענע בעקאנטע, געשטארבענע און לעבעדיגע. די אויגען האבען זיך איהם אנגעהויבען קלעפען, און ער איז מיט אמאל פון מיעדקייט שטארק ענטשלאפען געווארען.

---

## IV.

זיינוועלע'ן געדהט איצטער אויך ניט, און וואס וייטער — געהען איבער זיינע קנעפלעך צו פופלאקס'ען.

מיט זײַנע לעצטע קנעפּלעך שפּיעלט זײַנוועלע נאָך מיט מעהר פײַער; זײַנע בעקעלעך פּלאַקערן אַזוי, אַז זיי ברוהען אַזש; דער דאַשיק פון זײַן היטעלע האָט זיך אויסגעדרעהט אויף אַ זײַט, עטליכע גרײַזלעך אויף זײַן געגרײַזעלט קעפּעל האָבען זיך אויפגעשטעלט. ער פּיהלט, אַז באַלד פערשפּיעלט ער די לעצטע קנעפּלעך, און געלד אויף קויפען בײַ בעני'ן קנעפּלעך האָט ער ניט. ער קען פּופּלאָקסען, אַז ער וועט איהם ניט באָרגען אפילו איין קנעפּעל; און עס איז נאָך אַזוי פריה, די נאַכט איז אַזוי לאַנג, עס איז אַזוי פרעהליך הײַנט אין שטוב, מען מעג שפּיעלען, אַלע שפּיעלען און ער האָט ניט מיט וואָס!...

ווען זײַנוועלע האָט פערשפּיעלט דאָס לעצטע קנעפּעל, האָט איהם בעדעקט אַ קאַלטער שווייס; נאָך עטליכע גרײַזליך האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף זײַן קעפּעל, זײַן היטעל האַלט זיך קוים אויף דעם שפּיץ קאָפּ, דער מה דרעהט זיך, פאַר די אויגען פינטעלט. ער פיהלט, ווי די באַקען ברוהען איהם ווי הייסע קוילען; ער פערגעסט, אַז עס איז אומזיסט צו בעטען בעניען, און ער הויבט אָן בעטען און הלשון, זײַן חבר זאָל מיט איהם ווײַטער שפּיעלען.

— שטעל אַיין, וועל איך שפּיעלען מיט דיר! רופט זיך אָן פּופּלאָקס קאַלטבלוטיג און מיט אַיין ממזרש'ען שמייכעלע.

— באָרג מיר עטליכע קנעפּלעך, פערקויף מיר קנעפּלעך, מאָרגען וועל איך דיר בעצאָהלען; אַזוי ווי איך בין אַ יוד, איך וועל דיר בעצאָהלען!...

— איך וויל ניט, מ'מען קען דיך!...

— איך זאָל ניט דערלעבען ביז מאָרגען, אויב איך וועל דיר מאָרגען ניט בעצאָהלען!

— עס קומט מיר נאָך פון לאַנג...

— אַזוי ווי איך בין אַ יוד, אַז איך וועל דיר פאַר אַמאָל און פאַר איצטער בעצאָהלען! זאָל איך שטאַרבען, אויב...

פּופּלאָקס שלאָגט איהם איבער די רייד:

— שווער זיך ניט... איך וויל שוין סײַ ווי סײַ ניט שפּיעלען. איך וויל שוין געהן שלאָפען, די מאַמע וועט אויף מיר שרײַען...

— ס'אַ ליגען!... ס'איז נאָך אַזוי פריה... ווילסט ניט שפּיעלען מיט מיר אויף באָרג; וואַרט, איך האָב שוין קנעפּלעך!... טײַערע, נײַע קנעפּלעך... איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איך האָב... וואַרט אויס, ברענג איך באַלד, נאָר געה ניט אַוועק... באַלד קום איך...

פּופּלאָקס וואַרט. עס געדויערט עטליכע מינוט, און זײַנוועלע ברענגט

עטליכע קנעפ...

— אך, וואס פאר א שענע, נייאינקע! — זאגט פופלאקס. — אזוינע גרויסע קנעפ פון א קאפאטע!

און ער בייט איהם אויס עטליכע אויף קלענערע און אלטע קנעפלעך, און מען שפּילט ווייטער.

עס געדויערט ניט קיין סך, און זיינוועלע האט שוין אויסגעביטען אלע גרויסע קנעפ און אלע פערשפּילט...

— ווארט אויס, — רופט זיך אן זיינוועלע. — איך האב נאך... באלד ברענג איך, געה נאר ניט אוועק...

און אין עטליכע מינוט ארום ברענגט זיינוועלע ווידער נייע קנעפלעך, שוין קלענערע...

פופלאקס לויבט זיינע קנעפלעך, און האטש זיי זענען קלענער, בייט ער איהם אויס: פאר איינס — דריי אלטע.

און מען זעצט זיך ווידער שפּילען.

---

# V.

אין דעם האלב-בעלויכטענעם זאל, וואו דער פעטער חיים האט זיך צוגעשפּארט אויף דער סאפקע אברודען, הערט זיך דער רעש פון די שפּילער, וואס געפינען זיך ארום טיש אין עס-שטוב. פון דער קיך הערט זיך דאס קלאפּען און רעש'ן פון דעם צוגרייטען די וועטשערע, אין די פענסטער פּאטשען נאסע שטיקער שנעע, וואס הערען ניט אויף צו פאלען נאך פון בייטאג אן. איבער דעם זאל הערט זיך אויך דעם פעטער'ס הראפּען, קרעכצען און פייפען מיט דער נאז. ער ברומט עפּעס מיט דעם מויל, דערנאך געהט א הראפּ, שפּעטער אביסעל — א פייף און ווידער א ברום...

עס חלומ'ט זיך איהם חלומות, וואס בייטען זיך איינער נאך דעם אנדערן, איינער שרעקליכער פון דעם צווייטען.

אט חלומ'ט זיך איהם שלאנגען מיט עקדעשען, וועלכע שטעהען זיך ביי זיינע פיס. אט קריכען זיי ארויף העכער צו זיין פנים, זיי עפּענען מיילער מיט שרעקליכע ציינער... ער וויל זיי אבשטויסען מיט די הענד, נאר פון שרעק קאן ער זיך ניט ריהרען.

די עקדעשען מיט די שלאַנגען ווערען פערשוואונדען... און ער פאָהרט מיט אַ שווערען שליטען סחורה איבער אַ פערפרוירענעם טייך; הייקעל בעל־עגלה טרייבט די פערד, און ער זיצט אויף דעם שליטען סחורה אין זיין שווערען שאָפּענעם טולופּ מיט דעם גרויסען קאָלנער איבער'ן קאָפּ און אין פוטערדיגע שטיוועל. עס גלוסט זיך שטאַרק פער־רויכערן אַ פּאַפּיראָס, נאָר עס איז איהם שווער צו צעגאַרטלען זיין שווע־רען טולופּ. מיט פיעל מיה שלעפּט ער אַרויס זיין פּאָרטמאַבאַק, פער־דרעהט אַ פּאַפּיראָס און נעהמט איהם אין מויל. ער צינדט אָן אַ שוועבעלע, עס ווילט זיך איהם אַליין שטאַרק פערציהען דעם פּאַפּיראָס מיט דעם גאַנצען אָטהעם, נאָר דער ווינד בלאָזט שטאַרק איבער דעם טייך, לעשט און לעשט די שוועבעלעך. דער פּאַפּיראָס צערייסט זיך, דער טאַבאַק שיט זיך אויס און עס ווערט ביטער אין מויל... פּלוצים דער־הערט ער אַ געשריי פון הייקעל בעל־עגלה: שפּרינגט אַראָב, רבי חיים! דאָס אייז ברעכט זיך! נאָר איהם איז שווער זיך צו ריהרען אין זיין שווערען טולופּ, און ער פיהלט, ווי דער שליטען האָט זיך איבערגע־קעהרט, און ער ליעגט אונטער דעם שליטען סחורה. ער הערט, ווי דאָס אייז ברעכט זיך, ווי דאָס וואַסער בולבעט אַרויס פון די בּרייטע אייז־שפּאַלטען; ער פיהלט, ווי דער שליטען מיט דער סחורה, וואָס ליעגט אויף איהם, שטופּען איהם טיעפער, טיעפער... עס ווערט איהם שווער צו אָטהעמען... אָט בלייבט ער שוין איינגאַנצען אָהן אָטהעם און האַפּט זיך אויף... ער ליעגט מיט אָפענע אויגען און זעהט, ווי זיינוועלע זיצט אויף איהם רייטענדיג מיט אַ טיש־מעסער אין האַנד. . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

דער פעטער ליעגט ווי פערגליווערט און קאָן זיך ניט ריהרען מיט קיין אבר. ער זעהט פאַר זיינע אויגען בלישטשעט אַ מעסער, און אַ קאַלטער שווייס בעדעקט איהם...

מיט אַלע קרעפטען נעהמט ער זיך צונויף און וויל שרייען, אַראָב־לויפען פון דער סאָפקע...

זיינוועלע דערזעהט פּלוצים, ווי דער פעטער האַלט אָפען די אוי־גען און ער שפּרינגט מיט שרעק אַראָב פון דער סאָפקע און אַנט־לויפט...

דער פעטער האַפּט זיך אַראָב פון זיין געלעגער... און זיינע קליי־דער פאַלען פון איהם... ער וויל זיך פערשפּילען, נאָר אַלע קנעפּ־לעך זענען אָבגעשניטען...

— הײם! הײם! — הערט זיך פלוצים װעלדעס קול פון עס-שטוב — גענוג שלאָפען, דער עולם װאַרט אויף דיר מיט דער װעטשערע... מען טראָגט שוין די לאַטקעס!

. . . . . . . . . . . . . .



# דאס שרייטעלע.

## I.

ווען מען זאל פרעגען משה׳לען, וועמען האָט ער בעסער ליעב, וואָלט ער געענטפערט:

— טאַטע־מאַמע און דאָס זילבערנע לעמפעל.

קיין בעסערער, פרעהליכערער יום־טוב ווי די טעג, ווען מען האָט אַרויסגענומען דאָס זילבערנע לעמפעל און אָנגעצונדען חנוכה־ליכטלעך, איז פאַר משה׳לען נישט געוועזען.

ווי די מאַמע האָט עס אַרומגעפוצט לכבוד חנוכה, פלעגט משה׳לע לעבעדיג און פרעהליך ווערען.

אַ פרעהליכע צייט, אַ טייערע צייט הויבט זיך אָן פאַר משה׳לען, און מיט ליעבע גלעט ער דאָס זילבערנע לעמפעל און רעדט זיך פריינדליך איבער מיט דעם געגילדעטען לייבעלע און מיט די צוויי פויגעלעך פון ביידע זייטען, וואָס געפינען זיך אויף דעםווענדטעל פון דעם חנוכה־לעמפעל.

— מאָרגען וועט זיין חנוכה, דער טאַטע וועט אָנצינדען די חנוכה־ליכטלעך און אונז וועט זיין אַזוי פרעהליך, אַזוי גוט! — זאָגט ער, אונטערטאַנצענדיג. דעם לייבעלע מיט די פויגעלעך און גיט זיי אַ גלעט.

און גוט און פרעהליך איז טאַקי געוועזען. דער שטענדיגער פערזאָרגטער טאַטע איז געוואָרען גוט און וייך, ווען ער האָט אָנגעצונדען דאָס ערשטע פייערל אין חנוכה־לעמפעל און מיט אַ פרעהליכען, שענעם ניגון געזאָגט די ברכה. די מאַמע איז אויך געשטאַנען דערביי און האָט

משה׳לען ניט געטריבען פון איהר פארטוך, וואס ער האט אזוי ליעב געהאט צו האלטען, זיך טוליענדיג צו דער מאמע׳ן. דער טאטע בענשט אב הנוכּה־ליכט און זאגט איהם:

— משה׳לע, קום נאר אהער!

און משה׳לע רײסט זיך אב פון דער מאמע׳ס פארטוך און לויפט־צו צו איהם.

— דו ווילסט חנוכּה־געלד? — זאגט דער טאטע, און ניט ווארטענדיג אויף אנ׳ענטפער, לעגט ער אריין די האנד טיעף אין קעשענע און נעהמט פאמעליך ארויס א רובל.

— אט האסטו דו, משה׳לע, א גאנצען רובל חנוכּה־געלד. איבער א יאהר, אם ירצה השם, ווען דו וועסט זײן א לײטיש יונגעל, וועל איך דיר געבען צוויי רובל.

דער טאטע האט איהם א גלעט געטהון איבער׳ן בעקעל און די מאמע האט איהם א קוש געגעבען.

משה׳לע בעטראכט אמאל צעהן דעם „גאנצען" רובל. ער לויפט ארום איבער דער שטוב און שטעלט זיך אב בײ׳ם לעמפעל און קוקט נאך אמאל אויף דעם גאנצען רובל.

— וואו איז ער ערגיץ? משה׳לע, וואו ביזט דו ערגיץ? — רופט דער פעטער גאדיל.

משה׳לע לויפט און האפט פון פעטער חנוכּה־געלד.

דערנאך קומט די מוהמע יענטע, קריגט ער ווײטער געלד. עס קומט הײקעל, דאס נײע פעטערל, וואס האט ערשט התונה געהאט פאר זײן מאמע׳ס שוועסטערל, מיט דעם קומט־צו א נײ חנוכּה־געלד. דערנאך קומט ר׳ איטשע בעקער מיט דעם גרויסען בויך, אויף וועלכען עס הענגט א גראבע גאלדענע קײט, צוגעטשעפעט צו׳ם קעשענע־זײגער, ער האט שטענדיג מיט זײן טאטע׳ן געשעפטען. אויסער א זילבערנעם פערציגער, האט ער איהם געשענקט א זײגערל, וואס געהט ניט און קלאפט ניט, נאר עס האט א ציפער־בלאט. ווער עס איז נאר אריינגעקומען צו זיי אין שטוב, אייגענע קרובים און גוטע בעקאנטע, האבען איהם געגעבען חנוכּה־געלד.

און אזוי יעדען טאג, בײ׳ם צווײטען, בײ׳ם דריטען און בײ׳ם פיערטען ליכטעל. וואס ווײטער אלץ פולער ווערט משה׳לעס קעשענע מיט חנוכּה־געלד און מיט פערשיעדענע קינדער־שפיעלעכלעך און מיט „גוטע זאכען".

עס איז דאס פינפטע ליכטעל. די מאמע באקט לאטקעס, און די

פעטערס, מוהמעס און די גוטע בעקאַנטע זענען פערבעטען. דערווייל זיצען אַלע אַרום דעם טיש און מען שפּילט אין „קוויטלעך" און אין קאָרטען.

משה׳לע מיט זיין פולער קעשענע חנוכה־געלד, וואָס בעשטעהט פון קופּערנע און זילבערנע מטבעות און דעם „גאַנצען" רובל, וואָס ער האָט בעקומען פון זיין טאַטע׳ן, שטעהט נעבען זיין ליעב, ליעב זילבערן לעמפּעל, וואו עס ברענען איצט אַזוי שען, פרעהליך און טאַנצענדיג פינף פייערלעך.

נאָך פריהער פאַר די געסט טראָגט איהם דערווייל אונטער די מאַמע אַ פעטע רעטשענע לאַטקע. ער בייסט די לאַטקע און איין האַלב פנים גלאַנצט ביי איהם פון פעטקייט; מיט דער אַנדערער האַנד טאַפּט ער אַלע מאָל זיין קעשענע, וואו עס געפינט זיך דער „גאַנצער" רובל צווישען די פיעל מטבעות, און קוקט און קוועלט, ווי די פינף פייערלעך ברענען און טאַנצען אַזוי פרעהליך און שפּיגלען זיך אָב אין זילבערנעם ווענדטעל פונ׳ם לעמפּעל, אַזוי אַז צוזאַמען צעהלט ער איבער צעהן פייערלעך. דאָס גאָלדענע לייבעלע און די צוויי פייגעלעך זענען נאָך שענער, ווי לעבעדיג, צוליעב די שענע פייערלעך, וואָס בעלייכטען זיי, און משה׳לען איז אַזוי גוט און יום־טוב׳דיג אויפ׳ן האַרצען...

אַ גליקליכער, פון גרויס פערגעניגען ווערט ער די חנוכה־נאַכט זיס געשמאַק איינגעשלאָפען.

די טייערע, ליעבע חנוכה־טעג געדענקט משה׳לע אַ גאַנץ יאָהר.

---

## II.

עס האָט זיך ווידער אָנגערוקט די צייט, ווען עס דאַרף באַלד זיין חנוכה. עס איז ווינטער, עס איז קאַלט, מען הייצט שוין לאַנג אין די הרובעס. אין דרויסען איז אַ פראָסט, עס שיט אַ שנעע, און משה׳לע וואַרט אויף די טייערע חנוכה־טעג מיט גרויס שמחה.

היינט אויף דער נאַכט בענשט מען דאָס ערשטע ליכטעל, און משה׳לע דערזעהט מיט שרעק, ווי זיין טאַטע נעהמט אַ קאַרטאָפעל, צושניידט זי גלייך אויף צוויי׳ען, דערנאָך שניידט ער אויס פון ביידע האַלבע אינעווייניג צו שטיקלעך, אַזוי אַז זיי ווערען דערנאָך אויס ווי צוויי קליינע

שיסעלעך. אין איינעם לעגט ער אריין א שטיקעל פאדעם און גיסט אן בוימעל, מאכט די ברכה און צינדט אן דאס קנייטעל.

משה'לען איז אפילו אין אנהויב געפעלען די קונציגע מלאכה, וואס זיין טאטע האט געמאכט מיט דער קארטאפעל, נאר באלד ווי דאס פייערל האט זיך אנגעצונדען, איז איהם עפעס ווי פינסטער געווארען אין די אויגען און טרויעריג אויף דעם הארצען. דאס פייערל ברענט עפעס אזוי טרויעריג, פינסטערליך, דאס עלענדע פייערל אין דער שווארצער קארטאפעל האט זיך ניט וואו אבצושפיגלען, אזוי ווי אין דעם זילבערנעם לעמפעל.

— וואו איז דאס זילבערנע לעמפעל? — פרעגט ער די מאמען מיט מורא.

נאר ער בעקומט ניט פון קיינעם קיין ענטפער. ער זעהט, ווי די מאמע געהט אוועק אין א ווינקעלע און ווישט זיך שטיל די אויגען מיט דעם פארטוך. זי בעהאלט זיך אין ווינקעל, דער טאטע זאל ניט דערזעהן.

משה'לע האט מורא צוצוגעהן צו דער מאמען. די מאמע געהט אוועק, און משה'לע בלייבט אליין אין שטוב. ער ווארט, דער טאטע זאל איהם רופען ווי אלע יאהר: „משה'לע, ווילסט הנוכה-געלד?" און היינט וועט ער איהם געבען מעהר ווי פאר-א-יאהרען, ווייל ער איז שוין היינט א גרויסער בחור, שוין עלטער מיט א יאהר. נאר קיינער רופט איהם ניט. ער הויבט אן צו הוסטען — עס איז שטיל. ער געהט אריין אין צווייטען צימער, וואו דער טאטע איז דא, נאר ער בעמערקט איהם אפילו ניט, ער איז פערזארגט ווי א גאנץ יאהר. קיין פעטערס, קיין מוהמעס און קיין בעקאנטע קומען ניט, אפילו ר' איטשע בער מיט'ן גרויסען בויך און מיט דער גראבער גאלדענער קייט קומט נישט. קיינער קומט נישט און קיינער גיט איהם נישט קיין הנוכה-געלד...

אויף דעם צווייטען טאג האט ער בעגעגענט אין גאס א פאר פון זיין טאטע'נס בעקאנטע, וועלכע האבען איהם פאר-א-יאהרען געגעבען הנוכה-געלד. ער האט געקוקט אויף זיי, נאר זיי האבען זיך איצטער אפילו ניט אומגעקוקט אויף איהם.

שבת, ווען ער איז מיט דעם טאטען געגאנגען אין שוהל דאווענען, האט ער דאס ערשטע מאל בעמערקט, ווי קיינער פון זיין טאטע'נס בעקאנטע קוקען זיך אפילו ניט אום אויף איהם, וועהרענד פריהער פלעגען זיי איהם ניט דורכלאזען, דער האט איהם געזאגט: „משה'לע, ביזט

אַ וואויל יונגעל׳׳, דער האָט איהם מיט ליעבשאַפט אַ גלעט געטהון איבער׳ן בעקעל; אָפט האָט ער געהערט, ווי די בעקאַנטע האָבען גע-זאָגט זיין טאַטען, אַז משה׳לע איז אַ טייער קינד און האָבען זיך וועלבסט געוואונשען, אַז זייערע קינדער זאָלען אַזוי זיין. אומעטום האָט מען איהם געלויבט און געפיעשטשעט.

ערשט איצטער, פון יענער צייט, זינט דאָס זילבערנע לעמפעל גע-פינט זיך נישט ביי זיי אין שטוב, האָט ער בעמערקט, ווי מען האָט איהם אויפגעהערט צו לויבען און קיינער דערמאָהנט אפילו נישט זיין נאָמען.

משה׳לע האָט שטאַרק חשק בעקומען, אַלע זאָלען איהם ווידער לויבען, גלעטען און פיעשטשען, ווי אין דער צייט, ווען דאָס זילבערנע לעמפּיל איז געוועזען.

חנוכה איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען אָהן אַ גראָשען געלד חנוכה-געלד און אָהן לאַטקעס. משה׳לע פלעגט טאָג מיט נאַכט ניט אויפ-הערען צו טראַכטען פון די צייטען, ווען דאָס זילבערנע לעמפּיל איז ביי זיי אין שטוב געוועזען. ווי גוט איז דעמאָלט געוועזען, דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געווען גוט צו איהם, אין שטוב איז געוועזען פרעהליך, עס פלעגען קומען אַ סך מענשען, אַלע פלעגען מיט איהם רעדען, אַלע פלעגען איהם שענקען מתנות מיט גוטע זאַכען, און איצטער איז אַזוי שטיל און טרויעריג...

— און וואו איז דאָס זילבערנע לעמפּיל? פלעגט זיך משה׳לע אָפט פרעגען. זינט ער האָט חנוכה געפרעגט וועגען דעם די מאַמע׳ן, און זי האָט איהם דערפאַר פון פאַרטוך אָבגעריסען, פרעגט ער מעהר קיינעם ניט, נאָר אַליין הערט ער ניט אויף צו טראַכטען וועגען זיין ליעב, ליעב זילבערען לעמפּיל מיט דעם שענעם לייבעלע און טייערע פוי-געלעך.

משה׳לע הערט ניט אויף זוכען דאָס לעמפּיל, טאָמער וועט ער עס געפינען אָדער בעגעגענען, אָבער עס געהט אַוועק צייט און ער געפינט עס ניט.

אָבער די האָפנונג צו געפינען דאָס זילבערנע לעמפּיל האָט ער ניט אָנגעוואָרען.

— איך דאַרף נאָר האָבען אַ שרייטעלע, פלעגט זיך משה׳לע טראַכ-טען, דערמאַנענדיג זיך ווי זיין באָבע, וועלכע איז שוין לאַנג אין גן-עדן, האָט איהם דערצעהלט אַ שענע מעשה פון די שרייטעליך. דאָס זענען אַזוינע קליינע ברעקעלעך מענשעלעך מיט פיסעלעך און הענדט-

לעך, זיי געהען אנגעטהון אין שווארצע קאפעליושליך און געפינען זיך אין יעדער שטוב, אין די קעלערס, יעדער קאן זיי זעהן, נאר זיי לויפען אזוי גיך, אז עס איז שווער זיי צו האפען, אבער ווער עס האט דאס גליק האפען א שרייטעלע און אראבחאפען איהם דאס קאפעליושיל, דער ווערט א גליקליכער. דאס שרייטעלע הויבט זיך אן בעטען, מען זאל איהם אבגעבען דאס קאפעליושיל. — וואס בעגעהרסט דו, וועל איך דיר ברייננען? פרעגט דאס שרייטעלע, און וואס דער מענש בעגעהרט, קאן דאס שרייטעלע ברייננען, אפילו א גאנצען פאלאץ מיט קנעכט און דיענסטען, בריליאנטען, גאלד און זילבער.

און ביי משה'לען איז פעסט געבליבען, אז ער מוז סוף כל סוף האפען א שרייטעלע, ניש-קשה, ער, משה'לע, קאן אויך גוט לויפען, און ווען ער וועט דערזעהן א שרייטעלע, וועט ער געווים האפען, ער וועט עס ניט אבלאזען און אראבחאפען דאס שווארצע קאפעליושיל. — „וואס בעגעהרסט דו?" וועט דאס שרייטעלע פרעגען. — „איך בעגעהר, דו זאלסט מיר ברייננען מיין טאטענ'ס זילבערנע לעמפיל!" וועט משה'לע זאגען. דאס לעמפיל וועט אויסוואקסען פאר זיינע אויגען, ער וועט אבגעבען דעם שרייטעלע דאס קאפעליושיל און וועט האפען דאס זילבערנע לעמפיל און אריינלויפען אין שטוב. דער טאטע מיט דער מאמע'ן וועלען עס דערזעהן, וועלען זיי פרעהליך ווערען און עס וועט ווידער זיין אזוי גוט און פרעהליך, ווי פריהער.

משה'לע שטעלט זיך פאר, ווי זיין טאטע בענשט ווידער פרעהליך חנוכה-ליכטלעך אין דעם זילבערנעם לעמפיל. ער האלט די מאמען ביי'ם פארטוך, זי טולעט איהם צו זיך. דער טאטע רופט געבען צוויי גאנצע רובל חנוכה-געלד, פעטער, מוהמעס און גוטע בעקאנטע קומען צו זיי אין שטוב, מען גלעט איהם, מען קושט און מען גיט איהם חנוכה-געלד מיט שענע זאכען. די מאמע באקט לאטקעס און ער שפיעלט זיך מיט די שענע זאכען און מיט דער פולער קעשענע חנוכה-געלד נעבען זילבערנעם לעמפיל, וואו עס ברענען אזוי שען און טאנצענדיג די פייערליך און שפיעגלען זיך אב מיט נאך פייערליך אין זילבערנעם ווענדטיל, וואו עס געפינען זיך דאס שענע לייבעלע און די טייערע פויגעלעך...

## III.

ביי איטשע-בער אין שטוב שפיעלט זיך זיין יונגעלע הירשעלע מיט זיין חבר משה'לע.

הירשעלע געהט אין נייע מלבושים'ליך און משה'לע אין אַלטע. הירשעלע האָט צוויי פולע קעשענעס ניס און משה'לע האָט אין גאַנצען עטליכע, וואָס הירשעלעס מוטער האָט מכבד געוועזען איהר יונגעלע'ס חבר.

זיי שפּיעלען ביידע אין ניס אין דער גרויסער עס־שטוב. ניסליך פּער־קאַטשען זיך אַלע מאָל הינטערן שווערען דעמבענעם בופעט, די קינ־דער ציהען זיך אויס אויף דער פּאָדלאָגע און מען קאַטשעט אַרויס די ניסליך און מען שפּיעלט ווידער.

אַ פּאָר ניסלעך האָבען זיך פערקאַטשעט אין דער גרויסער זאַל. ביידע חברים האָבען זיך געלאָזט לויפען אַהין.

דער זאַל איז אויסגעפּוצט מיט טייערע מעבעל. אויף עטאַזשערקעס זענען אויסגעשטעלט פערשידענע שענע זאַכען פון פּאָרצעלאַן, בראָנז און זילבער. אויף אַ שען ווינקיל־טישעל האָט משה'לע דערזעהן צווישען אַנדערע זילבערנע זאַכען אויך אַ זילבערן לעמפּיל מיט אַ לייבעלע און מיט צוויי פויגעליך. משה'לעס פּנים ווערט מיט אַלערליי קאָליערען פון גרויס שמחה. ער שפּרינגט אונטער און חאַפּט דאָס לעמפּיל.

— מיין טאַטענס זילבערן לעמפּיל! מיין טאַטענ'ס! שרייט משה'לע ניט מיט זיין קול פון גרויס פריידע, טאַנצענדיג צוזאַמען מיט דעם לעמפּיל אין די הענד. זעה נאָר, הירשעלע, מיין טייער לייבעלע, מיינע ליעבענקע פויגעלעך! מיין טאַטענ'ס לעמפּיל!

— אַוועק! גיב עס מיר אָב, עס איז מיינע פויגעלעך, עס איז אונזער לעמפּיל. מאַמע, זאָל ער מיר אָבגעבען די פויגעלעך! שרייט הירשעלע און רייסט פון משה'לעס הענדטלעך.

— ס'איז אַ ליגען, דאָס איז מיינס, מיין טאַטענ'ס! הערט ניט אויף געוואַלדעווען משה'לע. זיין פּנים ווערט בלוי און געל פון ראַנגלען זיך און ניט לאָזענדיג דאָס לעמפּיל אַרויסרייסען פון זיינע הענד, וויל ער מיט דעם ענטלויפען אַהיים.

אויף די קינדער'ס געשריי איז אָנגעלאָפען ר' איטשע־בער מיט זיין ווייב און אַלע שטוב־מענשען און מען האָט פון משה'לעס הענד אַרויס־געריסען דאָס לעמפּיל.

— איך האָב דיר צעהן מאָל געזאָגט, אַז זילבער דאַרף מען האַל־טען פערשלאָסען אין „קלאַדאָוואָי" גלייך מיט אַלע משכנות. און דו ווילסט דעם זאַל אויספּוצען מיט זילבער, — האָט ר' איטשע־בער אָנגעשריען אויף זיין ווייב און אַוועקגעטראָגען דאָס לעמפּיל אין קלאַדאָוואָי, וואו ער האַלט פערשלאָסען אַלע אַנדערע משכנות.

— אַ, אַ! וועמעס לעמפּיל איז דאָס? האָט זיך הירשעלע געריִיצט מיט זיַין חבר.

— וואַרט נאָר אוים.... וואַרט.... איך וועל נאָר האַפּען דאָס שריַי־טעלע, וועסט דו שוין זעהן!.... וועסט דו.... האָט משה׳לע הירשעלען געסטראַשעט מיט דעם פינגער און מיט שליִנגענדיגע טרעהרען פון כעס איז ער מיט אַ געוויין אַוועקגעלאָפען אַהיים...

———



# פורים.

# אינהאלט:

| | |
|---|---|
| אָסתר־תענית 1881 | זייט 209 . |
| שלח־מנות | „ 216 . |
| געננג גראַגערן | „ 224 . |
| אַ געלעכטער | „ 230 . |

# אסתר תענית, 1881.

(צום 25־טען יאָהר־צײַט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען).

אין די 25 יאָהר איז בײַ אונז אויסגעוואַקסען אַ נײַער, יונגער דור, וועלכער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף „מען טאָר ניט", אויסגעוואַקסען אין דער געשטיקטער, ענגער לופט פון דער „טשערטאַ", פון דעם הייגעלע אָן האָבען זיי נאָר געהערט: דאָ גייע ניט און אַטעם ניט, דאָס גאַנצע לעבען האָט מען נאָר גערייצט מיט „מען טאָר ניט". מען האָט ניט געטאָרט, ניט רעדען, ניט טראַכטען, ניט פּראָטעסטירען און אפילו ניט האָפען; אויסגעהאָדעוועט אונטער דער נאַגײַקע, אין מורא און אין שרעק. אויסגעוואַקסען אַ צוריסענער, אַ צעוואונדעטער און אַ צוראַצטער דור, מען האָט איהם אַזוי לאַנג געמוטשעט און גערייצט, ביז מען האָט איהם אַרויסגעבראַכט פון די כלים און אונטער די נאַגײַקעס הערט דער נײַער דור נישט אויף אָפען צו פּראָטעסטירען מיט אַ געוואַלדיגען געשריי אין אַלע שטעדט, אויף אַלע גאַסען, אַז אַלעס ציטערט. עס ציטערט די ערד אונטער די פיס, עס ציטערט די לופט...

נאָר דעמאָלט האָבען מיר געלעבט אין אַנ׳אַנדער צײַט, אַ צײַט פון גוטע האָפנונגען פאַר אַלע בעסערע מענשען אין לאַנד און יודען האָט זיך אויך געלעבט פרייער און אויך געלעבט מיט גוטע האָפנונגען.

אין דער טשערטאַ איז ניט געווען אַזוי ענג און דערשטיקט, אַ גרויסער טייל יודען האָבען פראַנק און פריי געוואָהנט אין די דערפער, געהאַלטען פּאָסעסיעס, מיהלען, גוראַלניעס און אַלערליי פאַבריקען און זאַוואָדען און אַלע האָבען געהאָפט, אַז אָט־אָט, היינט מאָרגען, וועלען זיך איינגאַנצען צורײַסען די אַלטע, שווערע קייטען פון דער טשערטאַ און יודען, וועלען אַלע אָבעטהעמען פריי, גלײַך מיט אַלע פעלקער, מיט אַלע מענשען אויף דער וועלט.

צוזאַמען מיט די פּויערן, וואָס זענען בעפריַיט געוואָרען פון „פּאַנ־שטיזנע", האָבען זיך יודען אויך געפיַהלט פריַיער, וויַיל זיי האָבען זיך בעפריַיט פון די פריצים, וועלכע האָבען מיט די יודישע אַרענדאַרען און פּאַסעסאָרס געטהון, וואָס זיי האָבען נאָר געוואָלט. יודען האָבען אויס־געהערט נאָך דעם פריצ'ס ווילען „מה־יפית" צו זינגען, און יעדער איז פאַר זיך אַליין געוואָרען אַ פריַיער און געפיהלט זיך אַלס מענש; און אַלס פריַיע מענשען האָבען יודען געפיַהרט געשעפטען און געלעבט. דאָס יו־דישע לעבען האָט געהאַט אַ בעזונדער שענעם קאָליער, און די יודישע ימים־טובים האָבען אַלע געפּײַערט מיט אַ זעלטענע שענהײַט, מיט ליעבע און מען האָט אין זיי געפיַהלט דעם אֶמת'ן יום־טוב'דיגען טעם.

נאָר דער שענסטער און פרעהליכסטער יום־טוב איז געוועזען פּורים, אין וועלכען מען האָט געלייענט אַ שענע מגילה, וואָס האָט זיך פער־לאָפען צוריק מיט טויזענדער יאָהרען, ווי אַנאַנטיסעמיט המן האָט גע־וואָלט פערטיליגען דאָס יודישע פאָלק און דערנאָך איז געקומען אַ מרדכי מיט אַ אסתר און האָבען געראַטעוועט דאָס לעבען פון זייער פאָלק און המן מיט אַלע אַנדערע אַנטיסעמיטען האָבען געהאַט אַ גרויסע מפּלה, יודישע קינדער מיט זייערע גרעגערס און דערוואַקסענע יודען האָבען נאָך בײַם לייענען די מגילה נאָך צוגעגראַגערט און צוגעקלאַפּט מיט די פיס צו המנ'ס מפּלה.

אַט אַזוי פרעהליך האָבען זיך די יודען דעמאָלט געפיַהלט. די גאַנצע מגילה איז פאָרגעקומען אַמאָל מיט טויזענדער יאָהרען צוריק ווען דער טפּש אחשורוש האָט געקעניגט, אָבער איצטער לעבען מיר אין דער צײַט פון דעם גוטען מלך אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, וועלכער האָט בעפרײַט די פּויערן פון פּאַנשטיזנע, וועלכער בינדט אויף און מאַכט אַלע מאָל לוזער די שטריק, וואָס קרעמפּעווען פון לאַנגע יאָהרען דאָס יודישע לעבען; אַ מלך, בײַ וועלכען דער ערשטער מיניסטער, וואָס פיהרט דאָס אינוועניגסטע לעבען אין לאַנד, איז ניט אַ המן, נאָר אַ לאָריס־מעליקאָוו, וועלכער וויל מיט אַלע כחות איבנאַנצען צורייסען די שטריק פאַר אַלע און פאַר יודען אויך.

לעבענדיג בײַ אַזאַ מלך מיט אַזאַ מיניסטער, האָט די פּורים־דיגע מגילה וועגען אַ טפּש'דיגען מלך אחשורוש מיט זיין מיניסטער המן גע־קלונגען בײַ יעדען יודען אין די אויערען, ווי אַ שענע זיסע מוזיק.

און פרעהליך איז דעמאָלט צווישען יודען געווען אין דעם יום־טוב פּורים און ליעב און זיס און טײַער איז געווען דער דאָזיגער יום־טוב בײַ יודישע קינדער און בײַ דערוואַקסענע מענשען.

אין יעדען יודיש הויז האָט זיך געפונען פון די שענסטע און זיסע זאַכען, וואָס מען האָט טעג-ווייז פאַר פורים געבאַקען, אָרעמע לייט האָט מען אין אַלע יודישע הייזער געטיילט געלד, רבנים, חזנים און אַלע כלי-קודש האָט מען געשיקט שלח-מנות, גוטע פריינד, חתן-כלה און אפילו קליינע קינדער, פלעגען זיך שיקען איינס דאָס אַנדערע שלח-מנות, פאַרנאַכט האָט מען געפראַוועט אויף דעם שענסטען און פרעהליכסטען אופן די פורים׳דיגע סעודה און די שענע מגלה, וואָס מיר האָבען געכטען געהערט לייענען, האָבען איצטער פאַר אונזערע אויגען פאַרגעשטעלט די פורים-שפּילער און פרעהליך איז דעמאָלט געווען אין דעם דאָזיגען יום-טוב.

---

אין דעם יאָהר האָב איך מיט מיינעם אַ פעטער געוואָהנט אין פּאָדאָליען אין אַ דאָרף, וואו ער האָט געהאַלטען די פּאָסעסיע. ער פלעגט זיך נוהג זיין אויף אַלע ימים-טובים פאָהרען אין שטאָדט אַריין און אָסתר-תענית פאָהרען צו דער מגילה און אין איין וועגס פלעגט ער אויך אָבּ-פיהרען די שלח-מנות צו אַלע שטעדטישע כלי-קודש פון רב ביז׳ן שמש פון דער אַלטער שוהל.

צוריק פון שטאָדט פלעגט ער מיטנעהמען אַ פּאָר אורחים אויף יום-טוב.

פאָהרען פלעגען מיר שטענדיג מיט דעם אַלטען זאַכאַרען, וועלכער האָט געדאַנט אין דאָרף איין איינגען שטיבעל מיט אַ צווי דעסיאַטין ערד און געדינט ביי׳ם פעטער, דעם פּאָסעסאָר.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיין פעטער איז געוועזען דער בעל הבית און זאַכאַר האָט אונטערטיבען דעם פעטערס פערד, פונדעסטוועגען האָבען זיי צווישען זיך געלעבט ווי גלייכע מענשען, ווי אַלטע לאַנגיאָהריגע בע-קאַנטע, זיי זענען טאַקע געווען כמעט אין איינע יאָהרען, ביידע גרוי מיט צוקנייטשטע אָבגעבּרענטע פון דער צייט, פון שווערע אַרבייט און צרות, פּנים׳ער, ביידע האָבען געקלאָגט אויף רעוומאַטיזם אין די פיס און פלעגען זיך ניט „הירצען" און זאָגען איינס דאָס אַנדערע „דו", דער פעטער פלעגט איהם רופען „זאַכאַר" און זאַכאַר פלעגט דעם פעטער רופען „פּאַני בערעק" (בעריל, דוב בער").

דעם אסתר תענית זענען מיר אַרויסגעפאָהרען מיט׳ן טאָג-גלייך, ווייל דער פעטער האָט געוואָלט דאַווענען מיט אַ מנין און אויך אַ גאַנצען טאָג ביז נאָך דער מגלה פערברענגען אין שטאָדט.

פון דאָרף אין שטאָדט איז געוועזען צו פאָהרען איינגאַנצען צעהן ווי׳אָרסט, פאָהרענדיג האָט דער פעטער מיט זאַכאַרען ליעב געהאַט צו רעדען פון אַמאָליגע יאָהרען ווען די פּיס האָבען זיי ניט וועה געטהון, ווען מען האָט געקענט שווער אַרבּייטען און צרות איבּערטראָגען און מען איז געוועזען געזונד.

דעם וועג פלעגט מען שטענדיג אָבלויפען ניט בּעמערקענדיג, נאָר דאָס איצטיגע מאָל האָט פלוצום זאַכאַר אַ געשריי געטהון: טפררו! און מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אין מיטען וועג.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז בּיים דישעל האָט זיך עפּעס אָבּגעבּונדען, זאַכאַר האָט קרעכצענדיג, זיפצענדיג און שילטענדיג אָנגעהויבען צוריק פערבּינדען.

— וואָס איז דאָס דאָרטען אַזוינס, וואָס דו שילסט אַזוי? האָט דער פעטער געפרעגט.

— ניט קיין גוטער סימן, אַז דער דישעל האָט זיך אויפגעבּונדען, האָט זאַכאַר געענטפערט שילטענדיג אין דער וועלט אַריין.

— אויף דיין קאָפּ און אויף דיינע הענד און פּיס, פאַר וואָס איז אַ שלעכטער סימן?

— שטשאָ ראָבּיטע, פאַני בּערעק, יאַק טאָ פּראַוודע, האָט זאַכאַר קאַלטבּלוטיג געענטפערט, זיך געזעצט אויף דער קעלניע און ווייטער געפאָהרען, ניט אויפגעהערט שילטען, שפּייען און צלם׳ן זיך.

---

ווען מיר זענען געקומען צוריק פון דאַוונען אויף אונזער שטאָדטישע סטאַנציע האָבען מיר ניט געפונען זאַכאַרען מיט די פערד, מען האָט אונז געזאָגט, אַז צוריק מיט אַ האַלבּע שעה האָט ער געפיהרט די פערד פּויען צום טייך, עס איז אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ האַלבּע שעה און זאַכאַר מיט די פערד זענען ניטאָ. דער פעטער האָט אָנגעהויבען אונרוהיג ווערען, פּויען דאַרף געדויערן אַ פערטעל שעה און דאָ איז שוין אַ גאַנצע שעה.

— דאָס אייז האָט זיך געקערט בּרעכען און זאַכאַר איז דערטרונקען געוואָרען מיט די פערד— האָט דער פעטער אָנגעהויבען איבּערצוטראַכטען.

און אַזוי איבּערטראַכטענדיג דערהערען מיר דאָס טופּען פון פערד.

מיר לויפען אַרויס פון צימער ווי זאַכאַר פיהרט קוים די פערד, ער שלאָגט זיך אין קאָפּ און רייסט זיך בּיי די האָר, וויינט און הליפּעט.

— וואָס איז? פרעגען מיר מיט שרעק.

זאַכאַרעֶן שטיקעֶן די טרעֶהרעֶן און עֶר רעֶדט קוים אויס:

— אונזעֶר באַטיושקאַ דעֶם צאַר— אונזעֶר בעֶפרייַעֶר האָט מעֶן דעֶר־הרג'עֶט,— עֶר איז שוין ניטאָ אונזעֶר בעֶפרייַעֶר, אונזעֶר בעֶשיצעֶר...

— ניט אמת, וואָס רעֶדסטו, זאַכאַר? איז דעֶר פּעֶטעֶר אָנגעֶפאַלעֶן אויף איהם.

— עֶס איז אמת פאַני בעֶרעֶק, אמת — דו העֶרסט, די גלאָקעֶן קלינ־געֶן, עֶס געֶהט שוין אַ „מאָליטווע״, הייַנט איז קיין יום טוב ניט...

— אמת, אמת, האָבעֶן מיר דעֶרהעֶרט פון אַנדעֶרעֶ וואָס האָבעֶן זיך אָבגעֶשטעֶלט נעֶבעֶן אונז, מעֶן האָט דעֶם קיסר דעֶר־הרג'עֶט אין מיטעֶן גאַס...

— איז דאָס טאַקעֶ אמת, אַז מעֶן האָט אַלכּסנדר דעֶם צווייטעֶן דעֶר־הרג'עֶט און אונזעֶר האָפעֶנונג צוגעֶנומעֶן ביי אונז?... האָט דעֶר פּעֶטעֶר ניט אויפגעֶהעֶרט צו פרעֶגעֶן.

עֶס האָט זיך איהם אַליך ניט געֶגלויבט און טרעֶהרעֶן האָבעֶן זיך איהם אָנגעֶהויבעֶן קייַקלעֶן איבעֶר זייַן גרויעֶ באָרד.

---

אויף דעֶר נאַכט צו דעֶר מגלה איז נישט געֶוועֶזעֶן דאָס פרעֶהליכ־קייַט וואָס אַלעֶ יאָהר, עֶפּעֶס האָט דאָס בית־המדרש אויסגעֶזעֶהן ווי אים תשעה־באָב, ווען מעֶן לייַעֶנט קינות, און דעֶר ניגון פון דעֶר מגלה האָט אויסגעֶוויזעֶן ווי דעֶר ניגון פון קינות. דעֶר עולם האָט געֶזיפצט. וואָס? ווער? ווען? — האָט קייַנעֶר נישט געֶוואוסט, נאָר מעֶן האָט זיך עֶפּעֶס געֶפיהלט ווי אַ סטאַדעֶ אין פעֶלד פאַר אַ שטורם־ווינד...

אויף גיך האָט מעֶן נאָך דעֶם תענית אויף דעֶר סטאַנציעֶ איבעֶר־געֶהאַפּט, זאַכאַר האָט מיט אונז אויך פּעֶרבייסעֶן און מעֶן קאָן זאָגעֶן, אַז דעֶם אסתר־תענית האָט זאַכאַר געֶפאַסט גלייַך מיט אַלעֶ יודעֶן. „עֶס עֶפּעֶנט זיך מיר נישט דאָס מויל צוים עֶסעֶן״ — האָט עֶר אַ גאַנצעֶן טאָג געֶרעֶדט.

צוריק אין דאָרף זעֶנעֶן מיר געֶפאָהרעֶן שוין מיט דעֶר אויפגעֶ־גאַנגעֶנעֶר ליכטיגעֶר לבנה און זאַכאַר האָט ווידעֶר אָנגעֶהויבעֶן שעֶלטעֶן אין דעֶר וועֶלט אַריין, שפּייַעֶן און צלם'ן זיך.

— איך האָב אָבעֶר געֶזאָגט, ווען דעֶר דישעֶל האָט זיך אויפגעֶבונדעֶן, אַז עֶס איז אַ שלעֶכטעֶר סימן, און דעֶר פאַן בעֶרעֶק האָט ניט געֶוואָלט גלויבעֶן און געֶשריעֶן אויף מיר, איך האָב אָבעֶר געֶוואוסט, אַז דעֶר

היינטיגער טאָג וועט קיין גוטס ניט ברענגען אויף דער וועלט, וואָרום אַז דער דישעל בינט זיך אויף...

— הער שוין אויף מיט דיינע נאַרישקייטען — האָט דער פעטער אָנגע־שריען אויף איהם.

נאָר זאַכאַר האָט ניט אויפגעהערט צו רעדען. ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען, אַז פאַר „פּאַנשצינאַ" פלעגט איהם זיין פּריץ, צו וועלכען זיין נפש האָט געהערט, אין אַקער שפּאַנען צוזאַמען מיט אַ פערד און אַ צווייטער פויער פלעגט זיי אָנטרייבען.

— אַ בייטש אויף דעם פערד און אַ בייטש אויף מיר, — האָט זאַכאַר דערצעהלט — און מיר האָבען געשלעפּט דעם אַקער.

— מיינ׳ס אַ קינד האָט דער פּריץ פערקויפט אַ צווייטען פּריץ און דער האָט מיין קינד אַוועקגעשענקט אַ דריטען פּריץ, איך וויים ביז היינט ניט וואו זיין געביין איז אַהין געקומען — וואו איז מיין קינד?

אַ שוואַרצע המאַרע האָט זיך אָנגערוקט אויף דעם פעטער׳ס פּנים, ער האָט זיך דערמאָהנט, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען פון די פּריצים אין יענע פינסטערע צייטען, ווען ער האָט געהאַלטען אַרענדעס אין פער־שידענע דערפער, ווי די פּריצים האָבען איהם געטראָטען מיט די פים, געשפּיגען אין פּנים און אַז זיינע טעכטער זענען אונטערגעוואַקסען האָט ער געמוזט איבערלאָזען די אַרענדע און אַנטלויפען מיט זיי אין שטאָדט אַריין.

נאָך דעם אסתר תענית האָט זיך פאַר יודען אָנגעהויבען נייע מגלות מיט נייע המנ׳ס. די גזירה פון 3־טען מאַי, אַז מען זאָל יודען אַרויסטרייבען פון מאָסקוואַ און... און...

נייע מגלות מיט נייע המנ׳ס, נאָר אָהן מרדכי׳ס.

פינף און צוואַנציג יאָהר איז אַוועק... און אַז איך הער איצטער לייענען די מגלה פון פּורים, אַז המן האָט צושיקט בריעף אין אַלע 127 מדינות מען זאָל פערטיליגען דאָס יודישע פאָלק, טראַכט איך מיר, וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען אַזוינע בריעף אַקעגען די פּראָוואָקאַטאָרען, וואָס מען צושיקט אין אַלע ערטער וואו יודען וואוינען מען זאָל מאַכען פּאָגראָמען.

וואָס פאַר אַ ווערטה האָט די מגלת אסתר אַקעגען די מגלות אין די 25 יאָהר זינט אלכסנדר דער צווייטער איז געשטאָרבען!

25 יאָהר איז אַוועק, וואו איז ערגיץ מיין פעטער, זיינע קינדער? — דער וועג פון דאָרף אין שטאָדט איז פאַר זיי פערוואַקסען געוואָרען, מען האָט זיי אַזוי לאַנג געטריבען פון דאָרף אין שטאָדט ביז זיי זענען אַלע פעראָרעמט געוואָרען, טייל האָבען זיך צוזייעט און צושפּרייט איבער

דער גאַנצער וועלט און טייל זענען געשטאָרבען פאַר דער צייט פון גרויס נויט און אומגליקען.

און ביי יעדען יודישען אומגליק וואָס איז פאָרגעקומען אין די 25 יאָהר דערמאָן איך זיך אין יענעם אסתר תענית און. ווען די טרעהרען, וואָס קאַפּען איבער מיין פעטערס באָרד און איך הער ווי יודען זיפצען ביי דער מגילה און דער פרעהליכער ניגון פון דער מגילה לייענען קלינגט מיר אין די אויערען ווי דער ניגון פון תשעה באב, מיט וועלכען מען זאָגט די קינות און מעהר איז ביי מיר ניטאָ קיין פרעהליכער פורים, נאָר אַ סך תשעה באָב'ס...

אין גאַנצען 25 יאָהר און אַזוי פיעל מגלות מיט המנ'ס און אָהן איין מרדכי.



# שלח־מנות.

אין יאָהר ...18 האָט זיך דער ווינטער אויסגעצייכענט מיט גרויסע שנייען, מען האָט אָנגעקוואָלען פון דעם „גוטען שליט־וועגס“ און דער־הויפט זענען געוועזען צופריעדען מיט דעם ווינטער די וואַלד־הענדלער.

— אַזאַ ווינטער האָט שוין גאָט לאַנג ניט געגעבען, האָט זיך אָנ־גערופען דער יוד, וואָס איז געזעסען קעגען מיר אין וואַגאָן, — גע־לויבט זיין ליעבער נאָמען.

— וואָס־זשע טהוט אייך אַזוי הנאָה פון דעם שטאַרקען ווינטער, וואָס אָרימע לייט פריהרען אַזוי?

— וואָס רעדט איהר? זאָל גאָט אָבהיטען! ניט דאָס מיין איך. איך בין אויך אַן אָרימאַן, נאָר היינטיגען ווינטער האָב איך זיך, ברוך־השם, ניט צו בעקלאָגען... איך, פערשטעהט איהר מיך, האַנדעל מיט האָלץ. איך האָב היינטיגען אָסיען אַוועקגעקויפט אַ שענע פּאָר צעהנדליג סטאָ־סעם האָלץ. איך זאָג „געקויפט“, ווי האָב איך אַזוי פיעל געלד צו בע־צאָהלען? איך האָב נאָר האַנד־געלד געגעבען עטליכע רובל; איז דער ווינטער אַ שלעכטער, ווערט דאָס רוב מיין האַנד־געלד פערפאַלען, ווייל ביי אַ שלעכטען וועג איז אַזוי טייער „די פוהר“, אַז עס לוינט ניט פיהרען דאָס האָלץ פערקויפען אין שטאָדט אַריין. היינטיגס יאָהר איז איבער דעם גוטען שליטוועגס „די פוהר“ ביליג און דאָס האָלץ אין שטאָדט פערצו־קערט מען — אַ קלייניגקייט אַזאַ ווינטער?

דאָס וואַלד־יודעל האָט אַ קוק געטהון אין פענסטער.

— זעהט נאָר, וואָס פאַר אַ טייערער וועג — אַ מחיה!

איך האָב אויך אַ קוק געטהון אין פענסטער אויף דעם גלייכען,

אויסגעפּאַהרענעם, „אויסגעריבענעם" וועג, וועלכער ציהט זיך איבער דעם ווייס-זילבערנעם פעלד, ווי אַ גלאַנצענדיגע סטענגע, גלייך ביי דער ליניע, און אַ קליין פויערש פערדעל אין אַ אָנגעלאָדענעם שליטען, אויף וועלכען עס זיצט אַ פויער אין אַ לאַנגען שמויסען היטעל, לויפט גרינג, שפּיעלענדיג, און דרעהט פון פערגעניגען מיט דעם עק.

— איהר זעהט, — רופט זיך אָן דאָס יודעל, — אין אַ גוטען שליטוועגס לויפט אפילו אַזאַ שקאַפּע אויך מיט אַ שווערע משא. עס פאָהרט זיך עפּעס פון זיך אַליין.

דאָס יודעל האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך זיין פויער'שען אַלטען פעלץ און געבליבען שטעהן אין אַנ'אַלטער קאַפּאָטע, אונטער וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט אַ וואַטאָווע לייבעל.

— מען דאַרף עפּעס נעהמען אין מויל אַריין; אַ גאַנצען טאָג געפאַסט, — האָט ער געזאָגט, און געגאַנגען ערגעץ זוכען וואַסער צו וואַשען זיך די הענד.

קומענדיג צוריק, האָט ער אַרויסגערוקט פון אונטער דער באַנק אַנ'אַלט קוישעל, פון וועלכען ער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסען פּראָסטען הערינג און פון אַ גרויס שוואַרץ ברויט אָבגעשניטען אַ המוציא. דעם הערינג האָט ער מיט זיינע שוואַרצע, פערהאָרעוועטע, דיקע הענד צוריסען אויף צווייען און אָנגעהויבען עסען, אויסטרינקענדיג פריהער אַ גלעזעלע בראָנפען.

אויף דער צווייטער באַנק זענען געזעסען עפּעס אַ פּריצ'על מיט אַ פּריצ'טע און מיט עקעל געקוקט, ווי דער יוד עסט.

אויך די איבעריגע פּאַסאַזשירען האָבען זיך געהאַלטען פון דעם יודען פון דערווייטענס.

איך האָב בעמערקט, ווי פון זיין קוישעל, וועלכעס ער האָט אָפען אַנידערגעשטעלט אויף דער באַנק, האָט אַרויסגעשיינט אַ גרויסע געפלאָכטענע שבת'דיגע חלה.

— וואוהין פאָהרט איהר איצטער, וואָס איהר פיהרט מיט זיך אַ גאַנצע קראָם?

— דאָס האָט מיר „מיינע" מיטגעגעבען, — ענטפערט ער מיט אַ שמייכעל — אַ קראָם זאָגט איהר? ווי אַזוי קען דאָס אַ מענש זיך אַרויסלאָזען אין וועג אָהן עסען-וואַרג?

— איהר פאָהרט עפּעס אין דער מדבר — מישט זיך אַריין אַ יודיש ווייבעל מיט אַ גרויסען הוט — מען פאָהרט דאָך, ברוך-השם, מיט דער באַהן, עס זענען פאַראַן וואָגזאַלען, כמעט יעדע האַלבע שעה אַ

סטאַנציע, וואו מען קריגט אַלעס, גאָט צו דאַנקען, מען דאַרף נאָר האָבען די קאָפּיקע ביי זיך, געפינט מען שוין אַלעס, ברוך־השם.

— וואָגזאַלען, סטאַנציעס — זאָגט דער יוד מיט אַ שמייכעל — איז ניט פאַר מיר, און ווידער אין וועג קען מען גאָרניט וויסען; אין וועג טאָר מען זיך ניט אַוועקלאָזען אָהן עסען־וואַרג, אַזוי בין איך שוין געוואָהנט פון תמיד־אָן.

— נאַרישקייטען, ענטפערט דאָס ווייבעל און פערעדט זיך מיט אַנדערע.

— אַ יוד, וועט ניט אַרויסלאָזען קיין קאָפּיקע פון דער האַנד. אַ יוד נעהמט זיך מיט עסען פון דער היים, ער זאָל ניט דאַרפען איבערצאָהלען אַ איבעריגע קאָפּיקע אויף די סטאַנציעס; דעריבער האָבען יודען געלד.

מיט די ווערטער האָט זיך געווענדעט די פּריצ׳טע צו אַלע אין וואַגאָן.

די ניט־יודען האָבען שטעכענדיג געלאַכט.

— גלויבט מיר — האָט זיך אָנגערופען דאָס פּריצ׳ל — אַז דאָס „אָרעמע נעבעך־יודעל“, וואָס עסט אַ הערינג מיט ברויט, וועלכען ער פיהרט פון דערהיים, — איז אויך אָנגעשטאָפּט מיט געלד און לייהט געלד אונזערע ברידער אויף פּראָצענט.

— אַלע יודישע שונאים מעגען דאָס פערמאָגען אויף צו קרענקען, וויפיעל איך פערמאָג, האָט דאָס יודעל געמורמעלט אונטער דער נאָז און ווייטער געקייעט זיין הערינג מיט ברויט.

— וואָס אַרט עס אייך, — טרייסט איך איהם, — פערמאָגט אייך וויפיעל איהר ווילט — אַבי איהר האָט ניט צוגענומען יענעמס. זאָגט נאָר, וואו פאָהרט איהר עס?

— איהר מיינט עס אַרט מיך? איך בין שוין געוואָהנט צו זיי. עס אַרט מיך, פאַרוואָס האָב איך טאַקע ניט? איהר פרעגט מיך, וואוהין איך פאָהר? — אין אַ וואַלד פאָהר איך. איך וועל דאָרט פערברענגען עטליכע שעה און מאָרגען פאָהר איך אַהיים אויף פּורים צו דער סעודה. אָבגעפאַסט אַ טאָג; אפילו די מגילה ניט געהערט, וואָס טהוט מען ניט צוליעב פּרנסה? האָטש פּורים צו דער סעודה זאָל גאָט ברענגען אַהיים.

* *

*

די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבען אָנרוקען ווייטער און עס האָט אָנגעהויבען פּאַטשען דער שניי אין די פענסטער פון וואַגאָן.

דאָס פּײַפֿען פֿון דעם לאָקאָמאָטיװ האָט זיך צונױפֿגעמישט מיט דעם סװיסטשען און פּײַפֿען פֿון דעם װינד, דער צוג האָט אָנגעהױבען געהן לאַנגװײַליג, אויף יעדער סטאַנציע האָט ער אָנגעהױבען שטעהן מעהר װי שטענדיג, און ענדליך, נאָך האַלבער נאַכט, איז דער צוג אינגאַנצען געבליבען שטעהן אין מיטען פֿעלד...

די קאָנדוקטאָרען האָבען איבערגעגעבען, אַז װײַטער איז אונמעגליך צו פֿאָהרען; דער שניי האָרט ניט אויף צו שיטען און דער װינד האָט זיך פֿערגרעסערט און טראָגט אָן אויף דער ליניע גאַנצע בערג שניי. מען מוז װאַרטען ביז אין דערפֿריה, װען עס װעט אָנקומען אַ פּאַרטיע אַרבײַטער, אָבצורייניגען דעם װעג.

מען איז געשלאָפֿען אַ אונרוהיגע נאַכט, און װען מען האָט זיך אויפֿגעחאַפּט, איז שוין געװעזען גרױסער טאָג. דער שניי מיט דעם װינד האָבען ניט אויפֿגעהערט, די װאַגאָנעס זענען געשטאַנען ביז איבער די רעדער אין שניי און קיין אַרבײַטער אָבצורייניגען דעם װעג זענען ניט געקומען. איינער האָט בײַם צװײטען ניט אויפֿגעהערט צו פֿרעגען, ביז װאַנען װעט מען שטעהן, נאָר קיינער האָט ניט געװאוסט, װאָס צו ענטפֿערן. װער עס האָט געהאַט בײַ זיך עפּעס צום עסען, האָט איבערגעחאַפּט דעם הונגער. דער האָט געקײַעט אַ בײגעל, דער האָט געסמאָטשקעט אַ קאָנפֿעקט, נאָר אַזעלכע גליקליכע זענען געװעזען זעהר װעניג, און מען האָט אַליין געװאַרט, אַז אַ פּאָר קאָנדוקטאָרען, װעלכע זענען אַװעק צו־פֿוס צו אַ נאָהענטער סטאַנציע, װעלען עפּעס ברענגען.

איינינע פּאַסאַזשירען האָבען אָפֿען אַרױסגעזאָגט זייער פּראָטעסט קעגען די אָרדנונג פֿון באַהן־מיניסטריום.

— װאו איז דער מיניסטער און װאו זענען מיר? — האָט איינער בײַ־טער געלאַכט — רעדט צו דער װאַנד!

איבערהויפּט זענען אָנגעפֿאַלען אויף דעם װעג־מיניסטער דאָס פּריצ'ל מיט דער פּריצ'טע.

עס איז שוין געװעזען האַלבער טאָג, װען דאָס װאַלד־יודעל האָט אָבגעדאַװענט.

— װאָס זאָגט איהר עפּעס אויף היינטיגען פּורים? — האָט ער זיך געװענדעט צו מיר מיט אַ זיפֿץ — נעכטען געפֿאַסט, די מגילה ניט געהערט, היינט — אויך נישט, און זיץ צו דער סעודה אין װאַגאָן און װאַרט אויף דעם נעכטיגען טאָג.

— נו, מען דאַרף זיך זעצען צו דער סעודה. עס איז אפילו אַ ביסעל נאָך צופֿריה, נאָר עס קלעמט דאָס האַרץ.

און אַזוי רעדענדיג, האָט ער אַרויסגעשלעפּט זיין קוישעל, דאָס אַנידערגעשטעלט אויף דער באַנק, פון זיין צונויפגעלעגטען פּעלץ האָט ער געמאַכט אַ טישעל, וועלכעס ער האָט פּערדעקט מיט אַ פּאַפּיער.

— צוליעב יום=טוב דאַרף מען זיך היינט נעהמען צום האַלבגעבאַקענעם קוילעטש. איך קען אייך פּערבעטען פאַר אַג׳אורח צו דער סעודה,— האָט ער זיך געווערטעלט, איינלאַדענדיג מיך צו זיין טיש, ווייסענדיג, אַז איך האָב מיט זיך גאָרניט.

אַנידערשטעלענדיג דאָס פלעשעל בראָנפען מיט דער חלה און אַ הערינג, האָט ער זיך ווייטער געווערטעלט:

— איהר וועט מיר מוחל זיין, וואָס די היינטיגע סעודה איז ניט אַזוי גרויסאַרטיג און מען מוז טרינקען פון איין גלעזעל.

אונזער סעודה האָט געהאַט דעם זיבעטען טעם און מיר האָבען געשמאַק געגעסען.

דער פּריץ מיט דער פּריצ׳טע, וועלכע האָבען זיך די גאַנצע רייזע געהאַלטען פון דערווייטענס פון דעם וואַלד=יודעל און געקוקט פון אויבען אַראָב מיט עקעל צו דעם „שמוציגען״ יוד, דערזעהענדיג, ווי מיר עסען, האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער און אַוועקגעגאַנגען. נאָר דער ריח פון דעם הערינג האָט זיי עפּעס צוריקגעצויגען אויף זייערע ערטער, וואו זיי זענען געזעסען מיט יסורים=געזיכטער.

דאָס וואַלד=יודעל, בעמערקענדיג, אַז זיי האָבען מיט זיך גאָרניט, האָט דעם פּריץ איינגעלאַדען, אפשר איז ער הונגעריג.

די געזיכטער האָבען זיך ביי זיי איבערגעביטען און זיי האָבען געשוויגען.

— אפשר וועסטו עפּעס נעהמען? — האָט דער פּריץ געזאָגט דער פּריצ׳טע.

— ניין, אפשר דו? האָט זי געענטפערט. נאָר דערנאָך האָבען זיי אויסגעשטרעקט די הענד צו דער חלה...

ווען דער פּריץ האָט גענומען אַ ביסעל בראָנפען, איז ער גאָר געוואָרען פרעהליך ביי אונזער „טיש.“ ער מיט דער פּריצ׳טע זענען געוואָרען היימישער און אויך גענומען אַ שטיקעל הערינג...

פון דער חלה, וועלכע די פּריצ׳טע האָט ניט אויפגעהערט צו לויבען, איז שוין ניט געבליבען, און דאָס יודעל האָט אַרויסגענומען דאָס היימישע קאָרענע גרויסע ברויט.

עס ווייזט אויס, אַז דער ריח פון דעם קאָרענעם ברויט מיט דעם הערינג איז ניט נאָר פערגאַנגען אין אונזער וואַגאָן פון דריטען קלאַס,

נאָר אויך אין די איבעריגע וואַגאָנען. מען האָט זיך דאָרט דורכ'ן קאָנדוקטאָר דערוואוסט, אַז ביי אונז געפינט זיך אַ יודעל, וואָס האָט ברויט, הערינג און בראָנפען, און עס האָבען אָנגעהויבען קומען צו אונז „דעפוטאַציעס" מיט פלעשלעך און גלעזער צו קויפען ביי'ם יודעל בראָנפען, ברויט און הערינג.

— איך האַנדעל ניט מיט עסענוואַרג, איך האַנדעל מיט האָלץ — האָט ער יעדען געענטפערט — ווער עס וויל קען קומען צו מיין טיש, כל־זמן עס איז נאָך עפּעס געבליבען.

ביסלעכווייז האָט דעם יודעל מיט זיין „טיש" אַרומגערינגעלט אַ גאַנץ רעדעל יודען און ער האָט צושניטען דאָס ברויט אויף שטיקלעך, אַרויסגענומען נאָך אַ הערינג, איהם אויך צושניטען און יעדען געטיילט מיט די ווערטער:

— אָט האָט איהר אייך „שלח־מנות".

עס איז אַריינגעקומען איינער אַ יונגער מאַן פון אַ צווייטען וואַגאָן.

— ר' יוד, האָט ער זיך געווענדעט צו איהם, אויב איהר ווילט ניט פערקויפען, לייהט מיר ברויט מיט הערינג, מיר וועלען קומען צו דער ערשטער סטאַנציע, וועל איך אייך אָבקויפען מיט דאַנק.

— זייט אַזוי גוט און „זעצט" זיך צום „טיש" — האָט דער יוד פרעהליך געענטפערט.

— מיין פרוי מיט די קינדער זענען אין דריטען וואַגאָן, עס איז זיי שווער אַהער צו קומען.

— אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש — האָט ער געזאָגט, אָבגעשניטען אַ שטיק ברויט מיט אַ האַלבען הערינג און דערלאַנגט דעם יונגען מאַן.

— נאַט אייך און זאָגט אייער ווייב און קינדערלעך, אַז איך, יוסעל דער וואַלד־יוד, שיק זיי „שלח־מנות", איהר ווייסט דאָך, אַז היינט איז פּורים.

דער יונגער מאַן האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן, האָט ער איהם אָבגעשטעלט.

— וואַרט נאָר אויס אַ ביסעל — און ער האָט אָנגעהויבען עפּעס אַרויסציהען פון קוישעל.

אַלע האָבען מיט אינטערעס געקוקט, וואָס וועט ער אַרויסשלעפּען פון קוישעל.

און ווי פערוואונדערט זענען אַלע געוואָרען, ווען ער האָט אַרויסגענומען אַ פערבונדען טיכעל, אין וועלכען עס איז געלעגען „פּורים־גרייט":

פלאָדען מיט מלכות־ברייטלעך, מאָהנדלעך און נאָך זיסע זאַכען.

דער יוד האָט גענומען אַ שטיקעל פלאָדען מיט אַ פּאָר מאָהנדלעך און דערלאַנגט דעם יונגען־מאַן:

— דער „שלח־מנות" איז פאַר אייערע קינדערלעך, איהר זאָלט זיי זאָגען, אַז היינט איז פּורים און איך האָב זיי געשיקט „שלח־מנות".

דערזעהענדיג דאָס פּורים־גרייט, זענען אַלע עפּעס געוואָרען יום־טוב'דיג און פרעהליך געלאַכט.

— ווי קומט צו אייך פּורים־גרייט, ר' יוד?

— דאָס איז אַלץ מיינע, זאָל לעבען, זי האָט עס מיט מיר געשיקט שלח־מנות אַ גאַנץ געבעקס פּורים־גרייט דעם וואַלד־יודען, צו וועלכען איך פאָהר איצטער און האַנדעל מיט איהם כמה יאָהרען, און ווי עס ווייזט אויס, אויב דער שניי וועט ניט אויפהערען, וועל איך קומען צו איהם ערשט אויף פּסח, ווען מיין ווייב וועט איהם דאַרפען שיקען מצות, היינט פאַרוואָס זאָלען מיר זיך דאָ ניט מאַכען פּורים?

און דער יוד האָט צובראָכען די מלכות־ברייטלעך מיט די מאָהנדלעך אויף קליינע שטיקלעך און געטיילט יעדען שלח־מנות.

— נו, אַ יודעל, אַ יודעל האָט אונז גאָט צוגעשיקט — האָבען אַלע געקוואָלען סיי יודען און סיי ניט יודען, וועלכע האָבען אויך פון איהם אַ הנאה געהאַט.

אַלע האָבען זיך פריינדליך און ברידערליך געהאַלטען איינס מיט דעם צווייטען און פּורים איז געוואָרען אַ יום־טוב פאַר אַלע אין וואַגאָן, אָהן אונטערשיעד פון גלויבען. דער העלד איז געוואָרען דאָס אָרעם־געקליידעטע יודעל מיט די שוואַרצע פערארבייטע גראָבע הענד.

און פרעהליך, פּורים'דיג האָט מען די צווייטע נאַכט פערבראַכט אין שניי.

און דאָס וואַלד־יודעל איז אַזוי פּורים'דיג געוואָרען, אַז ער האָט פרעהליך שוין פון לעדיגען פלעשעל געטרונקען לחיים צו'ם עולם.

— לחיים! גאָט זאָל העלפען, אַז איבער אַ יאָהר אין דער צייט זאָל פון די המנ'ס קיין שריד ופליט ניט בלייבען און יודען זאָלען אויסגעלעזט ווערען פון גלות.

— אָמן! האָבען יודען געענטפערט.

— אַמין! האָבען די ניט־יודען נאָכגעזאָגט.

דאָס וואַלד־יודעל איז אַזוי פרעהליך געוואָרען, אַז עס האָבען זיך איהם געהויבען די פיס צו טאַנצען.

— איהר הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען — האָט ער זיך אויפ־

געהויבען פון באַנק און געהויבען די פיס אויף איין אָרט — איהר הערט, אַלע ימים־טובים וועלען בטל ווערען, און דער טייערער יום־טוב פורים וועט בלייבען. קאָן זיך דען טרעפען, אַז אין אַנ׳אַנדערער יום־טוב זאָל מען בלייבען זיצען אין שני ווי איצטער מיט דעם יום־טוב פורים? — אַ? זאָגט אַליין?

אַלע האָבען געקלאַפּט בראַוואָ.

— זאָגט אַליין, איז ניט אַ פערגעניגען, אַז איין שוואַרץ קאָרן־ברויט מיט אַ הערינג האָט געמאַכט שלום צווישען די נאַציעס, וועלכע געפינען זיך אין צוג אין שני? צו וואָס־זשע האָט מען זיך אַזוי פיינד? איבער וואָס, פרעג איך אייך?

דער עולם האָט נאָך מעהר געקלאַפּט בראַוואָ און געשריען:

— לעבען זאָל דאָס וואַלד־יודעל מיט דעם קאָרענעם ברויט און הערינג!

און ביי אונז אין וואַגאָן איז אין דער דאָזיגער נאַכט אֱמת געוועזען שמחת־פורים.

---



# געגויג גראַגערען.

## I.

איך געדענק, ווען איך בין צו מיין שכל געקומען און האָב דאָס ערשטע מאָל בעטראַכט די וועלט, האָב איך אויף איהר געקוקט מיט אַזוינע גוטע אויגען, מיט אַזאַ גוט האַרץ, זי אַזוי ליעב בעקומען, אַז אַלץ, וואָס איך האָב אין דער וועלט געזעהן, איז מיר געפעלען. די זון, די לבנה, די פעלדער און וועלדער, די מענשען מיט אַלע גאָטס בעשעפענישען, וואָס פליהען אין דער לופט און וואָס געהען און קריכען אויף דער ערד, האָבען אַלע צו מיר אויך געקוקט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל, פול מיט ליעבע, און מיך גערופען זיך שפּיעלען מיט זיי, מיין האַרץ האָט זיך שטענדיג צו זיי געצויגען און געצויגען... און עס האָט זיך מיר נאָר געוואָלט טאַנצען, שפּיעלען, לאַכען און לעבען... היינט שטעלט אייך פאָר, ווי איך בין פרעהליך געוואָרען, ווען איך האָב דערשמעקט פון קיך דעם גוטען ריח פון באַקען „פורים-גרייט" און האָב זיך דערוואוסט, אַז באַלד וועט זיין דער פרעהליכער יום-טוב פורים.

נאָר פּלוצלונג בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז איך האָב שונאים, ניט קיין געוועהנליכע, נאָר דם-שונאים אויפ'ן לעבען. דערפון האָב איך זיך דערוואוסט נאָך דאַן, ווען איך בין נאָך גאָר אַ קינד געווען, ד. ה. איידער איך בין נאָך אין חדר געגאַנגען.

איך געדענק, עס איז געווען אַ המאַרנער טאָג, אַ נאַסער שניי איז געלעגען אויף דער ערד, אַ קליין פרעסטעלע האָט נאָך געהאַלטען. איך האָב געזוכט ביי אונז אויף דעם הויף אַ שטיקעל פערפראָרען אָרט וואו צו גליטשען זיך, וויל מיין מאַמע האָט מיך ווייטער פון אונזער הויף

אַליין ניט אַרויסגעלאָזט. דער גליטש איז שוין ניט אַזוי גוט און טרוקען געווען ווי פריהער מיט עטליכע וואָכען, נאָר איך גליטש זיך בונדעסט־וועגען פרעהליך און לאַכענדיג. מיין געלעכטער דערהערט די מאַמע און זי רופט מיך, איך זאָל אַריינגעהן אין שטוב.

— היינט פאַסט ניט זיך גליטשען, זאָגט מיר מיין מאַמע טרויריג.

איך קוק מיך אום אויף איהר און זעה, ווי מיין מאַמעס שׂען גע־זיכט איז בלאַס. איך האָב זיך דערשראָקען, ניט ווי־סענדיג, וואָס איז אַזוינס געשעהן.

— וואָס איז, מאַמע? האָב איך דערשראָקען געפרעגט, וואָס ביזטו אַזוי בלאַס?

— היינט איז אֶסתּר־תּענית, איך פאַסט, אַלע פאַסטען, נאָר קליינע קינדער עסען. היינט וועט דער טאַטע אויך ניט קומען צו מיטאָג...

— פאַרוואָס, מאַמע?

— עס איז געווען אַ רשע, אַ שׂונא־ישׂראל, המן האָט ער געהייסען, וואָס האָט אונז אַלע יודען מיט ווייבער און קינדער געוואָלט אוים־הרג'ענען, אינגאַנצען פערטיליגען דאָס פאָלק ישׂראל. מרדכי, וואָס איז געשטאַנען ביי'ם טויער פון מלך אחשורוש, האָט זיך פון דער שרעקליכער גזרה דערוואוסט, האָט ער צוריסען זיינע קליידער און אָנגעטהון אַ זאַק, און דעם קאָפּ בעשאָטען מיט אַש. ווען אֶסתּר־המלכּה האָט דאָס גע־הערט, האָט זי געזאָגט צו מרדכי'ן: געה נעהם צונויף אַלע יודען, און פאַסט אַלע פון מיינעט וועגען דריי טעג און דריי נעכט, און איך מיט מיינע דיענסטען וועלען אויך פאַסטען און וועל געהן צום קעניג אַחשורוש בעטען פאַר מיין פאָלק.

די מאַמע האָט מיר ווייטער געוואָלט דערצעהלען, נאָר אונזער דיענסט האָט זי גערופען פון דער קיך, ווייל דאָרט האָט מען נאָך אַלץ געבאַקען „פּורים־גרייט" מיט „המן־טאַשען".

— איך האָב קיין צייט ניט, מיין קינד, דאָס פּורים־גרייט קען נאָך פערברענט ווערען... שפּעטער... דער טאַטע וועט קומען וועט ער דיר דערצעהלען...

איך בין געבליבען אין שטוב אַליין מיט מיינע געדאַנקען. די גע־שיכטע מיט דעם שׂונא־ישׂראל האָט מיך שרעקליך פערדראָסען. ווי קומט צו אונז אַזאַ שׂונא? פאַרוואָס זאָל ער אונז פיינד האָבען? איך האָב אַזוי יודען ליעב... וואָס האָט דער המן געהאַט צו אונז, פאַרוואָס האָט ער אונז געוואָלט אוים'הרג'ענען, פאַרוואָס דאַרף נעבעך מיין גוטע מאַמע ניט עסען, זיין בלאַס, טרויריג, פאַרוואָס וועט דער טאַטע היינט ניט קומען

צו מיטאָג, פאַרוואָס לאָזט מען מיר זיך ניט גליטשען?... איך בין אין כעס געוואָרען אויף דעם המנ׳ען און האָב איהם שרעקליך פיינר געקריגען. יעדעם מאָל ווען איך האָב דעם טאָג געזעהן די מאַמען טרויריג מיט אַ בלאַס געזיכט און מיט ווייסע ליפען, האָט מיין האַרץ געציטערט פון גרויס כעס אויף דעם שונא־ישראל.

דעם גאַנצען טאָג האָב איך זיך אַרומגעדרעהט טרויריג און מלא־רציחה אויף המנ׳ען.

* *

*

פנאַרנאַכט איז דער טאַטע געקומען און מיר געזאָגט:

— טהו זיך אָן אויף גיך, מיר וועלען באַלד געהן קלאַפען המנ׳ען און מיר אין דער האַנד געגעבען אַ געוועהר: אַ גייעם בלישטשענדיגען, בלעכענעם „גראַגער“.

איך האָב זיך איינגאַנצען אָנגעצונדען פון פרייד, וואָס איך וועל זיך קאָנען נוקם זיין אָן דעם שונא־ישראל און מיט אַ געשריי פון שמחה האָב איך אָנגעהויבען אין דער לופטען פרובען מיין גראַגער... ער שרייט... ער גראַגערט... ער קלאַפט... ער שלאָגט... איך בין נאָך פעסטער און שטאַרקער ביי זיך געוואָרען און מיט גיכע, איילענדיגע טריט בין איך געלאָפען מיט דעם טאַטען זיך נוקם זיין אָן שונא...

---

## II.

די שוהל איז געווען בעלויכטען און אָנגעפּאַקט מיט יודען, און איך מיט נאָך פיעל יונגלעך האָבען זיך אויסגעשטעלט אויף די בענק, אַלע מיט גראָגערס אין די הענד. פון מיינע גראַגער־חברים האָב איך זיך דער־וואוסט, אַז מען וועט באַלד לייענען פון אַ פאַפּיער אַ גאַנצע מגילה און ווען מען וועט קומען צו המנ׳ען, דאַרף מען קלאַפען, שלאָגען.

אַ יונגעל מיט אַ גרויסען גראַגער האָט דערצעהלט:

— אַזאַ רשע! אַזאַ המן! ער איז געקומען צום מלך אַחשורוש און געזאָגט: ישנו עם אֶחָד, עס איז פאַראַן אַ פאָלק יודען, וואָס זענען צוזייעט און צושפּרייט צווישען אַלע פעלקער, דערום זאָל מען זיי ניט לאָזען לעבען אויף דער וועלט, אַזאַ שונא־ישראל!

— איך וועל שטארק קלאַפּען! — האָט זיך איינער בערימט און אַ מאַך געטהון מיט דעם גראַגער אין דער לופטען.

— אָ, איך וועל נאָך שטאַרקער קלאַפּען! האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופען און אַ טופּע געטהון מיט'ן פוס.

אַלע האָבען דאָס זעלבע געטהון און די באַנק האָט געציטערט.

— קינדער! — האָט איינער געקאָמאַנדעוועט, — שטאַרק און גיך דאַרף מען קלאַפּען, ווען עס וועט אָנקומען המן מיט אַלע זיינע צעהן זיהן.

דאָ האָב איך זיך שוין אַ ביסעל דערשראָקען; די מאַמע האָט מיר דערצעהלט נאָר פון איין שונא, דער טאַטע האָט מיר אויך געזאָגט, אַז מיר וועלען געהן המנ'ען קלאַפּען, און דאָ דערוויס איך זיך, אַז אויסער המנ'ען, האָבען מיר נאָך אַ סך שונאים. איך האָב אַ קוק געטהון אויף מיינע חברים און געזעהן, ווי מיר זענען דאָ אַ סך און ווי אַלע זענען פרעהליך אָנגעגרייט מיט געוועהר אין די הענד צו קלאַפּען די אַלע שונאים, בין איך ווידער ביי זיך שטאַרק געוואָרען און זיך צוגעגרייט קלאַפּען ביז מיינע לעצטע כחות.

דער שמש האָט געגעבען אַ פּאַטש אין טיש. עס איז געוואָרען שטיל. איינער האָט אָנגעהויבען לייענען, מען לייענט און מען לייענט, עס איז שטיל... די גראַגערס ציטערן גרינג אין אונזערע הענד, מיר שטעהען קוים איין, מיר קענען זיך ניט איינהאַלטען און מיר רייסען זיך מיט אונזער געוועהר צום שונא. יעדער מינוט, יעדער סעקונדע זענען מיר גרייט אָנהויבען קלאַפּען המנ'ען, נאָר עס איז שטיל און מען לייענט ווייטער... איך הער זיך צו צו יעדען שאָרך, איך לאָז ניט אַראָב די אויגען פון מיינע חברים און פון זייערע גראַגערס.... איך זאָל גלייך מיט זיי אָנהויבען שלאָגען דעם שונא. זיי קוקען אויך איינער אויף דעם אַנדערען און אויף מיר, יעדער וויל זיין דער ערשטער... קיינער וויל ניט זיין דער לעצטער... און צו אונזער גרויסע פרייד דערהערען מיר אַ געשריי, דעם לאַנג ערוואַרטעטען „המן“! אונזערע הענד האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען. עס איז געוואָרען אַ שרעקליך גערויש פון דעם גראַגערן און פון דעם קלאַפּען מיט די פיס. דאָס בלוט האָט אין מיר אָנגעהויבען קאָכען און לויפען אין פנים אַריין... ווייטער אַ געשריי „המן“, און מיר האַפּען זיך ווידער צו אונזער געוועהר, דער רעש איז נאָך גרעסער. נאָך אַ מינוט... טראַך — ווייטער „המן!“... אַלע מינוט „המן!“ און „המן!“. מיינע הענד אַרבייטען מיט אַלע קרעפטען... אפילו אַלטע יודען קלאַפּען המנ'ען מיט די פיס... און אָט זענען געקומען אַלע שונאי־ישראל

מיט איין מאל, המן מיט אלע זיינע צעהן זיהן... גיך... לוי־פען זיי אן... דער רעש מיט דעם געפילדער פון קלאפערייַ און גראגעריי איז אהן אנ'אויפהער... מיר ארבייטען שוין מיט די לעצטע קרעפטען... מיר האפען קוים דעם אטעם, מיר פיהלען ניט די הענד... מיר וועהען גארניט... מעהר ניט ווי א גרויסער רעש און טומעל און קלאפען, גראגערן, שרייען, לאכען, אלע קולות פערמישען זיך צוזאמען און עם הודעט און ציטערט די לופט...

---

III.

נאך דער מגלה... מיינע באקען ברענען, מיינע אויגען פלאקערן, מיין גראגער טראג איך אהיים צוברשאכען... מיינע הענד סקאליעטשעט... מיינע פיס טהוען מיר וועה... נאר איך בין פרעהליך... זיך נוקם גע־חען אן אונזערע שונאים, גוט זיי אנגעקלאפט... פאר מיין מאמען, פאר מיין טאטען און פאר מיינע ברידער. מיין מאמע איז אויך פרעהליך... מיר זיצען אלע ארום טיש, מען עסט און מען טרינקט, דער טאטע דערצעהלט מיט גרויסקייט, אז מיר יודען האבען שוין געהאט גענוג המנ'ס, גענוג שונאים, וואס האבען אונז געוואלט פערטיליגען, נאר מיר יודען זענען א שטארק פאלק, מיר לעבען זיי אלע איבער און פון די אלע המנ'ס איז קיין זכר ניט געבליבען....

נאך אזוי פיעל גראגערן, קלאפען און ארבייטען, בין איך די גאנצע נאכט זיס און געשמאק געשלאפען.

* *

*

אויף מארגען זענען מיר אלע אויפגעשטאנען פרעהליך און יום־טוב'דיג. פיעל פריינד האבען אונז געשיקט „שלח־מנות" און ארימע לייט האט מען געטיילט געלד דעם גאנצען טאג. אויף דערנאכט, צו דער סעודה, זענען געקומען פורים־שפיעלער און מען האט אונז פרעהליך געמאכט און מיר האבען זיך גענוג אנגעלאכט פון המנ'ען און אנגעקוואלען הערענדיג, ווען אחשורוש האט געזאגט צו המנ'ען: „זאלסט מרדכי'ן אנטהון אין מיין קלייד און מאכען רייטען אויף מיין פערד און פיהרען אזוי דעם יודען

אויף דער גאַס און שרייַען: „אַזוי טהוט מען דעם מענשען, וואָס דער מלך וויל זיין כבוד!“

*　　*

*

אַזוי האָבען מיר מיט דעם גראַגער בייַגעקומען און זיך נוקם געווען אָן אונזערע שונאים.

דאָס איז געווען, ווען מיר זענען קליינע קינדער געווען.

איצטער זענען מיר שוין אויסגעוואַקסענע מענשען.

און וואָס טהוען מיר איצטער, געגען די הייַנטיגע המנ׳ס?

מיר גראַגערן.

. . . . . . . . . . . . . .

# א געלעכטער.

## I.

בערקע דאס ארימע קלויז־יונגעל איז א גאנצען ווינטער געגאנגען אין צוריסענע שטיוועל, ער האט ניט געקאנט צוזאמענקלייבען גאנצע צוויי־רובל אויף א פאר שטיוועל, דערום איז איהם א גאנצען ווינטער געראנגען אין די פיס, זיין איינציגער געדאנק, אז ער זאל שוין האבען גאנצע שטיוועל, עס זאל איהם שוין זיין ווארעם און טרוקען אין די פיס, איז געוועזען — פ ו ר י ם.

פורים! פורים! פלעגט זיך איהם טאג מיט נאכט חלום'ן אין קלויז הינטער דעם אויבען.

א! ווי פיעל גרויסע טעג מיט לאנגע נעכט זענען ביי בערקע'ן אוועקגעגאנגען מיט דעם זיסען חלום, אז עס וועט אמאל זיין פורים.

— פורים וועל איך ארומטראגען שלח־מנות, אין איין טאג מאכען 10 גילדען (נאך א האלב קערבעל וועט זיך שוין מוזען געפינען; זאל נאר זיין די צעהן גילדען), האט ער געטראכט א גאנצען ווינטער, און וואס ער איז עלטער געווארען מיט א טאג נעהנטער צו פורים איז בערקע אלץ יונגער און גליקליכער געווארען.

---

## II.

בערקע האט דערלעבט פורים און גאט וואס באשערט אלע יודען, האט איהם אויך באשערט א גוטע שטעלע אויף צו טראגען שלח־מנות.

האָטש אין דרויסען איז געווען גליטשיג און קאַלט, אין בערקעס צוריסענע שטיוועל האָט געדרונגען, געבלאָזען אין אַלע זייטען מעהר ווי אַ גאַנץ ווינטער, נאָר פון דעם נאָלדענעם געדאַנק, אַז: אָט, אָט קומט צו אין קעשענע נאָך אַ פּיאַטאַק, נאָך אַ זעקסער, אָט, אָט, היינטיגען טאָג (מעהר ניט ווי היינטיגען טאָג) וועט ער שוין האָבען אויף גאַנצע שטיוועל, מאָרגען אין דער צייט וועט שוין נישט רינען אין די פיס, עס וועט שוין ניט בלאָזען (אוי דאָס בלאָזען!...) — אָט פון די גליקליכע געדאַנקען איז איצט בערקע געפלויגען ווי אַ וויכער, ווי אַ פייגעלע, מיט אַ גרויסער טאַץ און שאָלען אין די הענד, עס איז איהם וואַרעם אין אַלע אברים אפילו אין די פיס, ער פיהלט זיך יעצט גליקליך און גוט.

און פאַר וואָס ניט? — אַז פּיאַטאַקעס מיט זעקסערס וואַקסען צו אַלע מאָל אין זיין קעשענע ווי קראָפּעווע!

---

## III.

פאַר נאַכט. אַ סך יודען זיצען שוין ביי דער סעודה, עס לייכט זיך שוין פון יעדען פענסטער, שוין פון אַ שעה אַז אין דרויסען קראָפּעט אַ דראָבנער רעגען, וואָס קריכט פּאַוואָליע גלייך אין די ביינער, בערקע מיט דער טאַץ אין די הענד פליהט נאָך גיכער ווי אַ וויכער, ער פיהלט ניט קיין רעגען, קיין קעלט, ער פיהלט נאָר ווי עס איז איהם גוט און זיס אין אַלע זיינע אברים; ער פיהלט, ווי זיין קעשענע איז שוין פול מיט מינץ, איין נאָט ווייסט, וויפיעל דאָרט איז שוין דאָ... בערקע שרעקט זיך אַ טראַכט צו טהון טאַפּענדיג די קעשענע: אַ נו טאָמער איז נאָך דאָ מעהר ווי צוויי קערבלעך.... אויסער שטיוועל וועט נאָך בלייבען אין קעשענע עטליכע גראָשען... ניין, ניין ער וויל גאָר ניט טראַכטען, ער האָט מורא פאַר דעם געדאַנק, ער זאָל ניט משוגע ווערען פון גליק... סטייטש, אַלעס אין איין טאָג!?

בערקע נאַרט זיך אַליין אָב: — ניין, ניין, עס איז מעהר ניט דאָ ווי איין קערבעל... שפּעטער וועט נאָך ווערען אַ האַלב קערבעל... רעדט בערקע צו זיך אַליין.

---

## IV.

אָרעמער בערקע! דאָס איז זײַן ערשטער גליקליכער טאָג אין זײַן גאַנץ לעבען!... און טראַכטענדיג אַזוי פון זײַן גליק — פון זײַן פולער קעשענע שלאָגט ער זיך אָן אויף אַ גליטשיג שטיקעל אָרט, זײַן פוס טהוט זיך אַ דריי... מיט אַלע קרעפטען וויל ער זיך האַפּען צוריק, ער קאָן ניט... ער פאַלט... פאַלט... ער גליטשט זיך אויס!... און... פון דער צובראָכענער טאַץ מיט די שאָלען מיט „שלח מנות״, פון דער קעשענע מינץ, וואָס האָט זיך אויסגעשאָטען, הערט זיך אַ קול איבער דער גאַנ־צער גאַס. דער רעש פון דער צובראָכענער טאַץ מיט די שאָלען, דאָס קלינגערײַ פון דעם מינץ רופט צונויף אַ רעדעל מענשען, מען זעהט, ווי „שלח מנות ליעגט אין בלאָטע״, אַלע האַלטען זיך בײַ די זײַטען פון געלעכטער, און בערקע וויינט ביטער, ביטער...

דאָס ביסעל מינץ, וואָס בערקע האָט פון בלאָטע צונויפגעקליבען, האָט ער געמוזט פאַר דעם שאָדען בעצאָהלען... און דער עולם הערט זיך ניט אויף צו האַלטען בײַ די זײַטען פון גרויס געלעכטער....

מאשינען-זאַץ-דרוקערײַ פון נ. ראָזענפעלד, פאַנסקאַ 20.